UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 58 - Winter 1970 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9mm3n67x

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 58(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1970

Copyright Information
Copyright 1970 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 58

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

ווינטער נומער • ה'תש"ל — 1970

# אינהאַלט


אַלעקס ראַבין: דער וועלט צוזאַמענפאָר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס — — 3
משה שקליאַר: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — 10
זלמן זילבערצווייג: די יידישע טעאַטער קריטיקערס אין אַמעריקע — — — 11
מאיר זימל טקאַטש: געגעזונג (לידער) — — — — — — — — — — 17
א. גאָלאָמב: וועגן לעבן אין צוויי קולטורן — — — — — — — — — 18
רבקה קאָפע: געזאַנג צום געפיל (ליד) — — — — — — — — — 23
מ. גיציס: ביים אָפּגרונט (דערציילונג) — — — — — — — — — 24
זלמן שלאָסער: אברהם מענעס און זיין היסטאָריאָגראַפישע שיטה — — — 31
ז. בונין: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — 37
חיים לייב פוקס: שטילקייט (ליד) — — — — — — — — — — 39
מ. אָליצקי: אַ שאָד, אַ שאָד (ליד) — — — — — — — — — — 39
פּינטשע בערמאַן: — צוויי לידער — — — — — — — — — — 40
רבקה ס. גאָלאָמב: אַ געוויינלעכע מעשה (רעפּאָרטאַזש) — — — — — 41
אריה פּאָזי: אַן אַריינפיר צו קבלה (קאַפּיטל צוויי) — — — — — — 47
מ. חסיד: בעקבתא דמשיחא (ליד) — — — — — — — — — — 56


## ביכער און שרייבערס


א. באַראַבאַן: ר׳ זלמן שזר — נשיא וסופר — — — — — — — — 57
יעקב גלאַטשטיין: זלמן זיבערצווייג איז זלמן זילבערצווייג — — — — 60
אהרן צייטלין: דער „תניא" ווערט נסתלק (ליד) — — — — — — — — 61
י. עמיאָט: אהרן צייטלין (צו זיין באַקומען די לייוויק־פּרעמיע) — — — — 62
אַלעקס ראַבין: ווילי (וועלוול) שאָר — אַ יחיד במינו — — — — — — 63
באַגריסונגען צו וועלוול שאָר צו זיינע 85 יאָר — — — — — — — — 65
סאָניע אָמאַן: מיין זיידנס אוצר (ליד) — — — — — — — — 68
אורי צבי גרינבערג: די וואָס לעבן אין זייער זכות (ליד) — — — — — 69
נייע ביכער — — — — — — — — — — — — — — — — — 70
שמואל ווייס: אין און אַרום די ל. א. יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס — — 72



**HESHBON**

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

M. LEDERMAN, Executive Secretary

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY

SCHWARTZ PRINTING CO.

100



אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס, מיטרעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

שמואל סיגל, אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנטן
מאיר לעדערמאַן, פאַרוואַלטער

25טער יאָרגאַנג, נומער 58 • ווינטער, תש"ל • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


אַלעקס ראַבין

## דער וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס

ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה אַז דער יידישער קולטור־קאָנגרעס רופט אַ צוזאַמענפאָר אין דעצעמבער, 1969, אין ניו־יאָרק מיט דער באַטייליקונג פון אַלע יידישע ישובים, איז מיין ערשטער אימפּולס געווען אַז איך וואָלט וועלן זיין דערביי. איך בין געווען ביי דער גרינדונג פון קולטור־קאָנגרעס אין 1948. ס'איז דעמאָלט פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש. אונדזער גרויסער חורבן איז נאָך געווען פריש און ס'איז אויך געווען קורץ נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל. פון די אייראָפּעישע ישובים זיינען געקומען די שארית הפליטה, און די לופט איז פול געווען מיט טיפן צער און אַ סך האָפענונג. מיר האָבן געהאָפט אַז ס'וועט געלייגט אַ יסוד פאַר אַ רענעסאַנס פון דער יידישער קולטור. די הויפּט לאָזונגען ביי יענעם צוזאַמענפאָר זיינען געווען: געדענקען, זאַמלען און דרוקן.

ס'האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט אַ סך פון אונדזערע גדולי הדור, גייסטרייכע פירער, וועלכע האָבן מיט זייער וואָרט געקענט אָנצינדן און באַגייסטערן. מיר זיינען זיך צונויפגעקומען מיטן געפיל, אַז מיר זיינען ערב אַ נייער עפּאָכע, אַ גרויסן אויפשוונג און באַנייאונג.

איך בין אויך געווען ביים שול־צוזאַמענפאָר וואָס דער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט פאַררופן אין מאַי 1965. דאָס איז געווען אַ קלענערער צוזאַמענטרעף און באַגרענעצט פאַר שמועסן וועגן שול און דערציונג. ס'האָט שוין געפעלט אַ טייל פון די גרינדערס, די שטימונג איז שוין ניט געווען אַזאַ האָפערדיקע און די טענער זיינען שוין געווען אַ סך נידעריקערע. אָבער די אָנפירערס און די דעלעגאַטן זיינען געווען פול מיט גלויבן. מ'האָט זיך דורכגערעדט, אָנגענומען באַשלוסן און צעפאָרנדיק זיך האָבן מיר געהאָפט אַז ס'שאַפט זיך אַ בעסערער קלימאַט פאַר אונדזער דערציונגס־אַרבעט.

איז פאַרשטענדלעך אַז איך זאָל האָבן גרויסע נייגעריקייט צו זיין אויך ביי דער איצטיקער קאָנפערענץ.

גלייכצייטיק זיינען מיר אָבער אויך באַפאַלן ספקות: זיינען דאָך אונדזערע דערגרייכונגען זייער באַשיידענע; דאָס יידישע וואָרט ווערט אַלץ שוואַכער אין אונדזער אַרום; פון די פריערדיקע אָנפירערס זיינען געבליבן געציילטע; אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט אפילו דער רוף צו אָט דער וויכטיקער אסיפה ניט אַרויסגערופן צופיל באַגייסטערונג; ס'האָט זיך געפילט פלעגמאַטישקייט; די פּרעסע האָט יאָ אַביסל געשריבן וועגן דעם, אָבער קיין וואָגיקע אַרטיקלען אין די צייטונגען אָדער זשורנאַלן וועגן די תוך־ענינים פון דעם צוזאַמענפאָר זיינען ניט געווען, אויסער דאָ און דאָרט אַ קורצער

---

אַלעקס ראַבין איז געווען דער דעלעגאַט פון די לאָס אַנגעלעסער יידישע קולטור־קרייזן צום וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

נאָטיץ. אפילו אין די קרייזן וואָס זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם צונויפרוף פון דער קאָנפערענץ איז דער אינטערעס זייער שוואַך. מ׳האָט ניט געהערט אַז פראָווינץ־שטעט זאָלן דעלעגירן פאָרשטייערס. אמת, איך האָב פאַרשטאַנען אַ סך פון די סיבות: באַגרענעצטע געלטמיטלען, דאָס פעלן פון אַן אַפּאַראַט, דאָס פעלן פון מענטשן הן אויפן אידעאָלאָגישן שטח און הן אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן. במילא פעלט „פּאָבליק רילײשאָן.“ אָבער אויפן צוזאַמענפאָר וועט זיך דאָך דאָס מוזן אויסווירקן. אַזוי האָבן צו מיר גערעדט די ספקות.

אָבער מיט דער דערנענטערונג פון דער קאָנפערענץ האָב איך אָנגעהויבן זען דעם ענין אין אַן אַנדער ליכט. איך האָב געשטעלט די פראַגע אַנדערש: וואָס דערוואַרט מען פון דעם צוזאַמענפאָר? מ׳קען דאָך טייטשן פאַרקערט: ווייל אונדזער פּאָזיציע איז אַזאַ אָפּגעשוואַכטע, איז נייטיק זיך צוזאַמענקומען און זען טאָן עפּעס וואָס זאָל העלפן שטאַרקן דעם מוט פון די וועלכע שטייען נאָך ביי דער אַרבעט. אַ מאָל פילט זיך אַז דער אַרום האָט אָנגעהויבן אָפּפרעגן דעם תוך פון אונדזער אַרבעט. איז ביי אַזאַ מצב וויכטיק אַז פאַרטרעטערס פון יידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן עקשנותדיק אויף דאָס ניי פּראָקלאַמירן אונדזער איבערגעבנקייט צו יידיש און צו דער חשיבות פון אונדזער פאָלקס־לשון. אָן דעם וועלן מיר ווערן אין גאַנצן אָפּהענטיק. ס׳איז נייטיק אַ פרישע מאָביליזאַציע פון אונדזערע אייגענע כוחות. מיר מוזן זיך אַליין באַנייען. אויב אפילו לשם דעמאָנסטראַציע, זיך לאָזן הערן אַז מיר זיינען דאָ, ס׳זאָל אונדז אויפמונטערן און סטימולירן, מיר זאָלן אַליין אַריינגעצויגן ווערן אין פלענער און אַקטיוויטעטן.

און אַזוי טראַכטנדיק האָב איך אין געדאַנק געגעבן דעם צוזאַמענפאָר מיין ברכה.

אָט די השערות האָבן זיך אין גאַנג פון דער קאָנפערענץ באַשטעטיקט אין אַ גאָר גרויסער מאָס און דער עיקר צווישן די אויסלענדישע דעלעגאַטן. ס׳זיינען געווען גרעסערע און קלענערע דעלעגאַציעס פון צוועלף לענדער. פון ישראל און אַרגענטינע איז דער עלעמענט געווען אַ ייִנגערער ווי די פאַרטרעטערשאַפט פון די שטאַטן און קאַנאַדע. פאַר די מערסטע פון זיי איז דאָס געווען דער ערשטער וועלט־צוזאַמענפאָר, ווו מ׳האָט זיך באַגעגנט מיט חברים, קולטור־טוערס, שרייבערס פון פאַרשיידענע לענדער, וועמעס הויפּט־אינטערעס איז יידישע קולטור און יידיש לשון. ס׳האָט זיך געפילט די וואַרעמקייט פון איינעם צום צווייטן. ס׳איז פאַר זיי געווען אַ טיפע איבערלעבונג אין זייער לאַנגיאָריקער קולטור־טעטיקייט.

להיפוך צו די דעלעגאַטן פון די שטאַטן, וועלכע האָבן שוין בייגעוווינט אַ סך גרעסערע צוזאַמענקונפטן, מיט די פאַרדינסטפולסטע פערזענלעכקייטן פון אונדזער דור און מיט מער פאַרטיפטקייט און מער אינהאַלט, איז אַזאַ באַגעגעניש פאַר די אויסלענדישע דעלעגאַטן געווען פון גאָר גרויסן באַדייט. זיי האָבן זיך געפילט דערהייבן און דערמוטיקט. די אַמעריקאַנער זיינען ניכטערער, סקעפּטישער אין פאַרגלייך מיט די פאָרשטייערס פון דרום אַמעריקע און אייראָפּע.

די גמרא דערציילט, אַז ווען די יידן האָבן פון גלות בבל זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים און אויפגעבויט דעם צווייטן בית־המקדש, האָט די יוגנט באַוווּנדערט די שיינקייט פונעם בנין און האָט געטאַנצט און געזונגען זיך פרייענדיק מיט דער באַנייאונג פון גאָטס הויז; אָבער די עלטערע, וועלכע האָבן נאָך געדענקט די פּראַכט און רייכקייט פון ערשטן בית־המקדש וואָס איז חרוב געוואָרן, האָבן טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטילערהייט געוויינט. זיי האָבן געוווּסט אַז ס׳קומט ניט צום אַלטן.

די אַמעריקאַנער, געדענקענדיק די גדולי הדור, וועלכע מיר האָבן אַמאָל געקענט און וועלכע פלעגן דערהייבן די צוזאַמענפאָרן מיט זייער שאַרפן וואָרט, האָבן געהאַט גרויסע רעזערוואַציע בנוגע דעם צוזאַמענפאָר. זיי האָבן ניט געקענט פאַרגעסן אַמאָליקע צוזאַמענקונפטן. אָבער די פאַר וועמען ס׳איז אַלץ געווען ניי, האָבן שטאַרקער געפילט די פרישע לופט און לעבעדיקן אָטעם פון די צונויפגעפאָרענע, און דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן באַגייסטערונג און האָפענונג, וואָס זיי האָבן אַוועקגעטראָגן צו זייערע ישובים. זיי האָבן בעסער אָפּגעשאַצט די שליחות פון דער קאָנפערענץ. איינער האָט טאַקע געזאָגט: ס׳איז אַ צוזאַמענפאָר פון גלויבן. אַן אַנדערער האָט געזאָגט: ווער ס׳גלייבט ניט אין נסים היינטיקע צייטן איז ניט קיין רעאַליסט. (דוכט זיך פּאַראַפראַזירט וויצמאַנען). נאָך איינער האָט געזאָגט: קוקט ניט וואָס פאַר אַ פּראָצענט מיר זיינען אין לאַנד, לאָמיר זיין הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין.



די דערעפענונג איז געווען באמת אַ פייערלעכע, מיט התרוממות הנפש, די שטימונג איז זאַל איז געווען געמישט מיט האָפענונג, גלויבן און עצבות. דעם כבוד צו דערעפענען די היסטאָרישע קאָנפערענץ איז צוגעטיילט געוואָרן דעם דיכטער און זשורנאַליסט אפרים אויערבאַך, ווי דעם עלצטן פון די סופרים מיטגרינדערס פון דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס מיט 21 יאָר צוריק. אויערבאַך און די אַנדערע רעדנערס האָבן דערמאָנט מיט פאַרערונג אַ צאָל נעמען וועלכע זיינען מער ניטאָ מיט אונדז. אַ רוף אַז יידיש איז ניט קיין מצווה נאָר אַ היסטאָרישער מוז; אַז יעדער אָנגריף אויף יידיש איז אַן אָנגריף אויפן יידישן פאָלק; אַז אונדזער גורל איז ווי דער גורל פון די נביאים — אַ מאָל פאַראיינזאַמטע דאַרפן מיר שרייען און פאָדערן, הגם מ׳וויל אונדז אַ סך מאָל ניט הערן. ס׳איז צייט פאַר גרויסע מעשים. אויב ניט איצט קען חלילה ווערן צו שפּעט. אין די רייד האָט זיך געפילט די גרויסע סכנה און מורא. און אַ שטילער ציטער, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, איז אַדורך איבערן זאַל. ביי דער זיצונג זיינען די דעלעגאַטן באַהערשט געוואָרן פון אַ ווילן צוזאַמעננעמען זיך, ניט באַפרידיקן זיך דורך בלויז זיין צושויערס, נאָר אַליין ווערן אָנטיילנעמערס. מ׳האָט דערפילט אַ נאָענטקייט און געמיינשאַפטלעכקייט צווישן אַנאַנד.

שפּעטערדיקע רעדנערס האָבן גערעדט וועגן איבערשאַצונגען פון ווערטן: אַז ס׳איז נייטיק צו שטאַרקן די פּאָזיציעס פון יידיש; אַז יידיש איז ניט נאָר אַ לשון, ס׳איז אַ ציוויליזאַציע; דער שטאַרקער כח פון יידיש וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַזוי פיל נגישות, פאַרפאָלגונגען. די רעדנערס רופן צו אייניקייט און עקשנות.

ד״ר. עזריאל נאַקס ווייזט אָן, אַז דאָס יידישע פאָלק דראָעט אַמנעזיע פון דער אַשכנזישער עפּאָכע אויב מ׳וועט פאַרגעסן יידיש.

חיים בעז, דער סעקרעטאַר פון קולטור־קאָנגרעס, אָפּשאַצנדיק דעם מצב פון יידיש, דערציילט מיט ווייטיק אַז אַ רעפּרעזענטאַנט פון יידיש איז אין דער געזעלשאַפט כמעט ווי אָפּגעזונדערט אָדער אויסגעשלאָסן. סאָציאָלאָגן, ווען זיי פאָרשן יידיש לעבן, פאַרקוקן דעם יידיש־ריידנדיקן סעקטאָר. יידיש לשון ווערט פאַרשעמט אַזוי ווי פישקע דער קרומער, באָנטשע שווייג, אָדער מנחם מענדל. ער פאָדערט חשיבות פאַר יידיש. מיר מוזן אויפהערן זיין פרעמדע אויף אייגענע שמחות. ס׳מוז זיך בייטן די באַציונג צו יידיש פון די רייכע אָרגאַניזאַציעס.

אַנדערע ריידן וועגן אַ מיליטאַנטישן קעמפערישן גייסט פאַר יידיש, פאָדערן שטיצע פון קהל, ניט געפאַלנקייט נאָר מאָנען. ס׳איז גערעדט געוואָרן וועגן דער נאָסטאַלגיע און דערוואַכונג וואָס מ׳זעט ביי אַ סך וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון יידיש, און דער שטייגנדיקער אינטערעס ביי טיילן פון דער שטודירנדיקער יוגנט, אויך שפּעקולאַציעס פון וואַנען ס׳נעמט זיך. און איבער אַלץ, אַ רוף צו מעשים, פאַרשטאַרקן אונדזער אַרבעט, זיין מער דרייסט, ניט אַפּאָלאָגעטיש און זיין פול מיט בטחון.

די קאָנפערענץ קען זיין קאָנסטרוקטיוו און פּרוכטבאַר און מיט גוטע רעזולטאַטן אויב מיר וועלן קומענדיק אַהיים איבערזעצן די רייד פון צוזאַמענפאָר אין מעשים. אָבער מ׳פאַרשטייט די שוועריקייטן. איינער האָט דאָס אַמבעסטן אויסגעדריקט ציטירנדיק ראַבינדראַנאַט טאַגאָר: ווען איינער גייט אין אַ פינצטערער נאַכט, מיד, איינזאַם, דער געמיט איז שווער, דער וועג אַ ווייטער און די פינצטערניש שטאַרקט זיך, און מיט אַ מאָל באַלייכט אַ שאַרפער בליץ דעם וועג. ווערט דעם

וואַנדערער גוט אויפֿן האַרצן. דער בליץ האָט אים דערוואַרעמט און ער האָט באַקומען פרישע כוחות. אָבער, זאָגט טאַגאָר: ביים שיין פון אַ בליץ קען מען אַ פעלד ניט אַקערן. אַ פעלד מוז מען אַקערן אין שווערע פרילינגדיקע טעג, ווען ס׳איז ליכטיק און דער אַקער גראָבט טיף.

די רעדעס ביים צוזמענפאָר זיינען ווי בליצן, זיי וואַרעמען אונדז אָן. אָבער די אמתע שווערע אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן אין דער קאַלטער גרויער אַטמאָספערע פון אַ גאַנץ יאָר.

אַ גאָר געהויבענע שטימונג האָט זיך געשאַפן ווען אַברהם ליס פון מדינת ישראל האָט פאָרגעלייענט די באַגריסונג פון זלמן שזר, דעם נשיא פון מדינת ישראל. די באַגריסונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט שזרס כאַראַקטעריסטישער וואַרעמקייט און זאַפטיקייט: לחיים ולשלום! באַגלייט מיט ברכות פאַר הצלחה און שעפערישקייט.. ס׳האָבן אויך באַגריסט דער גענעראַל קאָנסול פון ישראל, רחבעם עמיר, און שפעטער, ביי דער פרעמיע אויסטיילונג, דער קאָנסול צבי כספי. ביידע האָבן באַגריסט אויף יידיש און מיט אַ סך האַרציקייט. די ישראל באַגריסונגען האָבן געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אינדאָרסירונג פון דער קאָנפערענץ און איז געווען אַ צייכן פון דעם נייעם קלימאַט פאַר יידיש, וואָס שיילט זיך אויס אין דער מדינה און איז שפעטער באַשטעטיקט געוואָרן פון די ישראל דעלעגאַטן.

דער צוזאַמענפאָר האָט איבערגעשיקט אַ דאַנק צו זלמן שזר און אַ באַגריסונג צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג.

צווישן די באַריכטן פון אַלע לענדער איז דער איינדרוקפולסטער געווען דער באַריכט פון אַרגענטינע. זיי האָבן צו פאַרצייכענען אַ שלל מיט דערגרייכונגען — הלוואי אויף אַנדערע ישובים כאָטש אַ טייל פון דעם: צענדליקער אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און פאַרשיידענע קערפערשאַפטן. מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַ סך ביכער, צווישן זיי, שמעון דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק,“ און ישראל צינבערגס „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן.“ זיי טיילן אויס ליטעראַרישע פרעמיעס, ברענגען אַרונטער געסט־לעקטאָרן פון אַנדערע לענדער. זיי האָבן אויך אויפגעשטעלט אַ שמעון דובנאָוו־הויז. און גאָר וויכטיק, די קהילה האָט מיטגעהאָלפן אין דעם פראָיעקט, און די אינזשענירן און אַנדערע אונטערנעמער האָבן געבויט אָן האָנאָראַר. יידיש לשון איז דאָרט נאָך אַלץ דער שטאַרקסטער כוח. ס׳איז דאָ אַ גרויסער שול־וועזן, וואָס ווערט געשטיצט פון דער קהילה, מיט אַ גוטן אָפרוף אויך פון יחידים. אָבער זיי זיינען באַהערשט פון אַ גרויס אומרו. זיי האָבן דערציילט וועגן די רדיפות אויף יידיש מצד די ישראלדיקע שליחים, וועלכע ווילן אַרויסטרייבן יידיש פון די שולן, כדי זיי צו העברעיזירן. הגם ס׳איז ניט געווען ניי, אַלע האָבן שוין פריער געלייענט וועגן דעם, האָט דאָס אָבער אַ ברי געטאָן דעם עולם ווען מ׳האָט דאָס געהערט פון די אַרגענטינער פאָרשטייערס. ס׳האָט איבערגעלאָזט אַ שווערן געפיל.

אויך פון מעקסיקאָ איז דער גרוס געווען אַ גוטער. טוביה מייזל, דער פאָרזיצער פון קולטור־ראַט ביי דער מעקסיקאַנער קהילה און וועלכער האָט אגב פאַרטראָטן די קהילה ביים צוזאַמענפאָר, האָט דערציילט וועגן אַ פאַרצווייגטער יידישער קולטור־אַרבעט. אָבער מיט מעקסיקאָ זיינען מיר דאָך מער באַקאַנט. ס׳איז אַ שכנותדיקע מדינה און מיר ווייסן פון זייער שול־וועזן און זייער גרויסן פאַרנעם אין אַלץ וואָס איז שייך יידישע קולטור.

פון די אַנדערע ישובים זיינען געווען בלאַסע גרוסן, און אַלע ענלעך. אומעטום ראַנגלט מען זיך אויפצוהאַלטן פּאָזיציעס. אַמאָליקע יידישע געגנטן גייען אונטער. די יידישע באַפעלקערונג איז צעוואָרפן. רייכע יידן דערווייטערן זיך. מ׳מוטשעט זיך אַרויסצוגעבן אַ יידיש געדרוקט וואָרט. אַ ביסל אַן אויסנאַם איז פראַנקרייך.

פראַנקרייך האָט דריי יידישע צייטונגען; האָט אויך די גרויסע מעדעם ביבליאָטעק, האָט עקזיסטירט שוין איבער 40 יאָר. ס׳איז דאָ אַ צושטראָם פון ספרדישע יידן פון צפון אַפריקע, וועלכע קענען אין גאַנצן קיין יידיש ניט. ס׳איז דאָ אַ קליינער פאַרלאַג־וועזן און אַ יידישע הויכ־



שול, וואָס וועט בקרוב באַקומען דעם סטאַטוס פון אַ קאַטעדרע. די באַשיידענע קולטור־טעטיקייטן פון פראַנקרייך ווירקן זיך אויך אויס אויף שכנותדיקע ישובים.

אַ דערפרייענדיקער און איינדרוקספולער איינדרוק האָט זיך באַקומען פון דער ישראל־דעלעגאַציע, סיי מיט זייער צאָל, סיי מיט זייער האַלטונג און סיי מיט זייערע רייד. יידיש איז אַ באַדייטנדיקער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון אַ גרויסער צאָל יידן אין דער מדינה. אין ישראל זיינען פאַראַן אַרום 150 יידישע שרייבערס (מער ווי אין ניו־יאָרק), אַ סך מיט אַ וועלט־נאָמען; אַ גרויסער פאַרלאַג־וועזן מיט צענדליקער ביכער אַ יאָר (אַ סך פון מחברים פון חוץ־לארץ). ביי דער יוגנט איז פאַראַן אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך יידיש לשון און יידישע ווערטן. זיי רעוואָלטירן אַקעגן דער פאַרניינונג פון נאָענטן עבר. זיי ווילן זיך באַקענען מיט דער ירושה פון זייערע זיידעס. ביישפילן זיינען איציק מאַנגערס מגילה־לידער, געבירטיגס אַלבום, די גרויסע צאָל איבערזעצונגען פון יידיש אויף העברעיש; דאָס איינשליסן אַ סך יידישע אויסדרוקן אין טאָג־טעגלעכער שפראַך, און אפילו אַ דראַנג ביי אַ סך צו קענען יידיש. אין די העכערע עשאַלאָנען פון דער ישראל אינטעליגענץ באַמערקט זיך דאָס זייער שטאַרק. דער ענין איז אָבער פול מיט קאָמפלעקסן. ס׳איז נייטיק אַן אַפּאַראַט צו פאַראייניקן די פאַרשיידענע פּלענער און פּראָיעקטן כדי צו געבן די יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס אַן אָנשפּאַר.

צו געפינען יידישע לערערס איז אויך אַ פּראָבלעם. ווען אַ גרעסערע צאָל שולן וואָלט איינגעפירט דעם לימוד פון יידיש אין די העכערע קלאַסן, וואָלט מען ניט געקענט געפינען קיין לערערס. ס׳איז נייטיק אויסצושולן לערערס פאַר יידיש. אַזאַ סעמינאַר ווערט פּלאַנירט אין דעם לייוויק־הויז וואָס וועט געעפנט ווערן חול המועד פסח תש״ל. צאַנין און חלמיש, צוויי פון די באַאַמטע אין דעם קאָמיטעט פאַרן לייוויק־הויז, לאַדן איין אַלעמען צום יום־טוב.

לויטן כאַראַקטער פון צוזאַמענפאָר זיינען געווען ווייניק געלעגנהייטן פאַר חלוקי־דעות. ס׳איז דאָך אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשיידענע ריכטונגען. די אָנגענומענע באַשלוסן אָדער רעזאָלוציעס זיינען געווען בלויז אויף דעם וואָס אַלע האָבן זיך געאייניקט. מ׳איז דאָך לכתחילה געקומען מיט דער פאַרשטענדעניש, אַז מ׳דאַרף ריידן וועגן דעם וואָס פאַראייניקט די צדדים און ניט וועגן דעם וואָס איז עלול צו צעטיילן. דאָ און דאָרט ביי דער שפּראַכן־פראַגע האָט אויף אַ מאָמענט אויפגעפלאַקערט אַן עכאָ פון דעם אַלטן קאַמף צווישן ציוניסטן און בונדיסטן. אָבער מ׳האָט דאָס גרינג איינגעשטילט מיט דערמאָנען אַז דאָ איז ניט שייך צו מאַיאָריזירן. און בעת ס׳קומט צו אַ פּרינציפּיעלן ענין איז בעסער זיך ניט צורירן צו דעם.

אָט דאָס היטן זיך ניט צו אַנטאַגאָניזירן קיין צד און גיין מיט פאָרזיכטיקע טריט, האָט זיך אַמבולטסטן אַרויסגעוויזן ווען מ׳האָט גערעדט וועגן דערציונג. קיין איינהייטלעכער שול־פּראָגראַם האָבן מיר דאָך סיי ווי ניט. יעדער לאַנד איז אונטערגעוואָרפן זיינע אייגענע באַדינגונגען. און דאָ אין די שטאַטן פירן אָן מיט די שולן פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן, וואָס ניט אַלע מאָל זען זיי דעם ענין אויג אויף אויג.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט בלויז געקענט אונטערשטרייכן די וויכטיקייט און נייטיקייט פון די שולן און העלפן זיי מיט עצות, דערמוטיקן, קאָאָרדינירן ווען עס לאָזט זיך, און אַרויסגעבן לערן־ביכער. אַלע זיינען אויך מסכים געווען אַז אַ יסודותדיקע יידישע דערציאונג דאַרף זיין אויף אונדזערע ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן — יידיש און העברעיש.

די יידישע פּרעסע אין ניו־יאָרק, ד.ה. די צוויי טעגלעכע צייטונגען, זיינען געווען נאָענטע מחותנים ביים צוזאַמענפאָר. פאָרטרעטערס פון וועכנטלעכע אָדער חודשלעכע אויסגאַבן זיינען ניט געקומען צום וואָרט. פאַרוואָס? — דאָס איז מיר ניט באַקאַנט. די רעדאַקטאָרן פון „פאָרווערטס“ און „טאָג־מאָרגן זשורנאַל“, בעת זייערע אויפטריטן, האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין שטאַרקע רייד לטובת יידיש, אונטערשטרייכנדיק ווי זיי דינען דער יידישער קולטור אַלע יאָרן. דערביי האָט

יעדער אַרויסגעהויבן די גרויסע פאַרדינסטן פון זיין צייטונג פאַר יידיש. צוהערנדיק זיך צו דעם האָט מען געמוזט טראַכטן: הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען.

ביים צוזאַמענפאָר, ווי ביי אַלע אונדזערע טעטיקייטן, האָט געפעלט דער גייסט פון יוגנט. גראַדע אין דעם לעצטן צענדליק יאָר, ווען איבער דער גאַנצער וועלט קומט די יוגנט צום אויסדרוק מיט פאָדערונגען און קריטיק, איז ביי אונדז אַ טריקעניש. מיר האַלטן זיך ביים „סטאַטוס קוואָ“, ניטאָ קיין פרישער געדאַנק אָדער אַ פרישער אויסדרוק, אַזוי ווי אונדזערע קוואַלן וואָלט אויסגעטרוקנט. קולטור מוז באַווירקט ווערן פון דעם איינפלוס פון די יונגע. אויב ניט, איז מען ניט אין שטראָם פון דעם לעבן. מען בלייבט הינטערשטעליק. אויב מיר ווילן זיך אויסגלייכן מיטן אַרום, מוזן מיר אין זיך איינזאַפן שטימונגען פון יונגע און זיי פאַרדייען מיט אונדזערע אייגענע.

איז דעריבער געווען דערפרישנדיק דער טאָן און די רייד ביי דער יוגנט סעקציע, וווּ די באַטייליקטע זיינען געווען יוגנטלעכע. דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפלעקונג. איך האָב געוווסט פון דער גרופּע „יוגנטרוף“. איך לייען זייער זשורנאַל, האָב הנאה פון די אַרטיקלען. איך האָב זיך אָבער פאָרגעשטעלט אַז מסתמא ווערן די אַרטיקלען רעדאַקטירט און מ׳העלפט זיי, אַזוי ווי, למשל, ס׳ווערט געטאָן מיט גראַדואַנטן אין אונדזערע שולן. גרויס איז דעריבער געווען מיין איבערראַשונג און מיין צופרידנקייט ווען דר. שיקל פישמאַן, פאָרזיצער פון דער זיצונג, האָט גערופן צום וואָרט יוגנטלעכע פון 25 יאָר און יינגער. איך בין נשתומם געוואָרן פון זייער קאָרעקטן יידיש, וואָס זיי האָבן גערעדט אָן נאָטיצן, און פון זייערע געוואַגטע געדאַנקען מיט געזונטער לאָגישער באַגרינדונג.

איך וועל פרובירן איבערגעבן אַביסל פון דעם תמצית פון זייערע רייד:

אַ פאָר האָבן דערציילט אַז זיי פלעגן גיין צו יידישע פאַרזאַמלונגען, אָבער די פאַרזאַמלונגען האָבן זיי גאָרניט געגעבן. ס׳איז ביי זיי פאַרבליבן אַ פוסטקייט. ניט די אָרגאַניזאַציעס און ניט די יידישע צייטונגען האָבן פרובירט טאָן עפּעס וואָס זאָל זיי פאַראינטערעסירן און זיי זאָלן זיך קענען כאָטש אַביסל אויסלעבן. זיי האָבן אַ פאָר מאָל געשיקט דעלעגאַציעס צו די צייטונגען מיט אַ בקשה איינצופירן עפּעס פאַר יונגע לייענערס. מ׳האָט זיי איגנאָרירט. אַן אַרגענטינער יונגערמאַן, אַ גראַדואַנט פון אונדזערע שולן, באַקלאָגט זיך אַז ער איז אַ קרבן פון יידישיזם. ניטאָ מיט וועמען צו חברן זיך. ער פילט אַז ער האָט קיין רעכט צו באַקערן אַנדערע צו זיין אַרט דענקען, ווייל ער זעט ביי אונדז אונטערגאַנגיזם (זיין אויסדרוק). ער פאָדערט לעבנס־פאָרמען פאַר שול־גראַדואַנטן, אינסטיטוציעס, טעטיקייטן א. אַז. וו.

איך ווער אַלץ מער אַנטציקט פון דער פרייקייט מיט וועלכער די יוגנטלעכע ריידן, אויך זייער שפראַך. איך טראַכט, הלוואי אויף די אָנפירערס פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס געזאָגט געוואָרן. אַ פאָר קריטיקירן דעם קוריקולום אין אונדזערע שולן. די שול איז ניט פאַרבונדן מיט דער היים און די קינדער בלייבן הענגען אין דער לופט. אונדזערע שולן זיינען ווי די אַמאָליקע חדרים, אָן שייכות מיטן לעבעדיקן לעבן. מ׳לערנט נאָך אַז דער טאַטע איז אַ שניידער און יידיש דאַרף מען פאַר באָבע־זיידע. אין אַ צייט פון גרויסע ליכט־פראָזשעקטאָרס האַלטן מיר נאָך ביים פריפעטשאָק פייערל.

מ׳האָט ניט אינוועסטירט אין דער יוגנט (רעדט אַ „היפי“־בחור). ניטאָ קיין יוגנט ווי אַן אָרגאַניזירטער כוח. די געציילטע וועלכע זיינען דאָ, זיינען געצווונגען אַריינצוּוואַקסן מיט די עלטערע. ער האַלט, אַז וועלטלעכקייט האָט ניט דורכגעפירט איר שליחות; מ׳האָט ניט געשאַפן לעבנס־נוסח. ער זאָגט, אַז די יוגנט דאַרף אַליין אָנהייבן טאָן; קען ניט לעבן מיט די פראָבלעמען פון די עלטערע.

איינע האַלט, אַז מ׳האָט ניט גענוג געטאָן פאַר די יידיש־קלובן און יידיש־קורסן אין די ניו־יאָרקער שולן. ס׳זיינען ניט געווען קיין פאַסיקע מענטשן אָנצופירן מיט דעם. זי קריטיקירט אויך דעם אופן פון לערנען. ס׳איז ניט גענוג אַ לידל אָדער אַ מאָנטאַזש; ס׳איז נייטיק פאַרטיפונג, מער קוואַליטעט און אינהאַלט אין לערנען.



נאָך אַ בחור, אַ „היפי“, רעדט וועגן ווירקן יידישלעך דורך מוזיק און ער שלאָגט פאָר ווי אַזוי.

אַ פאָר האָבן געחוזקט פון דעם פאַרעלטערטן אופן ווי די יידישע צייטונגען שרייבן. ס׳נעמט אַוועק די חשיבות פון דער שפראַך. די טענות זיינען באַפעסטיקט מיט אילוסטראַציעס, ציטאַטן און גרייזן; וווּנדערן זיך ווי איז דאָס מעגלעך מיט קולטורעלע לייענערס, איבערהויפט די דייטשמעריזמען.

איינער פאָדערט מ׳זאָל מער אויסנוצן דעם שטייגנדיקן אינטערעס פאַר יידיש. לויט זיין מיינונג שטאַמט דער אינטערעס צוליב דעם טעכנאָלאָגישן קלימאַט. און ער זאָגט, אַז פסיכאָלאָגן טייטשן דאָס אויס ווי אַ דעמאָנסטראַציע צו באַווייזן עטנישע אָנגעהעריקייט. דערפאַר פאַרבינדן זיך אַזוי פיל מיט בתי מדרשים און צענטערס. דערביי אַנטוויקלט ער אַ טעאָריע וועגן פאָזיטיוויזם און נעגאַטיוויזם. ער רעדט אין אַזאַ פליסיקן פרייען יידיש. איר מאַכט צו די אויגן און אייך דאַכט זיך אַז דאָס רעדט אַ טעאָרעטיקער, ווי אַ מאָל די ניגערס און זשיטלאָווסקיס. ס׳זיינען נייע ווערטער, נייע טענער.

איינע, אַ יונגע מאַמע, זאָגט, אַז די יונגע האָבן אַלץ נאָך ניט אַרויסגעזאָגט. זי האַלט אַז מיר אידענטיפיצירן זיך ניט גענוג מיט היינטצייטיקע פרייהייט באַוועגונגען. זי שלאָגט פאָר אַ יוגנט־קאָנפערענץ. זי איז זיכער אַז אַ געהעריקער רוף צו דער יוגנט וועט באַקומען אַן אָפקלאַנג.

ס׳האָט אויך גערעדט דודל פישמאַן, אַ צוועלף־יאָריקער יינגל. ער געהערט צו אַ קליינער יוגנט־גרופע. מ׳דאַרף אָנהייבן יונג. זיי גיבן אַרויס אַ זשורנאַל „ענגע בענגע“. זיי רעדן נאָר יידיש, גייען אויף שפאַצירן און האָבן אַרויספאָרן. ער דערציילט אַז פונקט יענעם טאָג האָט זייער קלוב געהאַט אַ חנוכה־יום־טוב. ער רופט אַנדערע נאָכצוטאָן זייער ביישפיל.

איך וויל נאָך דערמאָנען דעם שטאַרקן רושם וואָס ס׳האָבן געמאַכט די פשוטע האַרציקע ווערטער פון נחמה ליפשיץ, ווען זי האָט ביי אַ זיצונג דערציילט וועגן דער שווערער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד און אויסגעדריקט אַ שולד־געפיל, וואָס איר איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען און אַ סך פון אירע חברים אַרטיסטן און שרייבערס ליידן נאָך דאָרט. אַ קליינינקע מיט אַ סך חן און פערזענלעכקייט, אין פשוטע מלבושים, ניט קאָנצערטמעסיק און ניט פון אַ קאָנצערט טריבונע, האָט זי גערעדט ווי אַ יידישע טאָכטער, וועלכע איז דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום, איז אָבער מזלדיק וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון דעם יאָמערטאָל, וואָס הייסט יידיש לעבן אין סאָוועט רוסלאַנד.

ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע פאָדערנדיק פון רוסלאַנד אָפצושאַפן דעם פאַרבאָט אויף יידישער קולטור און יידישן געמיינדע לעבן.

ווי ביי אַלע קאָנפערענצן זיינען אָנגענומען געוואָרן אַ צאָל רעזאָלוציעס.

אַ רעזאָלוציע וועגן יידיש טעאַטער, באַגריסנדיק די עקזיסטירנדיקע טעאַטערס, אָרגאַניזירן נייע טרופעס, זען עטאַבלירן געזעלשאַפטלעכע טעאַטערס און אָנהאַלטן די טעאַטער פרעמיע.

אַ רעזאָלוציע וועגן ענגערער צוזאַמענאַרבעט צווישן ישראל און די תפוצות און פאַרלאַנגען אַז דער לימוד פון יידיש זאָל איינגעפירט ווערן אין די מלוכהשע שולן פון ישראל. אויך יידישער טעאַטער און קולטור־אינסטיטוציעס זאָלן סובסידירט ווערן און געניסן פון די זעלבע שטייערן פאַרלייכטערונגען צוגלייך מיט העברעיש.

אַ רעזאָלוציע פאַראורטיילנדיק דעם אַנטי־יידישן קורס אין פוילן.

וועגן דערציאונג, אין דעם גייסט ווי איך האָב פריער דערמאָנט: גרינדן טאָגשולן, סעמינאַרן, אויסצושולן לערערס, שאַפן סטיפענדיעס, אאז״וו; פאָדערן גרעסערע בודזשעטן פאַר שול־ און קולטור־אַרבעט פון די קהילות; אויך פאָדערן אומעטום אַקאַדעמישע קרעדיטן פאַרן לימוד יידיש; פאַרלאַנגען פון חינוך־אָפטייל פון דער סוכנות צו העלפן אין דער זאָרג פון יידיש אין די תפוצות.

אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו באַדאַנקען

משה שקליאַר

# לידער

## דורכזיכטיק

דאָס וואָרט איז דורכזיכטיקער פונעם מענטש
וואָס פרוווט זיך אונטער דעם באַהאַלטן
אין פאַרשידענע געשטאַלטן
און בלייבט אַלע מאָל דער זעלבער
נישט דערקענטער ביזן גרונט.

נאָר אויך דאָס דורכזיכטיקע וואָרט
נישט לייכט איז צו דערקענען,
ווען שטאָט לעשן נעמט עס ברענען
און לאָזט איבער ערגעצוו
אַ נישט פאַרהיילטע וווּנד.

## ווייט האָט די כוואַליע

ווייט האָט די כוואַליע פאַרטראָגן מיין ליד,
געפרוווט עס אין שטורעם צעברעכן,
אויף שטויבעלעך האָט זי די פערזן צעשיט,
נאָר איך הער נאָך אַלץ זייער עכאָ.

זיי קומען צוריק מיטן פליעסקען פון ים
אין גאָלדענעם זאַמדבערג פאַרלוירן,
און ווידער איך פיל אויף די ליפּן דעם טעם
פונעם וואָרט, וואָס אין בלוט איז געבוירן.

## דאָס קוועלעכל ליכט

דאָס קוועלעכל ליכט,
וואָס צאַנקט און פלאַמט אויף
מיט אַלע קאָלירן
און רופט מיך צו זיך
פון נאָענט און ווייט —
צי וועט עס מיך פירן
צו פרייד ?

ווען כ'וועל טרעפן צו אים,
איך קאָן אויך פאַרזינקען,
צערינען
און מער זיך אַליין,
אפילו מיין שאָטן
שוין נישט געפינען.

צי זאָל איך דערפאַר אויפהערן גיין
צו דער שיין ?

אין קוועלעכל ליכט,

---

און באַגריסן די יידישע פּרעסע, זשורנאַלן, פאַרלאַגן, צייטונגען; דעם גרויסן יידישן ווערטערבוך; די מוסטערוווערק, דעם ייווו"א, ביבליאָטעקן אומעטום און אַנדערע.

ספּעציעלע באַגריסונגען פאַר 70 יאָר אַרבעטער רינג און אַכציק יאָר „פרייע אַרבעטער שטימע."

רעזאָלוציעס אויסצוברייטערן די אַקטיוויטעטן פון קולטור־קאָנגרעס. גרינדן מער אָפּטיילונגען, אַרויסצוגעבן פּעריאָדישע בולעטינען און אַ פּערטליאָר שריפט. פּראָקלאַמירן אַ יהואָש יאָר צו זיין הונדערטסטן געבוירניאָר, און אַ סך אַנדערע רעזאָלוציעס.

אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע — באַגריסנדיק די לייוויק־הויז אין תל־אביב.



זלמן זילבערצווייג

# די יידישע טעאַטער־קריטיקערס אין אַמעריקע

(נאָטיצן פאַר אַ פאָרש־אַרבעט)

1.

ווען מען רעדט וועגן קריטיק, אַנטשטייט באַלד די פראַגע ווער איז אַ טעאַטער־קריטיקער און ווער איז בלויז אַ טעאַטער־רעצענזענט, און אין וואָס איז אייגנטלעך קענטיק דער אונטערשייד צווישן די דאָזיקע צוויי קאַטעגאָריעס. אָן שום ספק, אַז איינע איז אַזוי נאָענט צו דער אַנדערער, אַז דאָ און דאָרט כאַפּן זיך אַריין שיריים פון איינעם צום אַנדערן, און פאַראַן טייל מאָל מאָמענטן ווען עס איז שווער אָפּצוטיילן איינעם פון אַנדערן, אָבער בדרך כלל וואָלט איך געזאָגט, אַז די מחיצה צווישן די צוויי, וואָס באַהאַנדלען אַ פּיעסע און איר אויפפירונג, איז כמעט די זעלבע וואָס צווישן אַ ראָמאַניסט און אַ דערציילער.

דער מחבר פון דערציילונגען און סקיצן האָט פאַר זיך העלדן און פּאַסירונגען וועלכע ער באַשרייבט און שילדערט, און דער מחבר פון אַ ראָמאַן האָט ענלעכע סוזשעטן, אָבער דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם לענגערן „אָטעם" פון דעם ראָמאַניסט, פון אַריינגיין טיפער און ברייטער אין דעם לעבן, געפילן און טראַכטן פון זיינע העלדן; אין שילדערן די אַטמאָספערע, די נעבן־העלדן, און דער עיקר, אין דעם לענגערן, אויסגעברייטערטן האַנדלונגס־וועג פון די העלדן און נעבן־העלדן, בעת דער מחבר פון דער דערציילונג אָדער די קורצע סקיצע באַהאַנדלט נאָר אַ געוויסן מאָמענט, אַן איינצלנעם עפּיזאָד, אַ שטריך פון זיין העלד.

ווי געזאָגט, רייסט זיך אַ מאָל אַריין איינער אין אַנדערנס געביט. אָבער ער באַווייזט ניט דאָרט לאַנג זיך צו האַלטן און קערט זיך צוריק צו זיין אייגנטלעכער וועלט. דאָס זעלבע איז שייך אויך מיט טעאַטער קריטיקערס און רעצענזענטן. זעלטן אַז אַ רעצענזענט זאָל אַנאַליזירן די פּיעסע און אַלץ אַרום איר, זאָל אַריינדרינגען און אויסטייטשן די ראָלן ווי זיי האָבן געדאַרפט און ווי זיי זיינען באמת געשפּילט געוואָרן. על פּי רוב איז דער רעצענזענט יוצא מיט אָנשטריכלען די הויפּט־מאָמענטן פון דער פּיעסע און דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן, איבערגעבנדיק בקיצור די מעשה, די געשיכטע, וואָס די פּיעסע שטעלט מיט זיך פאָר און אויסטיילנדיק די אַקטיאָרן „מאַרקן" (גוט, שלעכט, נישקשהדיק, וויל, פיין, גלענצנד, ניט אַריינגעדרונגען, פאַלש אויסגעטייטשט), בעת דער טעאַטער־קריטיקער גייט טייל מאָל אפילו אַריין אין דער אַלגעמיינער שרייבער־וועלט פון מחבר פון דער פּיעסע, ציט אַ ליניע פון זיינע טעאַטראַלע און אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונגען, איז מסביר (לויט זיין אָנשויונג און געדאַנק) דעם מחברס אידעע, איז טייל מאָל מחולק מיט אים, שטעלט זיך אָפּ אויספירלעך אויף זיינע העלדן ווי זיי ווערן פאַרטראַכט פון מחבר און ווי זיי ווערן אַרויסגעבראַכט פון די אַקטיאָרן, דרינגט אַריין אין דעם גאַנצן געוועב, וואָס די פּיעסע פאַרמאָגט (דעם אינהאַלט, איבערזעצונג, די רעזשי, די מוזיקאַלישע באַלייכטונג, די דעקאָראַציעס, די קאָסטיומען, כאָרעאָגראַפיע אד"ג).

איצט, אַז מיר האָבן שוין, לויט אונדזער מיינונג, פאַנאַנדערגעטיילט טעאַטער־קריטיקערס פון טעאַטער־רעצענזענטן, (און דערפאַר האָט קאַהאַן געהאַלטן אַז כדי צו שרייבן ניט מער ווי אַ טעאַטער־רעצענזיע אין „פאָרווערטס" קאָן דאָס געטאָן ווערן פון יעדן מיטאַרבעטער, און ער פלעגט זייער אָפט טאַקע בייטן די „העגט"), וועט אונדז שוין לייכטער זיין צו פאַרשטיין פאַרוואָס מיר טיטולירן נאָר פאָלגנדיקע 8 שרייבערס: אב. קאַהאַן, ב. גאָרין, יואל ענטין, ש. יאַנאָווסקי, ד"ר א. מוקדוני, משה נאַדיר, וויליאַם עדלין און ב. בוכוואַלד אַלס טעאַטער־קריטיקערס, און אַלע אַנדערע, וואָס ציילן זיך אין די צענדליקער, אַלס טעאַטער־רעצענזענטן,

הגם אייניקע פון זיי, ווי ב. י. גאָלדשטיין, חיים עהרענרייך, הלל ראָגאָף, ישראל דער יענקי, נ. ב. לינדער און לעצטנס ד״ר נ. סווערדלין, זיינען אָפט מאָל אַרויס פון זייער גדר און געפּרוווט אַריבערגיין די גרענעץ צו טעאַטער־קריטיק.

מיר וועלן פּרוּוון ביי די טעאַטער־קריטיקערס געבן אויך אַ מוסטער פון זייער אופן פון קריטיק כדי אַרויסצוברענגען זייער אייגנאַרטיקן צוגאַנג, סטיל און אויפנעם. ביי אַנדערע וועלן מיר אויך זיך באַמיען צו ברענגען זייער אַרויסגעזאָגטן אני מאמין וועגן טעאַטער בכלל און יידיש טעאַטער בפרט.

## .2

אב. קאַהאַן, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס דער אַנטוויקלער און לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון דער גרעסטער יידישער צייטונג אין דער וועלט, „פאָרווערטס״, האָט דאָס טעאַטער־וועזן ניט שטודירט. ער האָט אין דער אַלטער היים, ווי ער דערציילט, געזען ניט קיין יידיש נאָר רוסיש טעאַטער. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז גאָלדפאַדן האָט אָנגעהויבן זיין יידיש טעאַטער אין רומעניע אין 1876. קאַהאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1860. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אין גאַנצן 16 יאָר, און נאָך אין 1882, בעת דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען, איז קאַהאַן שוין אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער באַוויזן עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. אין משך פון איין יאָר האָט ער זיך אַזוי אויסגעלערנט די לאַנד־שפּראַך, אַז ער איז געוואָרן אַן ענגלישער לערער, און צוויי יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער ענגלישער פּרעסע און דערנאָך אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אין ענגליש: „די רייז אָוו דייוויד לעווינסקי,״ וואָס האָט געוווּנען אָנערקענונג ניט נאָר אַלס אַן אויסגעצייכנט ליטעראַריש ווערק נאָר אויך פאַרן גוטן סטיל. איך אונטערשטרייך דאָס גאָר באַזונדער, ווייל דאָס באַווייזט, אַז קאַהאַן האָט זיך געקאָנט אויסצייכענען אַלס סטיליסט אויך אין יידיש, ווען ער וואָלט געהאַט צו דער שפּראַך אַ פּאָזיטיווע באַציונג. אָבער לײדער האָט ער עס ניט געהאַט. אין אַ שמועס וואָס איך האָב אַ מאָל מיט אים געהאַט וועגן דעם און כ׳האָב מיר דערלויבט אים דאָס פאָרצוואַרפן, האָט ער מיר קורץ און שאַרף געענטפערט — „איך שרייב יידיש ווי מיין מאַמע האָט גערעדט,״ אויף וואָס איך האָב אים נאָך שאַרפער געענטפערט, אַז מיר האָבן עטלעכע מיליאָן מאַמעס, צי מיינט דאָס אַז מיר האָבן עטלעכע מיליאָן שפּראַכן?״ דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אונדזער זעלטענע גוט־פריינדשאַפט איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ האַלב יאָר צייט.

ווען קאַהאַן האָט דערנאָך אָנגעהויבן שרייבן יידיש און איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ (ביז זיין טויט אין 1951), האָט ער אין די ערשטע יאָרן ניט געהאַט ביי וואָס און ביי וועמען זיך צו דערציען פאַרן טעאַטער. דאָס יידישע טעאַטער איז ביז גאָרדינען (1891) געשטאַנען אויף אַ נידעריקן קינסטלערישן ניוואָ. דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער (אין ענגליש) איז געשטאַנען נידעריקער נאָך אַ סך יאָרן דערנאָך. זיין רעפּערטואַר איז על פּי רוב באַשטאַנען פון מעלאָדראַמעס און ביליקע אָפּערעטקעס. דאָס שפּילן איז געווען מעלאָדראַמאַטיש, מעלאָדעקלאַמאַטאָריש. די ענדערונג אין אַמעריקאַנער טעאַטער איז פאָרגעקומען ערשט מיטן אַנטשטיין פון איוואַ לאַ גאַליענס טעאַטער.

טאָ ביי וועמען האָט קאַהאַן געהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיין געשמאַק פאַר טעאַטער?

אין זיינע זכרונות דערציילט ער, אַז ער האָט זייענדיק אין ווילנע דאָרט געזען בערך 14 פאָרשטעלונגען, אָבער ער איז געווען אומצופרידן פון זייער שפּילן. געפעלן זיינען אים נאָר עטלעכע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן גערעדט נאַטירלעך. די אַנדערע האָבן דעקלאַמירט, געזונגען און דאָס האָט ער קיין מאָל ניט געקענט פאַרטראָגן. ערשט אין ניו־יאָרק האָט ער פון רוסישע אימיגראַנטן זיך דערוווּסט, אַז די בעסערע רוסישע בינע אין די גרעסערע שטעט פון רוסלאַנד פאָדערט נאַטירלעכקייט, ניט קיין דעקלאַמאַציע. דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער איז אים ניט געפעלן צוליב דאָס אומנאַטירלעכע שפּילן.



ווען קאַהאַן איז געקומען אין אַמעריקע זיינען גלייכצייטיק אויך פאָרגעקומען די ערשטע יידישע פאָרשטעלונגען מיטן אָנטייל פון שפּעטער אַזוי באַרימטן באָריס טאָמאַשעווסקי. לכתחילה האָט קאַהאַן די פאָרשטעלונגען ניט באַזוכט, אָבער אַביסל שפּעטער, זעענדיק די פאָרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער, איז ער שוין אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק א״נ: „עברי און טראָפּ אין אידישען טהעאַטער״ (4 אַרטיקלען אין „דיא אַרבייטער צייטונג״ 1895). שוין דאָ קומט ער אַרויס מיט שאַרפע טענות וועגן דעם אופן פון שפּילן, רופנדיק צו נאַטירלעכקייט, צו רעאַליטעט.

אָט דעם קאַמף פאַר רעאַליזם, אַזוי ווי אין דער ליטעראַטור אַזוי אין דער דראַמע און אין שפּילן פון די אַקטיאָרן, האָט קאַהאַן געפירט זיין גאַנץ לעבן. זיין קריטיק איבער יידיש טעאַטער האָט וואָס אַ מאָל מער אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט. וואָס מער עס איז געוואַקסן די השפּעה פון „פאָרווערטס״, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די ראָל פון קאַהאַנס קריטיק ביז זי האָט געלייגט אַ חותם אויפן יידישן טעאַטער. קאַהאַנס אַ קריטיק אָדער אַ רעצענזיע האָט געהאַט אַ השפּעה און ווירקונג סיי אויפן פּיעסן־שרייבער, סיי אויפן אַקטיאָר. די אַקטיאָרן פלעגן ממש ציטערן ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז קאַהאַן איז אין טעאַטער. זיי פלעגן זיך דעמאָלט גוט „אונטערגאַרטלען.״

אין זיין קריטיק, אַזוי וועגן ליטעראַטור אַזוי וועגן טעאַטער, האָט קאַהאַן געהאַט צוויי מאָסן: איינע פאַר דער עכטער דראַמע און איינע פאַרן לייכטן טעאַטער־זשאַנר. צו דער ערשטער איז ער צוגעגאַנגען שטרענג, אַכטונג געגעבן למהדרין מן המהדרין. אַלץ האָט ער געמאָסטן פון אַן עכט רעאַליסטישן קוקווינקל. ער איז ממש דערגאַנגען צו נאַטוראַליזם. צום לייכטערן פאַרווייל־זשאַנר איז ער צוגעגאַנגען ניט פון עטישן אָדער עסטעטישן, נאָר פון אַ פאַרברענג־שטאַנדפּונקט. וואָס מער דער באַזוכער האָט געקאָנט אויפן אָרט און שטעל הנאה האָבן פון דער פּיעסע און פון שפּילן, אַלץ בעסער. האָט די אַקציע געמעגט זיין פאַלש, לעכערלעך, אומזין, ממש אידיאָטיש, האָט עס קאַהאַנען ניט פאַרמיאוסט די פּיעסע און ניט דאָס שפּילן. אין ערגסטן פאַל האָט ער עס אָפּגעפּטרט מיטן אויסדרוק „מאַכערייקע״ אָדער „לאַכערייקע״, און פּטור, יוצא געווען מיט דער קריטיק.

קאַהאַן האָט זיין קריטיק געטיילט אין צוויי מינים: ערנסט און מיט קדושה צום ערנסטן טעאַטער, און גוטברודעריש, עולם־הזהדיק, צום לייכטערן טעאַטער. בנוגע שפּילן האָט ער אויך אַזוי געהאַנדלט. אין דער דראַמע האָט ער פאַרלאַנגט פּאַרטיפּטקייט, גרינטלעכע פאַרשטענדעניש פאַרן טיפּ, פאַר דעם פּערסאָנאַזש, וואָס דער אַקטיאָר האָט פאָרגעשטעלט. אַריינדרינגלעכקייט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער ראָל און צו דעם אַלעם נאַטירלעך שפּילן, אָן איבעריקע זשעסטיקולאַציע, העכערע טענער, איבערגעטריבענע פּאָזעס און אומנאַטירלעכע העוויות, דעריבער האָט קאַהאַן געהאַלטן מער פון קעסלערן ווי פון אַדלערן, פון קעני ליפּצין ווי פון בערטאַ קאַליש, און דעריבער איז ער געווען כמעט דער איינציקער פאַרטיידיקער פון דאָס נאַטירלעכע שפּילן פון אסתר רחל קאַמינסקאַ, וואָס איז דעמאָלט, 1910-11, געווען אַזוי פרעמד אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער.

באַלד אין זיין ערשטער טעאַטער־קריטיק אויף י. גאָרדינס ערשטע פּיעסע „סיביריאַ״ (1891) נאָך אין דער „אַרבייטער צייטונג״, האָט זיך קאַהאַן אָפּגעשטעלט און אַנאַליזירט די פּיעסע פון ליטעראַרישן, סאָציאַלן און טעאַטראַלן שטאַנדפּונקט און אויספירלעך אַרומגערעדט דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרקערפּערט זייערע ראָלן און פאַרגליכן גאָרדינס דראַמאַטורגיע לגבי די פּיעסן פון די דעמאָלטיקע יידישע דראַמאַטורגן.

פון זיין ערשטער קריטיק אָן איז קאַהאַן כסדר געגאַנגען דעם זעלביקן וועג. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַ דראַמע, נאָר שטענדיק זי אַרומגערעדט פון פאַרשיידענע קוקווינקלען און אַזוי אויך דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן. אַ סך לייכטער איז געווען זיין צוגאַנג צו דעם לייכטן רעפּערטואַר. דאָרט איז ער געוואָרן אויס לערער, אָנווייזער, נאָר „געשפּילט די ראָל פון אַ באַזוכער,״ פון איינעם וואָס איז

געקומען פאַרברענגען, און אויב די לייכטע פיעסע אָדער דאָס שפילן האָט נאָר אַמוזירט, האָט ער זיינס דערגרייכט. עס איז אויך געווען אַן אונטערשייד אין דעם סטיל אין וועלכן אָט די קריטיקס זיינען געשריבן געוואָרן. די שפּראַך וועגן די לייכטע פיעסן איז געווען ווייניקער געהיבלט. אויסדרוקן האָבן געפלייצט און פאַרפלייצט, בעת די קריטיק וועגן ערנסטן טעאַטער זיינען געווען מער געווויגן. אַמבעסטן קאָן מען דאָס זען אין זיינע קריטיקן וועגן די גאַסטשפילן פון מאָסקווער רוסישן קונסט־טעאַטער, וואָס זיינען שפעטער אַרויס אין אַ ספעציעלער בראָשור.

זיין פאַרליבטקייט צום רעאַליזם איז אויך געווען די סיבה וואָס קאַהאַן האָט ניט באַנומען און פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט אַנערקענען די נייע מאָדערנע פאָרמען פון טעאַטער, די פאַרשיידענע נייע שטרעמונגען, און דערפאַר האָט ער אַזוי ביין אויפגענומען אַ ריי פאָרשטעלונגען אין דעם יידישן קונסט־טעאַטער, באַנוצנדיק אפילו דעם אַזוי פאָפולער געוואָרענעם אויסדרוק „קאַסאָקע מעבל,“ אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן עכטע דראַמע, מיט אַלטע אָדער נייע פראָבלעמען, אויב זי איז נאָר געווען און געשפילט געוואָרן רעאַליסטיש, האָט קאַהאַן אַרויסגעוויזן מבינות און אויפריכטיקייט.

### .3

זיין פסעוודאָנים, אונטער וועלכן ער איז געווען באַקאַנט, איז ב. גאָרין. זיין איינגנטלעכער נאָמען איז געווען יצחק גאָידאַ. געבוירן אין לידע און אין עלטער פון 16 יאָר זיך באַקענט מיטן צו יענער צייט באַרימטן יידישן שרייבער אייזיק מאיר דיק, האָט ער אין עלטער פון 21 יאָר אָנגעהויבן שרייבן. קורץ דערויף איז ער געקומען קיין וואַרשע, געוואָרן אַן איינגייער ביי פרצן און אָנגעהויבן ביי אים דרוקן דערציילונגען. אַ קורצע צייט דערנאָך האָט ער ווידער געווירקט אין ווילנע ווי אַ שרייבער און איז אין 1894 געקומען אין אַמעריקע און דאָ געוואָרן אַ פראָפעסיאָנעלער יידישער שרייבער און אָנגעהויבן דרוקן אין „צוקונפט“ אַרטיקלען וועגן יידישער ליטעראַטור און יידיש טעאַטער.

הגם מיר האָבן ווידער פאַר זיך איינעם וואָס האָט (צוליב די דעמאָלטיקע באַדינגונגען) געזען זייער ווייניק טעאַטער און אַוודאי ניט שטודירט דאָס טעאַטער־וועזן, ענדערט עס אָבער ניט דעם פאַקט, אַז עס האָט אים שטאַרק גענומען ציען צום יידישן טעאַטער. אַזוי, אַז ניט נאָר האָט ער זיך ניט באַגנוגנט מיט טעאַטער־קריטיק, וואָס ער האָט געדרוקט אין דער „צוקונפט“, נאָר ער האָט שוין אין 1901 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צווייוואָכן שריפט „טהעאַטער זשורנאַל“. זיין קרוין־ווערק אויפן געביט פון יידישן טעאַטער איז געווען די סעריע וועגן דער געשיכטע פון יידיש טעאַטער, וואָס ער האָט געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין „צוקונפט“ און עס שפעטער מער פאַרפולקומט און אויסגעברייטערט, אַרויסגעגעבן אין צוויי בענדער אַלס דאָס ערשטע יידישע טעאַטער־געשיכטע בוך, דערפירנדיק עס ביז צום יאָר 1923. ער האָט אויך געשריבן פיעסן, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן טעאַטער און אויך געשריבן יידישע טעאַטער־קריטיק פאַר דער ענגלישער פרעסע. זיינע קריטישע אַרטיקלען זיינען געווען ניט צו לאַנג, זאַכלעכע, אָבער זייער טרוקענע.

יואל ענטין, וועלכער האָט אים גוט דורכשטודירט, דריקט זיך אויס:

„זייענדיק אַ גוטער ליטעראַרישער מבין, האָט ער זיין פאַרשטענדעניש אויך אַריבערגעטראָגן אויף דער דראַמע, און ביסלעכווייז, צוקוקנדיק זיך און שטודירנדיק, האָט ער דערוואָרבן אַ פיינעם חוש פאַר דער שוישפיל־קונסט. ער האָט קריטיקירט שאַרף, אָן משא פנים, קעמפנדיק פאַר ליטעראַטור, פאַרן וואָרהייטלעכן לעבנס־בילד אויף דער יידישער בינע. באַקעמפנדיק דאָס וואָס איז פאַלש, דאָס וואָס איז ניט רעאַל. דער עיקר, דאָס, וואָס איז שונדיק, מעלאָדראַמאַטיש. דאָך, זייענדיק אַ מענטש מיט אַ שטילן טעמפעראַמענט, האָט ער זיין קאַמף אָנגעפירט אויף אַ מעסיקן אופן, און אַ דאַנק דעם האָט ער מיט דער צייט געוואונען די אַכטונג אויך פון יענע טעאַטער־קרייזן וועמען ער האָט באַקעמפט . . . קיין גרויסער ענטוזיאַסט איז ער ניט געווען.



צו גרויסער ענטוזיאַזם האָט ער זיך ניט געגראַמט מיט זיין מעסיקער נאַטור, און דאָס דערקלערט אויך פאַרוואָס, כאָטש ער איז געשטאַנען אין קאַמף פאַר דאָס נייע, פאַר דאָס בעסערע, פאַר דאָס ליטעראַרישע, האָט ער דאָך קאָברינען און ליבינען, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער בינע, באַגעגנט מיט ווייניקער פרייד איידער אַנדערע האָבן זיי באַגעגנט. ער איז געבליבן אויסגעהאַלטן ביז צום לעצט. אָנגעהויבן אַלס רעאַליסט, האָט ער קוים געביטן זיינע ליטעראַריש־דראַמאַטישע סימפאַטיעס אפילו אין אַ צייט ווען סיי די ליטעראַטור און סיי די בינע האָבן געשוויבלט און געגריבלט מיט סימבאָליזם. אָנגעהויבן אַלס שוישפילער־קריטיקער מיט ליבע פאַר דאָס סאָלידע, דאָס רעאַלע, דאָס פסיכאָלאָגישע און טעמפעראַמענטפולע, האָט ער זיך ניט געלאָזט הינרייסן פון די נייע געשרייען וועגן טעאַטראַלישקייט, גראָטעסק און סטיליזאַציע. אַזוי איז גאָרין געווען איינער פון די ווייניקע, וואָס זיינען ניט שטאַרק אַנטציקט געווען פאַר מאָריס שוואַרצס ניי־מאָדנע אויפפירונג פון גאָלדפאַדענס פיעסן.“

ווי מיר זעען פון ענטינס אָפשאַצונג, האָט דאָס יידישע טעאַטער אויך אין זיין צווייטן קריטיקער, ב. גאָרין, ניט געהאַט קיין מזל צום מאָדערניזם, צו די נייע שטרעבונגען און שטרעמונגען אין טעאַטער, און אַלץ דערפאַר, ווייל אויך גאָרין האָט ניט שטודירט דאָס טעאַטער־וועזן, ניט באַקענט זיך מיט דער מאָדערנער טעאַטער־ליטעראַטור, נאָר געבליבן פאַרעקשנט ביים אַלט־אַלטן רעאַליזם.

גאָרין האָט זיין יידישע טעאַטער־געשיכטע, וואָס מיט אַלע אירע גרויסע חסרונות, איז זי אַלס פיאָנערישע אַרבעט גאָרניט אָפצושאַצן, דערפירט נאָר ביזן יאָר 1918, ווען ס'האָט זיך פאַקטיש ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ נייער פעריאָד אין טדישן טעאַטער איבער דער וועלט. אין רוסלאַנד — די אַנטשטייונג פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און די אַנדערע יידישע מלוכה־טעאַטערס, אין פוילן — פאַנאַנדערבלי פון דער „ווילנער טרופע“, שפעטער „וויקט“; אין אַמעריקע — מאָריס שוואַרצס יידיש קונסט־טעאַטער און די מאָדערנע פאָרם פון דער יידישער מוזיקאַלישער קאָמעדיע. דאָס האָט ער כמעט ווי ניט אָנגערירט סיי אין זיין טעאַטער־געשיכטע, סיי אין זיינע טעאַטער־קריטיקס. אָבער זיין אני מאמין וועגן יידיש טעאַטער, זיין קריטישן בליק קען מען אַמבעסטן זען אויסגעדריקט אין זיינע צוויי אַרטיקלען אין „צוקונפט“ (1918 און 1919) וועגן יידישן טעאַטער־עולם און זיין געשמאַק און וועגן די פרינציפן פון יידישע טעאַטער־קריטיק.

אַזוי שרייבט ב. גאָרין:

„דער יידישער עולם וויל זיך אויסוויינען אין טעאַטער און זיין גרעסטער נחת איז ווען אַ שטיק גיט אים אַ געלעגנהייט צו פאַרגיסן טרערן. ווען דער עולם קומט אַרויס פון טעאַטער נאָך אַזאַ פאָרשטעלונג, איז ער דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז ער האָט געזען עפעס אַזוינס, וואָס איז געווען ווערט צו זען און ער איז פול מיט שבחים פאַר אַזאַ שטיק, און, פאַרקערט, אַ שטיק אָן טרערן לאָזט איבער דעם יידישן טעאַטער־גייער אומצופרידן. עס ווייזט אים אויס, אַז מען האָט אים אָפגענאַרט און ער האָט ניט געקראָגן וואָס ער האָט דערוואַרטעט. עס איז דעריבער איבעריק צו זאָגן, אַז שטיקער, וואָס זיינען ניט געבויט אויף טרערן, אַפעלירן ניט צום יידישן עולם, און אַ כלל איז אָנגענומען אין יידישן טעאַטער, אַז קאָמעדיעס וויל דער עולם ניט זען. דער יידישער עולם קומט אין טעאַטער ניט צו לאַכן, נאָר צו וויינען. זעט איר, אַז מען קאָן צוזאַמענמישן ביידע עלעמענטן, דאָס הייסט, אַז דער עולם זאָל האָבן אי צום לאַכן אי צום וויינען אין איינער און אין דער זעלביקער שטיק, איז נאָך בעסער, און טאַקע ניינציק פראָצענט שטיקער אויף דער יידישער בינע האָבן ביידע עלעמענטן, און די פאָדערונג פון אַ שטיק איז, אַז אַחוץ טרערן זאָל עס אויך האָבן אַ קאָמישן עלעמענט. אָן דעם קאָמישן עלעמענט פאַרלירט אַ שטיק 40 פראָצענט פון איר ווערט, נאָר דער עיקר איז טרערן.“

גאָרין ווייזט אויך אָן אויף זעלטענע אויסנאַמעס. אָבער טאַקע די זעלטענע דערפאָלגרייכע פיעסן אָן טרערן אָדער אָן הומאָר זיינען נאָר אַ צופעליקע דערשיינונג. ער וואַרפט אויך אָפ דאָס וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן אַ וויסנשאַפט־

לעכע טעאָריע, אַז דער לאַנגער גלות האָט אָפּגעטויט ביים ייד דאָס געפיל פאַר לאַכן און אמוזירן זיך, וואָרעם אָט די „ציבעלע״־פּיעסן זיינען גראַד ניט קיין פּראָדוקט פון גלות רומעניע אָדער גלות רוסלאַנד, נאָר זיינען אַנטשטאַנען דווקא אין פרייען אַמעריקע, און ער רופט, אַז מען זאָל דאָס פּראָבלעם אַנאַליזירן.

גאָר אינטערעסאַנט איז זיין עסיי וועגן טעאַטער־קריטיק, ווו ער שרייבט:

„דער באַגריף, אַז יעדער איינער איז ראוי צו שרייבן קריטיקן איבער דעם יידישן טעאַטער האָט זיך מסתמא אויסגעאַרבעט אין יענע יאָרן ווען די שטיקער אויף דער יידישער בינע האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט דראַמאַטישער קונסט און דאָס שפּילן האָט מער געטראָגן אַ כאַראַקטער פון פּאַיאַצעריי. אין יענער צייט האָט זיך קיין מבינות ניט געפאָדערט פאַרן יידישן טעאַטער און יעדער האָט געקאָנט קריטיקירן, און הגם זינט דעמאָלט האָט זיך פיל געביטן אין יידישן טעאַטער, איז אָבער דער באַגריף געבליבן דער זעלביקער. דערפון דאַרף מען ניט דרינגען, אַז טעאַטער־קריטיק שטייט ביי אונדז נידעריק. קיין גרעסערן טעות קאָן מען גאָרניט מאַכן. דער דורכשניטלעכער מאַסשטאַב, וואָס איז אָנגענומען אין דער יידישער קריטיק איז פיל העכער פון דעם וואָס איז אָנגענומען אויף דער אַמעריקאַנער בינע. די יידישע קריטיקער טרעטן צו מיט פיל גרעסערע פאָדערונגען ווי די קריטיקער אויף דער אַמעריקאַנער בינע, און דאָס וואָס קאָן אויסנעמען ביי די אַמעריקאַנער קריטיקערס, ווערט אָן רחמנות צעריסן פון יידישע קריטיקערס.

... דער העכסטער מאָסשטאַב און די גרעסערע פאָדערונגען פון דער יידישער קריטיק נעמט זיך דאָס רוב פון אַן אומבאַקאַנטשאַפט מיטן וועזן פון טעאַטער. די מיינסטע וואָס שרייבן קריטיק איבערן יידישן טעאַטער זיינען טעאָרעטיקערס און טיילן אָפּ די דראַמע פון דעם טעאַטער. פאַר זיי איז דער טעאַטער עפּעס אַזוינס אָן וואָס מען וואָלט געקענט גרינג אויסקומען, און די הויפּט־זאַך איז די ליטעראַרישע זייט פון דער דראַמע. וואָס מען פאַרגעסט דערביי איז אַ קלייניקייט, אַז די דראַמאַטישע קונסט קאָן נאָר אויסגעדריקט ווערן אין טעאַטער און בשום אופן ניט אין אַ געדרוקטן וואָרט. ווען אַ דראַמע קאָן נאָר געפעלן ווערן אין בוך־פאָרם און זי לאָזט זיך ניט שפּילן אויף קיין בינע, איז זי ריינע ליטעראַטור און האָט מיטן טעאַטער גאָרניט צו טאָן. דראַמען פאַרן טעאַטער זיינען געשאַפן צום שפּילן און נאָר אויף די ברעטער פון דער בינע קאָנען זיי געפינען דעם העכסטן אויסדרוק פון דראַמאַטישער קונסט...

ווען דער עיקר פון אַ דראַמע זאָל נאָר זיין איר ליטעראַרישע זייט, וואָלט מען ניט געדאַרפט האָבן קיין טעאַטער. עס וואָלט געווען גענוג צו דרוקן די דראַמען... דאָס הייסט ניט, אַז אַ שטיק, וואָס מען שפּילט אין טעאַטער, דאַרף זיך ניט רעכענען מיט דער ליטעראַרישער זייט. עמיצער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אַ גוטע דראַמע דאַרף זיין געבויט ווי אַ פּיראַמיד. זי דאַרף געפעלן ווערן דער ברייטער מאַסע און דעם מפונק אויפן סאַמע שפּיץ... ווען אַ טעאַטער זוכט נאָר צו געפעלן דער ברייטער מאַסע, ווערט אַרויסקומען אַ פּיראַמיד אָן דעם אויבערשטן טייל און דאָס איז קיין פּיראַמיד ניט. און דערין איז דער גרויסער אונטערשייד צווישן די יידישע קריטיקערס און די גויישע. די יידישע קריטיקערס ווילן זיך לחלוטין ניט רעכענען מיט דער דראַמאַטישער זייט פון אַ שטיק און זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ווערט געשענקט צו דער ליטעראַרישער; בשעת דער גויישער קריטיקער רעכנט זיך פריער מיט דער דראַמאַטישער זייט. דער פועל יוצא דערפון איז, אַז יידישע קריטיק איבט ניט אויס דעם געווונטשטן איינפלוס אויף דער יידישער בינע. אין יידישן טעאַטער באַטראַכט מען ניט די קריטיקערס אַלס אַזעלכע, וואָס קאָנען מבינות זאָגן אויף דעם מהות פון דראַמע. מען קוקט אויף די קריטיקערס ווי אויף פאַנטאַזיאָרן, שווערמער, טעאָרעטיקערס און מען רעכנט זיך ניט מיט זייער מיינונג.

... מען דאַרף דערפון ניט דרינגען, אַז דאָס נעמט זיך פון אומוויסנקייט. די דאָזיקע קריטיקערס קאָנען זיך זיין גאַנץ געבילדעטע מענטשן, און זייער געבילדעטע מענטשן, נאָר זיי ווייסן ניט וואָס טעאַטער איז, און דאָס פירט דערצו, אַז



## מאיר זימל טקאַטש / ניו־יאָרק

# ג ע נ ע ז ו נ ג

(פון מיינע יוגנט־מאָטיוון)

1.

די יונגע זון האָט זיך צעוואַרעמט
און שמעלצט דעם גרויסן פראָסט,
און אויך אין מיינע כריפּלע לונגען
די קעלט האָט אָפּגעלאָזט.

איך הוסט אַרויס וואָס ס'האָט פאַרשטאָפּט זיי
און כ'אָטעם ווידער פריי,
ווי פונעם איז ס'באַפרייטע וואַסער
פליסט אומגעשטערט אויפסניי.

2.

און ווידער רופט צום האַרץ די לוסט —
אַ כאָר אָנצאָליקער,
און ווידער ענטפערט עס אין ברוסט
דער ווידערקוליקער.

און ווידער, ווי פרוזשינעס שטייף,
די גלידער בייגן זיך,
און ווידער פריילעך אין אַ פייף
די ליפּן לייגן זיך.

3.

אַז די כוחות
האָבן מוחות,
איז ניט ווילד די פרייד—
כ'שפּאַן מיר מונטער,
גלייך ווי אויף אַ פּלייט.

ליכטיק, בלענדיק
מער ווי שטענדיק
אויף דער גאַס איז היינט —
אויך אַ פייער
דער זון צושטייער
ברענט אין מיר און שיינט.

שמייכלען מיידן,
גליקן, פריידן
זאָגן־צו פאַר מיר.
כ'שפּאַן מיר מונטער,
פייף מיר אונטער:
„כ'בין אָן זיי אַ גביר.״

זייער אָפט ווערט אַרונטערגעריסן אַ פּיעסע, וואָס האָט פאַרדינט אַ בעסערע באַהאַנדלונג. עס ווערט געלויבט אַ שטיק, וואָס פאַרדינט ניט קיין שום אויפמערקזאַמקייט.״

גאָרינס דעפיניציע וועגן די פּראָצענט ליטעראַטור וואָס אַ גוטע פּיעסע דאַרף האָבן כדי צו זיין אַ גוט בינע־ווערק איז אַ פולשטענדיק ריכטיקע. די יידישע טעאַטער־קריטיק איז שטענדיק צוגעגאַנגען צו דער דראַמע פון ליטעראַרישן, ניט פון בינע־קוקווינקל. אָבער הגם גאָרין טאַדלט דאָס, איז ער אַליין ניט געווען אין גאַנצן פריי פון אָט דער האַנדלונג.

(סוף קומט)

א. גאָלאָמב

# וועגן לעבן אין צוויי קולטורן

עס קומט אויס אָפט צו הערן און צו לייענען וועגן דער פּראָבלעם וואָס עס קומט אויס אַ יידן אין דער סובאַרבישער תקופה צו לעבן אין צוויי קולטורן, איינצייטיק דאַרף מען דאָ קודם כל עטוואָס די פּראַגע קאָרעגירן: לעבן אין צוויי קולטורן איז ניט קיין פּראַגע: יידן אין גאַליציע און אַנדערשווו האָבן געלעבט אין צוויי און מער קולטורן; יידן אין קוויבעק, אין צאַרישן פּוילן. פּאַרקערט, אין צוויי קולטורן איז פאַר יידן גרינגער איינצוהיטן זייער אייגענע קולטור. די פּראַגע דאַרף געשטעלט ווערן אַזוי: צי קען אַ מענטש אין זיך טראָגן צוויי קולטורן? צי קענען צוויי קולטורן לעבן אין איין מענטשן?

דאַרף מען זיך צונויפרעדן וואָס הייסט קולטור? קודם כל — קולטור איז ניט אידענטיש מיט רעליגיע. בייטן די רעליגיע איז נאָך ווייט ניט בייטן די קולטור. קולטור איז ווייט מער ווי שפּראַך. אַ ייד וואָס שמדט זיך און ווערט רוסיש איז מער ניט קיין ייד, אָבער ער איז נאָך ווייט ניט קיין רוס. ק ו ל ט ו ר איז יאָ אידענטיש מיט פ אָ ל ק. די עלעמענטן פון קולטור זיינען פון דריי גאָרן, איינער אויף דעם צווייטן, ווי דריי גאָרן אין אַ הויז; איינער אויף דעם צווייטן. דער פונדאַמענט פון קולטור איז פ אָ ל ק י ש איינגעבאָרן. ער גייט זיך איבער בירושה. אַלע באַשעפענישן — געוויקסן און חיות וואָס ווערן קולטווירט צעפאַלן אויף אַלערליי סאָרטן. די נאַטור ווייסט נאָר פון מינים און אַרטן. אין קולטור האָט איין אַרט אַ סך סאָרטן — אַ סך סאָרטן ווייץ, קאַרטאָפל, עפּל, פערד, טויבן וכדומה. דער מענטש איז אויך קולטיווירט. די סאָרטן — דאָס זיינען פעלקער. ניט אַ קאַרטאָפל, און ניט אַ פערד און ניט אַ ווייַנטרויב ווייסן ניט פון זייערע אייגנשאַפטן, פּונקט אַזוי ווייסט אויך ניט אַ מענטש פון זיין איינגעבאָרענער פאָלקישקייט, פון זיין קולטור. זי באַשטייט אָבער פון אַ ריי פיזישע, פיזיאָלאָגישע שטריכן — אין אויסזען, אין קערפּערבוי, אין גייסטיקע שטריכן: אַזוי האַנדלט אַ ייד, „און אַזוי מאַכט איוואַנקע" (פון אַ פאָלקסלידל). אַזוי פאַרשטיי איך דעם תלמודישן טערמין „מיסטורין", וואָס האָט לויטן מדרש געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף בלייבן יידן אין גלות מצרים (און אויך אַנדערשווו).

**אויף דעם יסוד קומט דער בנין — די ס אָ צ י אַ ל ע ירושה פון קולטור, וואָס אַ מענטש קריגט נאָכן געבוירן ווערן. דאָס באַשטייט פון שטייגער — דער סכום פון אַלע פירונגען און אָנגענומענע נאָרמעס, ווי אויך אַלערליי השפּעות פון דער סביבה — היים, עלטערן, משפּחה, און אַזוי ווייטער.** ערשט אויף דעם קומט דער דריטער גאָרן — דאָס געלערנטע אין שולן, פון לערער, פון עלטערן, אָבער אַלע מאָל דורך דער פאַרמיטלונג פון ווערטער.

די ערשטע צוויי — די ביאָלאָגיש־פאָלקישע, אויך די סאָציאַלע ירושה ווירקן דירעקט, אומאָפּהענגיק פון ווערטער. דער דריטער פאַקטאָר — דאָס לערנען ווירקט איבערהויפּט דורך ווערטער.

בנוגע דעם איינגעבוירענעם יסוד איז ניט שייך קיין ווילן, קיין באַוווסטזיין. אַ מענטש קען זיך ניט אָפּזאָגן און ניט ענדערן זיינע פיזישע און ניט זיינע גייסטיקע שטריכן. פּונקט ווי אַ מענטש קען זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין הויקער, פון זיין „יידישער נאָז", אַזוי קען ער אויך זיך ניט אויסקלייבן קיין שענערע, קיין געבילדעטערע מאַמע. די סאָציאַלע ירושה (וואָס שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל) קען יאָ אַ מענטש באַהאַלטן, פאַרבאָרגן, דערדריקן. אין ביאָלאָגיע ווערן אַזוינע דערדריקטע אייגנשאַפטן אָנגערופן „רעצעסיווע". אַנדערע, שטאַרקערע אייגנשאַפטן פאַרדרענגען זיי.

אין דער צייט פון נאַצי־חורבן האָבן יידן אָפט פאַרשטעלט זייער יידישקייט, זי באַהאַלטן אונטער אַלערליי קריסטלעך־פּוילישע פירונגען און האַנדלונגען. זיי האָבן אַלע מאָל מורא געהאַט טאָמער



שפּרינגט אַרויס „דער ייד" ניט ווילנדיק. די יידישקייט איז ניט פאַרלאָרן, ניט פאַרגעסן, נאָר באַהאַלטן, רעצעסיוו.

דער אויבערשטער גאָרן — און דער שוואַכסטער — דאָס איז דאָס אויסגעלערנטע — פון לערער, דערציער וכדומה.

דער וויכטיקסטער פאַקטאָר ביים אויפנעמען די השפּעות איז די עמאָציע פון מענטשן: וויל ער פאַרדייען אָדער וויל ער ניט. די ביאָלאָגישע ירושה איז ניט אָפּהענגיק פון ווילן. די סאָציאַלע ירושה קען מען פיינט האָבן, אָבער אַרויסוואַרפן קען מען זי ניט. ווי געזאָגט, קען מען זי פאַרדרענגען. די אויסגעלערנטע קולטור — דאָס איז דער שוואַכסטער עלעמענט. היינט געלערנט — מאָרגן פאַרגעסן. דאָ ליגט די טראַגעדיע פון דער יידישער דערציונג. זי באַזירט זיך בעיקר אויף אויסלערנען ווערטער, אייַנחזרן. דאָ קען יעדער מענטש „באָמבאַרדירט ווערן" מיט די עטלעכע קולטורן, וואָס לעבן אַרום אים. אַ ייד אין גלות. אַרום אים הערשן איינע אָדער עטלעכע קולטורן. ווי קומט דאָ אַרויס דער ייד? ניט געווען די פּראַגע אין דער תקופה פון שטעטל. דער ייד האָט דורך דער גאַנצער תקופה געלעבט נאָר אין איין קולטור. ניט געווען אין יידישן שטעטל קיינע אַנדערע, פרעמדע השפּעות, פון פרעמדע קולטורן.

מען דאַרף אָננעמען, אַז דאָס קלאָגן זיך פון תנ"ך־שרייבער, וואָס זיי קלאָגן זיך אויף יידן — זיי דינען צו פרעמדע געטער — מיינט עס פּשוט — זיי לעבן אין קולטורן פון פרעמדע פעלקער. דאָס האָט געקענט זיין אין ארץ ישראל אין דער צייט פון די שופטים, פון די מלכים, עס האָט אָבער ניט געקענט זיין אין גלות מצרים, ווו די יידן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט טעריטאָריעל (גושן) און סאָציאַל — קנעכט, וואָס די מצריים האָט „געעקלט צו עסן צוזאַמען מיט יידן!" ווי עס דערציילט דער חומש. עס האָט געקאָנט זיין אין העלעניזירטער מצרים, אין העלעניזירטער ארץ ישראל, ניט אָבער אין דער פּערסישער תקופה, ווען די יידן אין ארץ ישראל האָבן טאַקע געהאַט איבער זיך אַ פרעמדע מאַכט, אָבער די פּערסישע הערשערישע מאַכט איז געווען ווייט און ניט געדריקט אויף די יידן. עס האָט געקאָנט זיין אין אַראַבישער שפּאַניע, אָבער ניט אין קריסטלעכער אייראָפּע. דאָ האָבן יידן געלעבט אין שטעטלעך, אָפּגעזונדערט סאָציאַל. עס האָט געקענט זיין דער שווערסטער פּאָליטישער דרוק, אָבער עס איז ניט געווען קיין קולטור־דרוק. אַזאַ דרוק האָט זיך יאָ אָנגעהויבן מיט דער אורבאַנישער תקופה, איבערהויפּט מיט דער עמאַנציפּאַציע.

ווי ווירקט אָט דער קולטור־דרוק?

דער טיפסטער עלעמענט פון קולטור — די ביאָלאָגישע ירושה — זי קען זיך ניט ענדערן, סיידן דורך געמישטע חתונות. דער גאַנצער קולטור־דרוק באָמבאַרדירט די סאָציאַלע ירושה — שפּראַך און שטייגער, סביבה און אַזוי אויך די שול מיט דער געלערנטער קולטור.

דאָ קומען קולטור־קאָנפליקטן, וואָס די שטעטל־תקופה האָט פון זיי ניט געוווסט. איך וועל זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַנאַליזירן געשיכטלעכע פאַקטן פון העלעניזם אין ארץ ישראל און אין אַלעקסאַנדריע. איך וועל נעמען דירעקט אונדזער צייט אין שטעטל און אורבאַניזם. ווי געזאָגט שוין, לאָזט זיך דער ביאָלאָגישער ירושה־עלעמענט ניט ענדערן סיידן דורך אַ גרעסערער צאָל דורות. דער ייד בלייבט אין יידן, אפילו ווען דער „עמאָציאָנעלער אויפנעמער" וויל עס ניט. גאָר פּשוט — אפילו ווען דער ייד וויל אַוועק פון יידישקייט. אַ גר קען זיין רעליגיעז פאַררעכנט פאַר אַ יידן, אָבער קולטורעל איז ער גאָר ווייט פון צו זיין אַ ייד. אַ משומד איז אַ מאָל אין שטעטל געבליבן צוגעבונדן צו יידן, און האָט געהאַט שווערע גייסטיקע יסורים. אָדער ער איז שוין פריער, פאַרן שמד, געווען אַ גוי. „אַ ייד שמדט זיך ניט" האָט מיין פאָטער געהאַט אַ ווערטל.

דער אורבאַניזם האָט צעשטערט די באַזונדערע יידישע סאָציאַלע סביבה. יעדער ייד, יעדער יידיש קינד לעבט דירעקט אין דער פרעמדער גאַס, פרעמדער סביבה, לויטן פרעמדן לוח פון רו פון אַרבעט. ניטאָ לגמרי דער יידישער שבת פון שטעטל ווו די גויים האָבן געמוזט היטן דעם יידישן שבת מער ווי יידן דעם גויישן זונטאָג. די שפּראַך פון שטעטל איז געווען איינע — די יידישע.

שטעטלשע גויים האָבן גערעדט יידיש — הלוואי אורבאַנישע יידן ניט ערגער. די עמאָציאָנעלע באַציונג פון יעדער יידן צו זיין יידישקייט איז געווען אַ נאָרמאַלע: דאָס אייגענע איז ליבער ווי דאָס פרעמדע. „וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר!"

„שלא עשני גוי". קינדוויז פלעג איך בפירוש רחמנות האָבן אויף די עטלעכע באַקאַנטע שקצים, וואָס זיינען נעבעך ניט מער ווי מ'שטיינס געזאָגט גויים. די גויים אַליין פלעגן אויך קוקן אויף יידן אַרויף: אָרעם ווי אַ פויער און פירט זיך אין זיין שטוב ווי אַ פריץ... אויך דאָס לערנען איז געווען דורכויס יידיש. אַרויסגיין „לתרבות רעה" איז געווען סיידן אַ צופאַל. אַ ייד זיין האָט מען ניט געדאַרפט לערנען: די ביאָלאָגישע און די סאָציאַלע ירושה האָבן מאָניסטיש איינגעפעסטיקט דעם יידן אין זיין יידישקייט אויף זיין גאַנץ לעבן. אויב אפילו עס איז דעם מענטשן אויסגעקומען צו לעבן שפעטער אין אַ דורכויס פרעמדער סביבה און זיך פאַרנעמען מיט עניינים וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו יידישקייט.

פונקט דאָס פאַרקערטע איז עס אין אורבאַניזם: די גאַנצע סאָציאַלע סביבה שטייט קעגן יידישקייט, אין קאָנפליקט מיט דער ביאָלאָגישער יידישקייט. אָפט קומט אַ קאָנפליקט אויך צווישן גאַס און היים. אַן אויסגעהאַלטענע יידישע היים איז אַ סך זעלטענער, זייער זעלטן אפילו! דערצו איז זי על פי רוב ניט קולטורעל יידיש נאָר רעליגיעז יידיש: מיר פירן זיך אַזוי ווייל אַ ייד מוז זיין אַזוי, ווייל מיר האָבן מורא פאַר גאָט. עס פעלט דער עלעמענט פון שטאָלצער צופרידנקייט. פשוט, עס איז אונדז ליב, טייער אַזוי צו זיין; מיר זיינען אַזוי ווייל עס ווילט זיך אונדז אַזוי זיין, עס איז מיינס, אונדזערס. בדרך כלל איז אפילו די פרומע יידישע היים געטריי צו גאָט, צום שולחן ערוך אויף וויפל עס לאָזט זיך אָבער ניט געטריי צו יידישקייט בכלל. דער ערשטער קרבן איז אַלע מאָל די שפראַך: כ'מיין מ'קען דאָך זיין אַ גוטער ייד, אַ פרומער ייד אויך אָן דער שפראַך פון די „פשוטע יידן." פאַראַן אין דעם זאַץ שוין אַ דראַנג פון מאָראַלישער הכנעה צו דער פרעמדער קולטור. עס פעלט נאָר די דערלויבעניש, דער היתר. ניט דער ייד איז שטאָלץ ביי זיך נאָר „ער מוז נעבעך פאָלגן דער שטרענגער רעליגיע. וואָס זאָל מע טאָן, אַז גאָט איז אַ שטרענגער?"

נאָר די יידישקייט וואָס דער שולחן ערוך רעכנט ניט אויס איז בטל ומבוטל. דער איינגעבאָרענער יידישער עלעמענט ווערט אַלץ שוואַכער. דער קאָנפליקט צווישן „דעם יידן און די מענטשן", ווי די משכילים פלעגן זיך אויסדריקן („יהודי בביתך ואדם בצאתך") ווערט אַלץ שטאַרקער. אָט די „איינגעגעסענע יידישקייט" ווערט אַלץ אומליבער, פאַרהאַסט ביי דעם יידן גופא. ער וואָלט גערן פון דעם פטור געוואָרן... עס הייבט זיך אָן אַ זוכן מיטלען צו פאַרדעקן אָט די אומבאַליבטע יידישקייט, זי צו באַהאַלטן, אַרויסשטעלן דעם „מענטשן" (דעם „אדם"). על פי רוב ווערט עס אַ נאָכמאַכן, אַ מין שמינקע צו פאַרדעקן דעם מיאוסן פרצוף, דעם יידישן... זשאַבאָטינסקי האָט עס אַ מאָל אָנגערופן — מען זוכט מיטלען ווי צו באַהאַלטן דעם יידישן הויקער. דער געראַנגל צעברעכט עס דעם מענטשן, דעם מענטשן אין דעם יידן.

אין שטעטל איז דער ייד נ אַ ט י ר ל ע ך געווען אַ ייד. מען האָט ניט געדאַרפט לערנען כדי צו זיין אַ ייד. אַן עם־הארץ האָט געהאַט זיין פעסטע יידישקייט אויב אפילו ער האָט ניט געקאָנט קיין „שייטל עברי." עס איז געווען אַ פולע האַרמאָניע צווישן דער איינגעבאָרענער און דער סאָציאַלער ירושה. ביידע זיינען געווען דורכויס יידיש. אויב אפילו דער ייד האָט גאָר ניט געלערנט. די יידישקייט איז געווען אַ האַרמאָנישע, אָן קאָנפליקטן, אָן אינעווייניקסטע געראַנגלען.

## געלערנטקייט

אַזאַ האַרמאָנישע פערזענלעכקייט האָט אַ סך אָפטער געקאָנט אַרויסהייבן זיך שפעטער מיט איר אינדיווידועלער געלערנטקייט. האָט דאָך יעדער שטעטל געהאָדעוועט עילויים, גוטע קעפלעך, שאַרפע מוחות. מאַלע וואָס. מען האָט ניט געדאַרפט קיין ספעציעלע סעמינאַרן צו



האָדעווען רבנים, חזנים, מוזיקער וכדומה. די סביבה אַליין האָט עס אַלץ געגעבן. אַלע זיינען געווען אויטאָדידאַקטן. מען פלעגט גאָר פאַרשפאָרן אַ סך צו לערנען. „אין אַ יידישער שטוב פאַרשפאָרט מען צו לערנען אַ סך" — האָט מיין טאַטע געהאַט זיין ווערטל. און ער איז געווען גערעכט: דער שטייגער, די פירונג אין דער היים, אין בית מדרש, די גאַס, דאָס לשון — אפילו פון מאַרק — אַלץ האָט געלערנט. אַלץ האָט זיך קאָנצענטרירט אין יידישקייט. עס האָט פרץ לגמרי ניט איבערגעטריבן ווען ער האָט געשריבן („מאָניש"):

געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך די אַלטע באַלעבאָטים
מיט מעשענע בריליק
און זילבערנע בתים...

פול ס'בית המדרש
מיט קאַרפענע קעפ ,
מען לערנט אין פּאָליש,
מען זיצט אויף די טרעפ.

גאָלדענע עטרות
און אייזערנע מוחות,
אַנדערע יאָרן,
גאָר אַנדערע כוחות.

ייִנגלעך צו אַכט יאָר זיינען געווען „למדנים" גאַנצע מיט אַ שלל בלאַט גמרות, מיט חקירות און פשטלעך. אין אַ חשבון מאַכן האָט מען זיך אויסגעלערנט „פון דער לופטן". מען האָט לגמרי ניט געדאַרפט פאַרמאָגן קיין אויסנאַמיקע אינטעליגענץ־קאַפאַציטעט כדי זיך געלערנט אַרויסצוהייבן ווי אַ געלערנטער מיט דערגרייכונגען אין לערנען. דאָס איז געווען די ברכה פון קולטור־האַרמאָניע אין שטעטל.

ניטאָ די מזל־ברכה אין אורבאַניזם. ניטאָ קיין האַרמאָניע. און דערצו איז נאָך דאָס לערנען ווידער אַמאָל ניט קיין האַרמאָנישעס. קודם כל איז דער גאַנצער אינהאַלט פון שול, פון לערנען, אַן „אַלגעמיינע", דאָס מיינט אַן אויסגעפורעמטע פאַר אַן אַנדער פאָלק, פאַר אַ צווייטער קולטור. אין בעסטן פאַל ווערט צו דער אַלגעמיינער פראָגראַם צוגעגעבן אַ סכום יידישע לימודים. איז דער לערן־מאַטעריאַל צעטיילט: דער „אַלגעמיינער," וואָס איז אייגנטלעך לויט זיין שפראַך און לויט זיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער דער זעלביקער וואָס אין אַלע לאַנדשולן, צוגעפאַסט צום גייסט פון הערשערישן לאַנדפאָלק און דער יידישער טייל איז אַ צוגאָב, אַ הוספה. און אָט דער צולאָג איז דערצו אַ סעלעקטיווער: יעדער גרופּע יידן קלייבט זיך אויס „איר" יידישקייט, וואָס זי האַלט פון איר. איז ניט קיין פאָלקיש־יידישעס, נאָר רעליגיעז־יידישעס, אָדער וועלטלעך־ יידיש, ציוניסטיש, בונדיסטיש — אַלע מאָל פאַרציעלע יידישקייט, ניט קיין פאָלקיש־יידישקייט. קומט .עס צו אַ קאָנקורענץ צווישן דער „אַלגעמיינער" קולטור, וואָס איז דורכויס אידענטיפיצירט מיט דער קולטור פון לאַנדפאָלק און דער טיילווייזער יידישקייט.

אין דעם קאָנפליקט צווישן אַלגעמיינעם און יידישן האָט דאָס אַלגעמיינע תמיד די אויבערהאַנט: דאָ איז לאַנד, מלוכה, רעכט, קאַריערע, איינשטעלונג, פאַרן גאַנצן לאַנד־נאָרמע. פאַר דעם יידישן עלעמענט שטייט בלויז דער לערער, אָפט אפילו ניט די היים. זעלטן קען זיין אויף דער יידישער זייט נאָך די אַטמאָספער וואָס די שול שאַפט אַחוץ דער פראָגראַם; זעלטן קען אַ מאָל אַ לערער אַרויסרופן אַ שטאַרקע עמאָציע פאַר יידישקייט. אָבער אַזוינע לערער זיינען זייער זעלטן. דערפאַר האָט ניט דער יידישער טייל פון דער יידישער שול קיין וואָגיקן כוח, זיין השפעה זאָל בלייבן אויף אַ דויערנדיקן המשך פון צייט.

אין דעם זינען ווי צו באַהעפטן די יוגנט צום יידישן פאָלק איז אויך די העברעישע שול אַ דורכפאַל. אפילו אין ארץ ישראל. די בעסטע דערקלערונג פאַר אָט דעם דורכפאַל האָב איך געפונען דווקא ביי אַזאַ כשרן העברעיסט ווי אחד־העם. ער האָט אין 1911 געשריבן אַז די הרצליה גימנאַזיע אין תל־אביב האָדעוועט פאַרצייטיקע יידן. אין די צוויי ווערטער ליגט עס. עס איז לכתחילה געווען דער פאַרלאַנג צו האָדעווען יידן וואָס זאָלן זיין אַנדערש, ניט ווי אַלע היינטיקע פשוטע יידן. אַלע יידן זיינען „יהודים", אָבער

זיי זיינען עברים, גאָר ניט אַזוינע ווי די יהודים. מען דאַרף אונטערשטרייכן:

אין שטעטל האָט דאָס באַלערנען געהאַט אין זינען צו פאַרשטאַרקן דעם „אתה בחרתנו מכל העמים,“ אין די מאָדערנע העברעישע שולן האָט מען געהאַט אין זינען צו אַנטוויקלען אַן „אתה בחרתנו מכל היהודים!“ איז כל זמן דער גאַנצער ישוב אין ארץ ישראל איז געווען אַ סעלעקטיווער, בלויז אידעאַליסטן ציוניסטן, העברעיסטן, האָט די דערציונג געקאָנט זיך אידענטיציפירן מיט דעם אָרטיקן ישוב אין ארץ ישראל. ווען אָבער דער ישוב אין לאַנד איז געוואָרן „כל ישראל־דיקער“, איז ביי דער יוגנט געקומען אַ דראַנג זיך אָפּצוזונדערן אויך פון אָרטיקן ישוב אין ישראל אויך. דעמאָלט איז אויפגעקומען דער „כנעניזם“. ניט די יידן, אפילו ניט די וואָס אין לאַנד, נאָר אַן אַנדער פאָלק, אַזאַ וואָס איז פאַרבונדן דורכויס מיטן לאַנד און לגמרי ניט מיטן גלות און מיט דער גלות־קולטור.

ביי אַלע אויסגעצייכנטע מעלות פון דער ישראל־יוגנט, וואָס ווייזן זיך אַרויס אויף אַ סך פרידלעכע געביטן און נאָך מער אין דער מלחמה, ביי אַלעם דעם איז דער כנעניזם — דער פאַרלאַנג אָפּצוזונדערן זיך פון יידישן היינטיקן פאָלק— דאַן געבליבן. אָט דעם טראַגישן דעפעקט אין דער ישראל־דערציונג האָט מען געוואָלט בייקומען מיט אַ ספּעציעלן לימוד „תודעה יהודית“. עס איז אָבער שוין געזאָגט געוואָרן, אַז דער באַלערנדיקער עלעמענט איז דער שוואַכסטער פאַקטאָר. דאָס וויסן ברענגט לגמרי ניט צום באַוווסטזיין. דאָס פירט צו עטלעכע נעגאַטיווע דערשיינונגען. ניט איצט ווען די יוגנט אין ישראל שטייט העלדיש אין קאַמף פאַרן קיום פון מדינה און ישוב, ניט איצט איז די צייט פאַר אַ יידן אין חוץ לארץ, וואָס שטייט ניט אונטערן ביקס, צו ציילן די עבירות פון די סאַברעס, אָבער פאַרלייקענען זיי טאָר מען אויך ניט. בפרט אַז שולדיק אין די דעפעקטן זיינען ניט זיי, נאָר די בילדונגס־פּאָליטיק וואָס איז איינגעשטעלט דווקא דורך געקומענע פון די גלותן.

פאַרקערט אָבער, די מעלות, די גרויסע אויפטוען, די דערגרייכונגען אויף אַ סך געביטן, דאַרף מען פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דעם האַרמאָנישן מאָניזם אין שטייגער, אין לעבן און אין דערציונג. ניטאָ קיין קאָנפליקטן. פון דעם איז טאַקע צו זען די גוטע השפעה פון האַרמאָניע.

## שעפערישקייט

מיט דעם וואָרט „שעפערישקייט“ מיין איך די אָריגינעלע אויפטוען אויף אַ וואָסער עס זאָל ניט זיין געביט. איך באַווונדער אַלע מאָל דעם פאַקט: עס זיינען געקומען יידן קיין אַמעריקע, אין אַנדערע לענדער. פון קליינע אָפּגעשטאַנענע שטעטלעך, אָן בילדונג, אָן אַ שפּראַך. און אָט די אימיגראַנטן האָבן אין משך פון אַ קורצער צייט באַוויזן אויפצוטאָן גרויסע זאַכן, ווונדער ממש: פעסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פאַר זיך און פאַר קינדער, אָרגאַניזאַציעס, הילף פאַר דער אַלטער היים, אַלץ! דאָס גאַנצע פּריוואַטע און סאָציאַלע יידישקייט — דאָס איז דאָך אַלץ אַן אויפטו פון איין דור, פון אימיגראַנטן! פון די אימיגראַנטן קומען אַרויס שעפערישע מענטשן, וואָס האָבן אויפגעבויט די אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אַמעריקע, געזעלשאַפטלעכע טוערס. די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין די אַמעריקעס איז דאָך דורכויס אַן אימיגראַנטישע! דער צווייטער דור אָבער—שוין מיט בילדונג, מיט דער שפּראַך פון לאַנד — אָט דער צווייטער דור האָט טאַקע אַ סך געבילדעטע, דיפּלאָמירטע פּראָפעסיאָנאַלן. אָבער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן ווייס איך ניט צי דער צווייטער דור קען זיך באַרימען מיט אַ גרעסערן פּראָצענט שעפערישע, אויפטוערישע מענטשן.

מילא, אין יידישן לעבן גייט עס — קלאָר פאַר אַלעמען — באַרג אַראָפּ. ניטאָ מער קיין יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, דער אויפלעב פון יידישע טעמעס אין ענגליש, בעסט־סעלערס — די מאָדע איז אַ מין מעלה גירה פון שטעטל. פאַראַן אויך ווערק וויסנשאַפטלעכע וועגן יידישקייט, ווי וועגן אַמאָליקע קולטורן, וועגן אויסגעשטאָרבענע חיות. אַזוי אויך וועגן יידישקייט. ניט געהערט פון אַ היינטיקן יידישן דענקער וועגן יידישן היינט און מאָרגן. די יידישע שעפערישקייט גייט אויך אונטער. עס שאַפט זיך ניט



קיין יידישער פאָלקלאָר, קיין יידישע אָריגינעלע ווערטלעך, קיין ניגונים. אַ פאָלק ווערט געבאָרן ווען אפילו עס האָט ניט קיין אלף־בית. אַ פאָלק שטאַרבט אפילו ווען עס האָט גאַנצע ביבליאָטעקן מיט ליטעראַטור, ביבליאָטעקן און מוזייען. לעבן הייסט טראַכטן און בויען דעם עתיד. ווען דאָס לעבן האַלט ביים סוף, לעבט מען מיט זכרונות פון אַמאָל.

ווו האַלטן מיר אין די נייע ישובים? שאַפן שאַפט אין אַ מענטש דאָס איינגעבאָרענע. אויב דאָס לערנען האָט אים אויסגעלערנט ער זאָל זיך קענען אָריענטירן אין דעם איינגעבאָרענעם און דאָס קענען פאָרמולירן און פורעמען. אַ מענטש מיט קאָמפּלעקסן, ווען דאָס איינגעבאָרענע שטימט ניט מיט דעם דערוואָרבענעם, איז ניט שעפעריש. דער קאָנפליקט שטערט צו שאַפן. אַזאַ איינער קען אָפט זיין אַ גוטער פאַרשפּרייטער פון קולטור, ער קען אפשר איבערנייען, איבערפּוצן. קיין אָריגינעלע קולטור קען אַזאַ איינער ניט שאַפן.

ביי אַלע גרויסע שעפער זעט מען גלייך זייער פאָלק. יעדער קוואַל באַשאַפט ניט זיין וואַסער. ער טראָגט אים פון די טיפענישן אַרויס צום אויבערפלאַך. אַזוי אויך יעדער קינסטלער: פון די טיפענישן פון פאָלק, פון די פאַרבאָרגענע פאָלקישע „מיסטורין“ פורעמט ער זיין צוקונפט. פון דעם פאָלקישן „ניסתר“ מאַכט ער אַ „ניגלה“. ווען אָבער דאָס פאָלקישע, איינגעבאָרענע איז פאַרדעקט מיט בערג גאַנצע פרעמדע „ערדן“, דעמאָלט איז ניטאָ קיין שעפערישקייט. פון אויסלערנען גאַנצע ביבליאָטעקן קען מען ניט ווערן שעפעריש. דער בעסטער פרוכטבוים, די שענסטע בלומען זויגן זייערע זאַפטן פון שוואַרצן, שטומען, פון אומבאַלעבטן באָדן. פון אָט די זאַפטן אַרבעט דער בוים איבער זיין אייגענע פרוכט לויט די פאַרבאָרגענע „טראַדיציעס“ פון זיין סאָרט.

גליקלעך איז דער מענטש וואָס האָט פון וואַנען צו שעפּן זאַפטן (פאָלקישע וואָרצלען), וואָס זיין נשמה איז ניט צעבראָכן דורך קאָנפליקטן און דערצו האָט דאָס לערנען אים אויסגעלערנט די פאַרבאָרגענע זאַפטן איבערצואַרבעטן אין קונסטן אַריין. און אמתע וויסנשאַפט איז אויך קונסט. אַ מענטש מיט קאָנפליקטן קען ניט זיין שעפעריש.

**רבקה קאפע** / פאַריז

# געזאַנג צום געפיל

מיין ברודער האָט לאַנג שוין צו מיר געזאָגט,
אַז אַ נאַריש וואַרעם האַרץ איך פאַרמאָג.

פון קינדערשע קלעמונג וואַקסט אויס מיין צער,
כאָטש נעם און באַשטראָף עס דאָס האַרץ, דעם נאַר.

די נאַקעטע חכמה, אָן געפילן,
איז גאווה וואָס קאָן די וועלט אָפּקילן.

און ווייל שלעכטס פאַראַן אויף דער וועלט לרוב —
וויל דער נאַר אין מיר קיניגן ביזן סוף.

דעם נאַר כ'וועל מיט שטראַל פאַראַקערן צוזאַמען —
ניט זיין זאָל מיין האַרץ קיין ליקוי חמה.

זאָל עס אייביק זוניק נאָר זיין באַרוישט —
און נאַריש ווי דאָס ערשטע מאָל אַנטוישט...

מ. גיציס / שיקאַגאָ

# ביים אָפּגרונט

(דערציילונג)

איך פאַרשרייב דאָס, ווייל ס'איז געווען אַ ספּעציפישע נאַכט אין די נעכט פון מיין לעבן. איך פאַרשרייב דאָס, אויף וויפל איך געדענק און אויף וויפל עס לאָזט זיך פאַרפיקסירט ווערן.

אין יענער נאַכט, וועגן וועלכער איך דערצייל, איז מיר אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אויף אַ קליינער באַן־סטאַנציע, וואו איך האָב באַדאַרפט פאַרטאָג נעמען דעם אויטאָבוס צו פאָרן מיט נאָך אַ האַלבצענדליק אָדער מער טוריסטן אַ קוק צו טאָן אויף דעם גרענד קעניאָן. עס איז פאַר מיר ניט אין גאַנצן קלאָר געווען צו וועלכן טייל פון גרענד־קעניאָן, וואָס ציט זיך אויף אַ לענג פון מער ווי צוויי הונדערט מייל, איך פאָר. פאַר מיר האָט עס, אייגנטלעך, ניט געמאַכט קיין אונטערשייד. אין מיין עלטער פון פינף און זיבעציק, איז... וווהין איך זאָל ניט פאָרן, איז דאָס ווי אַ געשאַנק פון דעם לעבן. ווו איך זאָל ניט זיין — אויב עס מאַכט מיין לעבן אַנגענעם און אינטערעסאַנט, איז דאָס גוט און גענוג. אַזוי פיל איך די לעצטע יאָרן, אַ צוריקגעצויגענער פון מיין אַרבעט, ווי אַ לערער, אַ באַפרייטער פון דעם קנעלן מיט די הונדערטער און טויזנטער קליינע „טיראַנען" פאַר די לעצטע פופציק יאָר.

אין קורצן וועל איך נאָך זאָגן וועגן זיך: איך בין אַן אַלמן שוין צען יאָר. מיין פרוי איז אויך געווען אַ לערערין. אין די זומער־חדשים ווען מיר האָבן געהאַט אונדזער וואַקאַציע, האָבן מיר ליב געהאַט אַרומצופאָרן. מיר האָבן ליב געהאַט מוזיק און, איבערהויפּט, צו לייענען. און אַז איך בין געבליבן אַליין, האָב איך די אַלע יאָרן אָנגעהאַלטן דעם דאָזיקן קוריקולום־וויטע ביז היינטיקן טאָג. יאָ... אַ מאָל, דאָ און דאָרט, האָב איך אָפּגעדרוקט אַ ליד אָדער אַן עסיי אין אַ זשורנאַל; אַרויסגעגעבן אפילו אַ בוך לידער, אָטאַ ווי אַ סך פון אונדזערע יידישע לערערס טוען. ס'איז שוין דאַכט זיך אַ „מוד" אַזאַ, אַז אַ לערער, און ניט נאָר פון יידישע, זאָל אויך ווערן אַ דיכטער, אַ שרייבער.

די באַן־סטאַנציע איז געווען אַ קליינינקע ביים ברעג פון אַ וועלדל. די רעלסן האָבן זיך געצויגן ווייט צום האָריזאָנט. אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַנציע זענען מיר פאַרנאַכט צו. מיר — מיינט: איך, צוויי יונגע פאַרהייראַטע פאָרלעך און אַן עלטערער מאַן, אַ ספּאָרט, אָנגעלאָדן מיט צוויי טאַשן, בינאָקולאַרן, אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. איך האָב געהאַט מיט זיך בלויז אַ פאָרטפּאָליאָ אין וועלכן איך האָב געהאַלטן אַ פּאָר זשורנאַלן, מיינע ראַזיר־אַקסעסואַרן און אַ פּאָר עפּל. מיין גרעסערע וואַליזע איז אַוועק מיטן באַן קיין לאָס אַנגעלעס, וווהין איך האָב באַדאַרפט אָנקומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָך דעם באַזוך ביים גרענד קעניאָן.

דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט. די באַן־סטאַנציע איז געווען קאַרג באַלויכטן. אין אַ ווינקל, אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטייג, איז געזעסן אַ באַן־באַאַמטער, פאַרטיפט אין אַ צייטונג. עס איז געווען שטיל און אומעטיק אַרום. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט דער טיקטאַק פון טעלעגראַפן־אַפּאַראַט. ביי דער וואַנט קעגן דעם אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ לאַנגער, שמאָלער טיש, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעשטעלט אַלערליי געבעקס, פרוכטן, קיי־גומי, אַ גאַז־אייוועלע, אויף וועלכן עס האָט אין אַ גלעזערנע אורנע פערקאָלירט געראַכפּולע קאַווע. ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ הויכע דיקע פרוי, גרייט צו באַדינען. עטלעכע שווער־דעמבענע לאַנגע בענק ביי די ווענט האָבן ווי געוואַרט אויף אונדז. צוויי יונגע פּאָרלעך האָבן גלייך פאַרנומען אַ באַנק, און לאַכנדיק און טומלענדיק געזויגן קאָקאַ־קאָלאַ פון די פלעשלעך.

איך האָב באַשטעלט אַ טעפּעלע קאַווע מיט אַ זיסן קיכל. נו — כ'וועל זיצן געמיטלעך; כ'וועל זופּן די קאַווע; כ'וועל זיך פאַסמאַקעווען מיטן קיכל — וואָס נאָך קאָן איך טאָן ביז פאַר טאָג, גאַנצע אַכט שעה כמעט... דער ספּאָרטסמאַן מיט די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן האָט זיך אָנגעפרעגט ביי דער דיקער פרוי, ווי ווייט עס איז צום שטעטל, ווו ס'איז אפשר צו געפינען אַ צימער אויף איבער נאַכט אין אַ האָטעלכל. אַ צוואַנציק־מינוטיקער שפּאַציר — האָט זי געזאָגט. איז ער אַוועק צום שטעטל. די צוויי פאָרלעך האָבן אויך באַשלאָסן אַרויסצוגיין שפּאַצירן, באַטראַכטן די געגנט — אפשר אויך אויף דעם וועג צום שטעטל. האָבן זיי אַוועקגעלייגט אַן אַ זייט זייערע קליינע פּעקלעך און זענען אַרויס אין דער נאַכט אַריין. כ'בין געבליבן אַליין. כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן. אפשר וועל איך דאָ אויף דער באַנק איינדרימלען. גיין צום שטעטל איז ניט פאַר מיר, איבערהויפּט ביינאַכט... א־ז, מילא, וועל איך דאָ אָפּזיצן די נאַכט.

ערגעץ ווייט, ווייט אין דער נאַכט יאָמערט אַ דורכלויפנדיקער צוג. דער טעלעגראַפן־אַפּאַראַט טיק־טאַקט און טראָגט מיט זיך מאָנאָטאָנע דעפּעשן. מיין פּאָרטפּאָליאָ ליגט לעבן מיר. כ"באַשליס אויפצועסן אַן עפּל. איך שייל אָפּ מיט מיין קעשענע־מעסערל און עס רייפּטלווייז. די ווייניקייט דערקוויקט. איך נעם אַרויס אַ זשורנאַל און פּרוביר לייענען. עס לייענט זיך אָבער ניט. גיי איך אַרויס און בלייב שטיין ביי דער זייט פון דער טיר אונטער דעם עלעקטרישן לעמפּל. די לבנה שטייט איבערן וועלדל און ס'דאַכט זיך זי קוקט גלייך אויף דיר. שטיי איך אַזוי און טראַכט. ניין, איך טראַכט ניט. די נאַכט באַהערשט און דער קאָפּ, די אויגן, ווילנדיק, ניט ווילנדיק, קוקן אַרויף צום גרענעצלאָזן ביינאַכטיקן הימל אַרויף...

איך גיי צוריק אַריין און זעץ זיך ווידער אַנידער אויף דער באַנק. דער באַן־באַאַמטער איז שוין ניטאָ. די דיקע פרוי איז שוין אויך ערגעץ אַוועק, מסתמא מיט דער הינטערטיר, וואָס פירט צו אַ צווייטער פּלאַטפאָרמע. זיץ איך איינער אַליין. כ'פאַרמאַך די אויגן און נעם פּלוצים טראַכטן וועגן מיין צימער אין דער היים, וואָס שטייט דאָרט פאַרשלאָסן און טונקל: צי האָב איך פאַרדרייט די ראַדיאָ ווען איך בין אַרויס מיט מיין וואַליזע. צי האָב איך פאַרמאַכט דאָס פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער פאַבריק פון וועלכער עס זעצט שטענדיק אַ געדיכטער שוואַרצער רויך. ניט וויסנדיק ווי אַזוי, בין איך איינגעשלאָפן.

מיט אַ מאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. צום ערשטן האָב איך ניט געקענט באַנעמען ווו איך געפין זיך, אָבער צוביסלעך בין איך געקומען צו זיך. און פּלוצים האָב איך דערזען ביים סאַמע עק פון דער באַנק אַ הויכן, דיקן מאַן. ער האָט געקוקט אויף מיר און געשמייכלט. אָבער זיין שמייכל אויף די פאַרקרימטע ליפּן און אין זיינע פאַרזשמורעטע אויגן האָט ניט צוגעצויגן, נאָר פאַרקערט — אָפּגעשטויסן, און אפילו געשראָקן מיט עפּעס. ער האָט געהאַלטן זיין כמעט געגאָלטן קאָפּ אָנגעבויגן אין אַ זייט, און די גרויסע נאָז אין בלויע פאַכירן אונטער זיינע אויגן, דער פעטער האַלדז און דיקע, ווי קלעצער, הענט, האָבן ניט אַרויסגערופן אין מיר קיין באַזונדערן צוטרוי צו אים. איך האָב געקוקט אַ ווײַלע אין זיינע פאַרזשמורעטע שמייכלענדיקע אויגן, סימולירנדיק אויך עפּעס אַ מין רעפלעקס אויף זיין שמייכל. און, ענדלעך, אָפּווענדנדיק מיין בליק פון אים, האָב איך גענומען איינקוקן זיך אין מיין האַנטזייגערל, גלייך ווי איך וואָלט נייטיק באַדאַרפט וויסן ווי שפּעט עס איז.

„אַ טוריסט?" האָט ער אַ פרעג געטאָן און אַנידערגעזעצט זיך אויף דער באַנק.

„יאָ", האָב איך געענטפערט. „כ'וואַרט אויף דעם פאַרטאָגיקן אויטאָבוס, וואָס פירט צום קעניאָן."

„צום קעניאָן קומען געוויינלעך ווייניק יידן," האָט ער געזאָגט, און מיט דעם, פאַרשטייט זיך, גלייך געלאָזט מיר וויסן, אַז ער ווייסט, אַז איך בין אַ ייד, וואָס אַ יעדער איינער האָט דאָס געקענט זען אין מיין נאָז, מיינע אויגן, און אפשר אויך אין מיינע ליפּן און אויערן, שוין אָפּגערעדט פון מיין אויסגעדאַרטן, דינעם, קליינוויקסיק גוף.

„און קריסטן קומען אַ סך? האָב איך געפרעגט.

„יאָ, מערסטנס קריסטן, יידן זעט מען זעלטן. יידן פאָרן אָדער פליען קיין פלאָרידאַ."

כ׳האָב געשוויגן, ניט געוואָלט ענטפערן און טאַקע אויך ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אויף דעם.

„ווייסט איר פאַרוואָס?” האָט ער געפרעגט, און טאַקע גלייך אַליין געענטפערט: „ווייל דאָ איז ניטאָ גאָרניט אָנצוזעטיקן די יידישע אַפּעטיטן. קיין גרויסע האָטעלן, ווו צו באַווייזן זיך מיט די בריליאַנטן, קיין נאַקעטע פרויען, קיין גרויסע פעטע רעסטאָראַנען, קיין געמבלעריי... אָט, אין לאַס וועגאַס זעט מען זיי יאָ און אין אַ גרויסער צאָל. איר מוזט אַוודאי זיין אַ באַזונדערער טיפּ ייד, אויב איר זענט געקומען אַהערצו אַ קוק צו טאָן אין די טיפענישן ווו עס ליגן די סודות פון וועלט־באַשאַף. מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?”

„איצט מיט גאָרניט,” האָב איך געענטפערט. „געווען אַ מאָל אַ לערער, אָבער אויף די עלטערע יאָרן גלוסט זיך אַ קוק צו טאָן אויף, אָט ווי איר רופט עס, די סודות פון וועלט־באַשאַף.”

„איר וועט מסתמא קוקן פון אויבן־אַראָפּ אין דער טיפעניש אַריין. זייער, זייער זעלטן זעט מען אַ ייד; נעמען אַ מוילאייזל אַראָפּצולאָזן זיך מיט דער קאָפּשווינדלערישער זיגזאַג סטעזשקע צום סאַמע גרונט. זיי זיינען, מילד גערעדט, שרעקנדיקע.”

„פאַראַן אויך שרעקנדיקע,” האָב איך געזאָגט.

„איך ווייס, איך ווייס”... האָט ער זיך צוגערוקט נענטער צו מיר. „איך ווייס וואָס איך רעד.”

מיר האָבן געשוויגן אַ ווײַלע.

„איך וואַרט אויך אויף דעם אויטאָבוס,” האָט ער געזאָגט און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. „איר רויכערט? ניין? איר זענט געווען אַ לערער, זאָגט איר. אַ לערער... כ׳האָב פיינט געהאַט מיינע לערערס. כ׳האָב ניט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, כ׳האָב אָבער אַ סך געלייענט אין מיין לעבן. דורך לייענען, דענק איך, קען מען דערגרייכן צו אַלע ווינקלען פון לעבן. כ׳בין אפילו געווען אַן אַקטיאָר. צוויי יאָר כמעט. געשפּילט אפילו מיט גרויסע אַקטיאָרן אין שעקספּירס טראַגעדיעס. כ׳וועל וועטן, אַז איר גלייבט מיר ניט. דורך די יאָרן בין איך פאַרגרעבט געוואָרן. אַלץ איז מיר געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. כ׳ווייס ניט צי איך האָב זיך ניט אויסגעטויגט, אָדער די מענטשן אַרום מיר האָבן געשטעקט שטעקנס אין מיינע רעדער, וואָס האָבן, אמת, באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם. אין דער אַרמיי בין איך געווען אַ סאַרזשענט. געמאַכט אַ ביסל געלט אין פראַנקרייך און אַהיים קומענדיק געעפנט מיט אַ פּאַרטנער אַ סאַלון אין שיקאַגאָ, ווו כ׳האָב אָפט געמוזט נוצן מיינע פויסטן אין די אַרגומענטן און קריגערייען מיט די שיכורים.”

ער האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט און, ענדלעך, כאַפּנדיק דעם אָטעם ווידער אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיך:

„כ׳האָב געאַרבעט פאַר אַ טראַנספּאָרט פירמע און געטריבן אַ גרויסן לאַסט־טראָק; כ׳האָב עטלעכע יאָר געטריבן אַ טאַקסי; כ׳האָב געהאַט אַ דזשאַנק־שאַפּ מיט אַ יידן בשותפות און ער האָט מיך באַשווינדלט; מיין פאַרוואונדעטער אין דער מלחמה פוס האָט מיר וואָס אַ יאָר אַלץ מער ווי געטאָן און די דאָקטוירים האָבן מיר געראַטן צו בייטן דעם קלימאַט. בין איך שוין פינף יאָר דאָ אין אַריזאָנא און איך בין טאַקע דער דאָזיקער, וואָס האָט די קאָנצעסיע פון די מוילאייזלען, וואָס נעמען די טוריסטן אַראָפּ צום גרונט פון קעניאָן. אַזוי, אַז איך ווייס וואָס איך רעד.” ער האָט זיך ווידער צעהוסט. געשוויגן אַ ווײַלע. געקוקט אויף מיר, ווי אָפּמעסטנדיק מיך מיט זיינע בליקן, אַ פרעג געטאָן: „פון דאַנען פאָרט איר צוריק אַהיים ?”

„ניין”, האָב איך געענטפערט, „פון דאַנען פאָר איך קיין לאָס אַנגעלעס.”

„איר האָט דאָרט קינדער?”

„קיינעם. בלויז באַקאַנטע.”

„אַן איינזאַמער ייד.”

„יאָ, אַן איינזאַמער ייד. אַז מ׳איז איינזאַם איז קיין אונטערשייד צי מ׳איז אַ ייד, צי אַ קריסט.”

„עס איז גראַדע יאָ אַן אונטערשייד. יידן זיינען ניט איינזאַם. זיי קלעפּן זיך איינער צום צווייטן ווי די פּאָליפּן אין ים. איך האָב נאָך ניט געזען קיין איין באמת איינזאַמען יידן. זיי האָבן זייער געהיימען וועלטלעכן קאַהאַל און געהיימען פאָנד



אויף אָנצופירן מיט די געמיינדעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום.”

„ווי עס ווייזט אויס האַלט איר ניט פון יידן און איר גלייבט אין אַלץ וואָס מ׳זאָגט וועגן זיי,” האָב איך אַ שמייכל געטאָן.

„דער ייד, דער דזשאַנק־פּעדלער איז, ווייזט אויס, געוואָרן דער מוסטער.”

„ווער האַלט עס יאָ פון זיי? איך דאַרף זיך פאַר אייך מיט גאָרניט שעמען און איך דאַרף זיך ניט מאַסקירן פאַר אייך. איר האָט געטראָפן: ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט... ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט איך זיי... וואָלט איך זיי...”

„אַוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, פאַרגאַזט, פאַרברענט צו אַש, ווי היטלער,” האָב איך אים אונטערגעזאָגט.

„ניין, היטלער האָט שלעכט אויסגערעכנט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט באַהערשן די וועלט און קיינער וועט אים קיין מאָל ניט אָפּשטעלן אין זיין גראַנדיעזן פאַרנעם. ער האָט געמאַכט אַ טעות מיט יידן. די יידן, האָט ער באַדאַרפט גוט פאַרשטיין, זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און אין יעדן לאַנד האָבן זיי געהיימע כוחות און דעם גאַנצן קאַפּיטאַל אין זייערע הענט. און ניט אַלע לענדער זענען געווען גרייט נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל. ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו די יידן צו פרי.”

„דענקט איר ניט, אַז די יידן זענען געווען דער געשמאַקער ביסן, וואָס ער האָט זיך געאיילט צוצוואַרפן צו די הונגעריקע וועלף און מיט דעם אָנהאַלטן זיין מאַכט?... די דייטשן, די עסטרייכער, די אונגאַרן, די פּאָליאַקן, די רומענער, האָבן זיך מיט גרויס אַפּעטיט צוגעכאַפּט צו די יידישע פאַרמעגנס.”

„די אָנגעראַבירטע אין די יאָרהונדערטער פאַרמעגנס”, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אָן דער באַנק, „און איצט קריגן זיי עס צוריק. צום ערשטן האָט מען זיי אַוועקגעגעבן אַ שטיק לאַנד, וואָס מ׳האָט צוגענומען ביי די אַראַבער און איצט צאָלט זיי דייטשלאַנד קאָנטריבוציע אין די ביליאָנען.”

כ׳האָב געהאַט וואָס צו ענטפערן אים, כ׳האָב אָבער ניט געענטפערט. צוליב וואָס? וועלן דען מיינע ווערטער, מיין אַרגומענטאַציע אַרויספירן אים אויף אַ וועג פון לאָגיק און פאַרשטענדעניש? האָב איך געשוויגן. כ׳האָב געזען — דער האַס איז טיף, טיף איינגעוואָרצלט אין אים.

„איר האָט ניט וואָס צו זאָגן?” האָט ער אַריינגעקוקט אין מיין פּנים מיט אַ חוזק־שמייכל.

„און אַז איך האָב וואָס צו ענטפערן אייך, וועלן דען מיינע ווערטער איבערצייגן אייך, ווי פאַלש אייער טראַכטן איז?” האָב איך שוין געמוזט ענטפערן. „דעם אמת זאָגנדיק, ווייס איך ניט צי איר זענט ערנסט, צי איר שפּאַסט. ס׳איז שווער צו דערקענען אַ מענטשן אין אַזאַ קורצער צייט.”

„איך שפּאַס ניט. און דאָס איז ניט אַלץ וואָס כ׳האָב צו זאָגן וועגן די יידן. זיי קריכן דער מענטשהייט אין די ביינער אַריין. מ׳וואָלט זיי אַלע באַדאַרפט אַראָפּפירן צום גרענד־קעניאָן און אויפרייסן אַ פּאָר אַטאָמישע באָמבעס איבער זייערע קעפּ. דאָס וואָלט געמאַכט אַ סוף צום אַמעריקאַנער יידנטום. דענקט איר ניט, אַז ס׳איז אַ גוטער איינפאַל? כע־כע־כע...”

„און ווען איר וואָלט שוין פאַרטיק געוואָרן מיט די יידן, וואָלט שוין די וועלט, די מענטשהייט דעמלט געווען אַ גוטע וועלט, אַ גוטע מענטשהייט, אָן האַס, אָן מלחמות?” האָב איך אַ פרעג געטאָן.

„די צרות, די אָנשיקענישן, קען מען ניט אויסראָטן מיט אַ מאָל. מ׳דאַרף זיי נעמען איינציקווייז.”

„ס׳איז לייכטער צו האַסן, ווי ליב צו האָבן, ווי צו טראַכטן און ווי צו רעספּעקטירן אַ מענטשן, און איבערהויפּט אַ גאַנץ פאָלק. מיר דאַכט זיך, אַז די מענטאַליטעט און דאָס געפיל פון האַס ווערט איינגעפלאַנצט פון קינדהייט אָן. און דער מענטש טראָגט זיך מיט דעם אָט ווי מיט עפּעס אַ געפערלעכן באַציל, וואָס איז אַנשטעקנדיק.”

„מיר האָבן שוין געהערט די דאָזיקע טעאָריע און לויט דער דאָזיקער טעאָריע קומט אויס, אַז איך טראָג אין זיך די באַצילן פון האַס, אַז איך רעאַגיר ניט לויט מיין פאַרשטאַנד נאָר ווי אַן אָנגעשטעקטער פון באַצילן... דאָס מיינט איר

דאָך צו זאָגן? צי איר האָט ניט קיין מוט צו זאָגן דאָס אָפן, ניט דרייענדיק פילאָזאָפיש מיט דער צונג?”

„כ’מיין ניט אייך פערזענלעך, כ’רעד אין אַלגעמיין.”

„איר ווייסט זייער גוט, אַז איר מיינט מיך, אָבער אַ ייד, ווייס איך, האָט ניט קיין מוט.”

„אין דער געשיכטע פון פעלקער און איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר באַוויזן דאָס פאַרקערטע.”

„געגאַנגען צו די גאַז־קאַמערן ווי לעמער.”

„ווער ווי לעמער, ווער מיט זעלבסטבאַוווסטזיין, מיט מוט, מיט שטאָלץ, קוקנדיק דעם אומפאַרמיידלעכן טויט גלייך אין די אויגן, מיט דעם געדאַנק, צי מיט דעם וואָרט: מיר פאַלן אונטער דער שרעקלעכער, געדאַנקלאָזער טיראַנישער מאַכט מיט גלויבן, אַז אונדזער זיג וועט נאָך קומען.”

„כע, אייער זיג וועט קומען... כע! מ’איז נאָך ניט פאַרטיק מיט די יידן, האָט איר אַ מאָל אַ טראַכט געטאָן ווי די וועלט וואָלט אויסגעזען אָן יידן?”

„יאָ, איך דענק אַז אַ ייד טראַכט אַ מאָל וועגן דעם. ס’איז פונקט ווי צו טראַכטן ווי די מענטשהייט וואָלט אויסגעזען אָן גריכן, אָן איטאַליענער, אָן דייטשן... אָן ענגלענדער... די מענטשהייט וואָלט עס מיט דער צייט ניט באַמערקט אפילו. אַ סך פעלקער זענען פאַרשוווּנדן און די מענטשהייט גייט אָן.”

„טראַכט איר ניט אַ מאָל ווי גוט עס וואָלט געווען ווען דאָס דייטשישע פאָלק וואָלט אָפּגעווישט געוואָרן?”

„ניין. אָבער ווען איר וואָלט געזאָגט נאַציס, וואָלט איך אפשר געזאָגט יאָ.”

„אפשר געזאָגט יאָ.”

„מענטשן קענען מיט דער צייט ווידער אַרויפגעפירט ווערן אויף די וועגן פון... לאָגיק, גערעכטיקייט, מענטשלעכקייט.”

„און ווי דענקט איר, בין איך אַ נאַצי צי ניט?”

„איר האַלט אין איין שטעלן אַזעלכע דירעקטע פערזענלעכע פראַגן.”

„און איר האָט ניט קיין מוט צו ענטפערן?”

„עס האָט קיין זין ניט צו אַנטאַגאָניזירן איינער דעם צווייטן. מיר קענען זיך קוים.”

„ווער ווייסט... אפשר בין איך אַ נאַצי און איר האָט אַ געלעגנהייט מיט אייערע אַרגומענטן צו באַקערן מיך צו לאָגיק, גערעכטיקייט... מענטשלעכקייט.”

„מיט אַרגומענטן באַקערט מען ניט.”

„מיט וואָס דען.”

„מיט... טאַטן. און אפילו מיט טאַטן איז שווער צו באַקערן אַ מענטשן... ווער שמועסט שוין — אַ פאָלק.”

„גלייבט איר ניט אין פּראָפּאַגאַנדע?”

„ניין. פּראָפּאַגאַנדע איז אין קערן מערסטנס ליגנעריש, פאַרפירעריש, איינזייטיק.”

„איז... אין וואָס־זשע גלייבט איר?”

„אין שטודירונג, דערציונג. איך בין אַ לערער. אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, מוז מען אויך אין דערציאונג און שטודירונג היטן זיך פון פּראָפּאַגאַנדע. זיטן בייטן זיך, באַגריפן בייטן זיך, מעטאָדן בייטן זיך — דער מענטש איז דערווייל דער זעלבער.”

מיר האָבן געשוויגן אַ ווײַלע. ער האָט געקלאַפּט עפּעס צום טאַקט מיט די גראָבע פינגער און ניט אַראָפּגענומען די בליקן פון מיר.

„ס’אַ שיינע נאַכט,” האָט ער געזאָגט, ווי רעדנדיק צו זיך אַליין, „די נעכט דאָ זענען אויסערגעוויינלעך שיין. איבערהויפּט די לבנהדיקע נעכט. און די נעכט זענען נאָך שענער, נאָך ווילדער, ווען מ’שטייט אונטן, ווען מ’איז אין דעם סאַמע מאָגן פון דער אייביקייט.”

„איר האָט זייער פיינע געלונגענע אויסדריקן,” האָב איך באַמערקט. „אָט איצט: אין מאָגן פון דער אייביקייט... איר זענט אַ פּאָעט.”

„אָדער איר מאַכט שפּאַס, אָדער איר ווילט זיך אונטערשמייכלען, אונטערלעקן מיט אייערע ווערטער... איר פילט זיך ניט צו זיכער און היימלעך מיט מיר... כע... וואָלט איר אפשר געוואָלט אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר? ס’וועט נאָך נעמען לאַנג ביז פאַרטאָג, ביז דער אויטאָבוס וועט קומען. דער קעניאָן ציט זיך אויף צוויי הונדערט און זיבעצן מייל, אָבער אויך דאָ טרעפט מען שפּאַרטן, סקאַלעס



און טיפענישן, וואָס פאַרכאַפּן דעם אָטעם. טאַקע דאָ, ניט ווייט פון דאַנען ווייס איך אַזאַ פּלאַץ. ביי דער לבנה־שיין ווייזט זיך אייך אויס, אַז איר זעט ווי גיגאַנטן שפּאַנען ערגעץ אין דער מיסטישער נאַכט אַריין...”

איך האָב געשוויגן. האָט ער אויסגעדרייט צו מיר זיין גרויסן קאָפּ און, שמייכלענדיק, מיט אַ ניט פּאַסנדער פאַר אים מילדקייט אַ פרעג געטאָן:

„איר האָט מורא איינצושטעלן? ניטאָ קיין מוט.”

„איר האַלט אין איין אונטערשטרייכן דעם מ ו ט, מ ו ט, און.. וואָס דאַרף איך מורא האָבן איינצושטעלן?” האָב איך געפרעגט.

„איר ווייסט ניט וואָס איר האָט מורא איינצושטעלן?”

„אינסטינקטיוו פילט דער מענטש שטענדיק עפּעס אַ מורא, ווען ער איז איינער אַליין אין דער נאַכט...”

„איר זענט דאָך אָבער ניט איינער אַליין”, האָט ער ניט אָפּגעלאָזט.

„יאָ, ניט אַליין. אין אַלגעמיין, זע איך ניט פאַרוואָס איך דאַרף מורא האָבן.”

„דאָך דאַרף מען מורא האָבן פאַר אַ פרעמדן מענטשן. דו ווייסט קיין מאָל ניט וואָס עס שטעקט אין אים, וואָס פאַר אַ טייוול עס טרייבט אים. ניט אַזוי? כע־כע־כע...”

„מיט דעם בין איך איינשטימיק,” האָב איך געזאָגט.

„איז... וואָס זאָגט איר? גייען מיר אויף אַ שפּאַציר?”

„איך וועל גיין”, האָב איך באַשלאָסן. (ערשטנס, ווייל ס’איז אַן אַרויסרוף צו אַ יידן; צווייטנס, ווייל.. וואָס קאָן מיט מיר געשען דאָרטן, וואָס וואָלט ניט געקאָנט געשען דאָ, ווען קיינער אַרום אונדז איז ניטאָ און ווען עטלעכע רגעס זענען גענוג צו מאַכן אַ סוף צו מיר?

„גייען מיר,” האָט ער זיך אויפגעהויבן.

מיר האָבן זיך געלאָזט אַרויסגיין. ער פאָרויס, איך נאָך אים.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. די פולע לבנה האָט געשיינט אין איר פולער פּראַכט. מיר זענען געגאַנגען לאַנגזאַם, כמעט ניט גערעדט. ער — אַ הויכער, אַ דיקער און פעסטער. איך — אַ דינער, אַ שוואַכער, אַ קליינגעוויקסיקער. עס זענען אַוועק אַ פינף, צי אפשר צען מינוט. מיר זענען צוגעקומען צו אַ הויכער סקאַלע און מיר זענען געבליבן שטיין. כ’האָב מיט אַ מאָל דערזען, אַז די סקאַלע האָט אַרויסגעשטאַרצט פון אָפּגרונט; אַז מיר שטייען אייגנטלעך ביים סאַמע ברעג און בלויז אַ נידעריקער, אייזערנער שטאַכעט טיילט אונדז אָפּ און פאַרהאַלט אונדז פון מאַכן דעם לעצטן שפּאַן אַראָפּ צום פינצטערן גרונט פון דעם קעניאָן.

אויף וויפל דאָס אויג האָט געקאָנט זען ביי דעם ליכט פון דער לבנה, האָט דער קעניאָן מיט זיינע הויכע סקאַלעס געצויגן און געשראָקן מיט עפּעס אַ מיסטישע קראַפט, וואָס איך בין ניט אומשטאַנד צו באַשרייבן. ווען איך וואָלט געווען אַ גלייביקער, אָדער אַן אָבערגלייביקער, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז דער טיפער וועג, וואָס פירט צום גיהנום. עפּעס פון דאַנטעס אינפערנאָ.

„נו, ווי געפעלט עס אייך?” האָב איך דערהערט און טאַקע בפירוש דאָס וואָרט „נו”, ווי אַ ייד וואָלט עס געזאָגט.

„ס’איז אָטעם־פאַרכאַפּנדיק.” האָב איך געענטפערט.

„כע־כע־כע.” האָט ער געלאַכט און איך וואָלט געשווירן אַז ס’איז דעם טייוולס געלעכטער, ווי אַקטיאָרן ברענגען אים אַרויס. „האָט איר אַ טראַכט געטאָן,” האָט ער אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף מיין אַקסל, „אַז ס’איז פאַראַן בלויז איין וועג — אַהערצו, אָבער ניט צוריק.”

כ’האָב ניט געטראַכט וועגן דעם,” האָב איך געזאָגט און מיט אַ מאָל, ווייזט אויס אינסטינקטיוו, אַ טאַפּ געטאָן מיין מעסערל אין קעשענע.

„איר פאַרשטייט מיך גאַנץ גוט, אָבער איר מאַכט זיך געפּייגערט.”

„עס איז אייך ניט שווער צו פאַרשטיין. אָבער פאַרשטיין איז איין אַספּעקט און גלייבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם געטראַכטן און פאַרשטאַנענעם, איז אַ צווייטער אַספּעקט.”

„און פאַרוואָס, דענקט איר, אַז ס’קאָן ניט פאַרווירקלעכט ווערן?”

„איך זאָג ניט, אַז כ’קאָן ניט, אָבער עס גלייבט זיך ניט. וואָרעם וואָס וואָלט

איר מיט דעם דערגרייכט? וואָס פאַר אַ נוצן וואָלט עס אייך געבראַכט?"

„איך זע, איר היט זיך אַרויסצורעדן דאָס וואָרט מ אָ ר ד. וועל איך עס זאָגן: מוז איך האָבן אַ ספעציפישן צוועק, צי תירוץ, צו דערמאָרדן אַ יידן? איבערהויפט, ווען עס טרעפט אַזאַ געלעגנהייט, ווען קיינער האָט אונדז ניט געזען קומען אַהערצו, ווען קיינער וועט אייער געשריי נאָך הילף ניט הערן, אויב איר וועט איבערהויפט האָבן אַ געלעגנהייט צו שרייען און ס׳קאָן נעמען יאָרן ביז מ׳וועט אייך דאָרט געפינען, וואָרעם ווער וועט אַזאַ איינזאַמען יידן ווי איר גיין זוכן און געדענקען, ווי איר אַליין האָט עס באַשטעטיקט."

לויט דער דאָזיקער לאָגיק אייערער זענט איר פון אַ מערדערס שטאַנדפונקט גערעכט. און ווען איר ווילט, וואָלט איר מיך געקאָנט אומברענגען. וואָרעם, ווי איר זעט, בין איך אַ קליינינקער, אַ שוואַכער, אַן אַלטער ייד און איר זענט אַ גיגאַנט, אַ הערקולעס. כ׳בין זיכער, אַז איר וואָלט מיך געקאָנט אויפהייבן מיט איין האַנט און ווי אַ זאַק מיט ביינער אַ שליידער טאָן אין דער טיפעניש. דאָך דענק איך אַלץ, אַז ביי אַ מענטשן מוז ערגעץ ליגן אַ באַוווסטזיניקער אָדער אומבאַוווסטזיניקער געדאַנק אָדער געפיל, וואָס מוז און וועט צוימען דעם בעסטיאַלישן דראַנג . . ."

כ׳מוז מודה זיין, אַז די דאָזיקע טיראַדע מיינע האָב איך אַרויסגעזאָגט, ווי אַן אַרומגענומענער מיט אַ היץ און פלאַם, וואָס האָט מיך געלאָזט מיט אַן אויסגעטרוקנטן האַלדז.

„כע"... האָט ער אַ לאַך געטאָן. „האָט איר ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט דער דאָזיקער באַוווסטזיניקער, צי אומבאַוווסטזיניקער דראַנג צו מאָרד, איז אפשר טאַקע דער אמתער און שטאַרקער אימפולס און פאַקטאָר אין דעם פאַל. און דער האַס צום יידן איז דערצו די שטאַרקע טרייבקראַפט.. פאַרטראַכט איר זיך דען, ווען איך צעקוועטש אַ וואַנץ."

„אָ, אַ וואַנץ..." האָב איך פלוצים דערפילט אין זיך עפעס אַ כוח פון ווידערשטאַנד. „ווי איך זע, האַלט איר גאַנצע דיאַלאָגן מיט אַ וואַנץ. איר מוזט אַוודאי זיין פון דעם זעלביקן מין."

„אָה, איצט האָט איר מיך איבערראַשט," האָט ער ווידער אַרויפגעלייגט זיין קאַנט אויף מיין אַקסל. „האָט איר ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז אייער פרעכהייט און געוואַגטקייט פאַרקירצט אייער עקזיסטענץ. "

„וואָס האָט איר דערוואַרט פון מיר, איך זאָל זיך שטעלן אויף די קני און וויינען? איך בין פינף און זיבעציק יאָר אַלט און איך האָב שוין כמעט מיין לעבן אָפגעלעבט. ווי מ׳שטאַרבט און ווו מ׳שטאַרבט מאַכט ניט קיין אונטערשייד."

דאָס מאָל האָט ער געקוקט אויף מיר און געשוויגן. אין דער טונקעלער ווייטקייט האָב איך געזען ווי עס ווינקט אַ פאַרנעפלט ליכט — דאָס עלעקטרישע לעמפל ביי דער באַן־סטאַנציע מסתמא.

כ׳האָב אויך געשוויגן און געפילט אָדער ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט ווי אין מיר און אַרום מיר שוועבן פלעדערמייז מיט זייערע שוואַרץ־נאַכטיקע פליגל. כ׳האָב געוואָלט זאָגן: לאָמיר גיין צוריק. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

„איז .. אַז ס׳איז ניט די פראַגע ווי, ווו און ווען איז אויף וואָס וואַרטן מיר? אויף דעם געדאַנק, וואָס דאַרף צוימען מיין בעסטיאַלישן דראַנג? צי איז אייך ניט איינגעפאַלן, אַז איך לאָז אייך ציען אייערע יידיש־דיאַלעקטישע פעדים, ווייל איך בין נייגעריק צו זען, ווי אַ ייד באַנוצט זיינע אינטעלעקטועלע אַקסעסואַרן, אַנשטאָט די פויסטן? און דאָס וואַרטן און רעדן מיט אייך העלפט מיר צו פאַרוואַנדלען מיין אימפולס אין אַ קאָנסעקווענטער און פאָרמולירטער באַרעכטיקונג פאַר האַס און מאָרד — — — איר שווייגט. איר טראַכט מסתמא אַז איך בין אפשר משוגע. איר פלאַנירט מסתמא ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון מיינע הענט. ווו נעמט איר, יידן, אַזוי פיל אָפטימיזם, צו אַלדע רוחות? דאָס לעבן האָט אייך נאָך ניט אָנגעלערנט. נאָך ניט אָנגעלערנט?"

„און נאָך ווי אַזוי"... האָב איך געזאָגט „אָבער אין לעבן און אפילו אין טויט ליגט פאָרט עפעס אַ זין, ניט אומזין."

„אַ קנאַפע טרייסט, ייד," האָט ער געזאָגט, אָננעמענדיק מיך ביים קאָלנער פון מיין ראָק און פאַרדרייענדיק אים ווי איך אַ קנופ מיט זיין שטאַרקן פויסט. „אַ שאָד וואָס איך וועל אייך ניט קאָנען אַ פרעג טאָן נאָך דעם ווי איר וועט ליגן אונטן; אַ צעשמעטערטער: נו, אין וואָס באַשטייט דער זין אייערער, ייד?.."

„כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!" האָט זיך פלוצים צעטראָגן אין דער נאַכט אַ געלעכטער פון יונגע מענטשן, און אין דער שיין פון דער לבנה האָב איך פלוצים דערזען לעבן זיך די צוויי יונגע פאָרלעך וואָס האָבן שטיפעריש און פריילעך גערעדט וועגן עפעס... זיי זענען צוגעקומען אַלץ נענטער און נענטער און געבליבן שטיין לעבן אונדז ביי די אייזערנע שטאַכעטן און גענומען אַראָפקוקן צום טיפן אָפגרונט און זייער געלעכטער און זייער ריידן האָט זיך איינגעשטילט אין דער באַוווּנדערונג פון דעם רושמדיקן בילד אין דער דאָזיקער לבנהדיקער נאַכט.

און ווען זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק צו דער באַן־סטאַנציע, בין איך זיי נאָכגעגאַנגען און ערשט דעמלט דערפילט ווי שווער דאָס גיין איז מיר אָנגעקומען, ווי שוואַך און ציטערנדיק מיינע פיס האָבן זיך באַוועגט . . .



זלמן שלאָסער

# אַברהם מענעס און זיין היסטאָריאָסאָפישע שיטה

מיט דער פטירה פון אברהם מענעס איז געבליבן ליידיק אַן אָרט אין מזרח־וואַנט, וואָס ווערט פאַרנומען פון די תלמידי חכמים פון פאָלק ישראל. אברהם מענעסעס שיינע מידות פון זעלטענער איידלקייט און באַשיידנקייט האָבן אים באַליבט געמאַכט ווייט אַריבער די גרענעצן פון זיין ענגער נאָענטער סביבה. און זיין מוט זיך אָנצונעמען פאַר די קריוודעס פון אָרעמע און דערנידעריקטע האָבן אים אָפט ניט ווילנדיק אַוועקגעשטעלט אין סאַמע צענטער פון קאָנפליקט און קאַמף — צי דאָס איז געווען אין דער „בונד"־באַוועגונג נאָך אין זיין פריערער יוגנט, בשעת ער איז געווען וויצע־פרעזידענט פון דער יידישער קהילה אין גראָדנע, ווי אַ פאָרשטייער פון דאָרטיקן „בונד"; צי אין די לעצטע יאָרן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", ווי אַ פראָמינענטער פובליציסט מיט אַן אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו די טאָג־טעגלעכע פאַסירונגען אין יידישן ווי אין אַלגעמיינעם לעבן — אַ שטייגער זיין שאַרפע שטעלונג צו די נעגער־ראַיאָטן אין לאַנד, דעם לערער־סטרייק אין ניו־יאָרק און צו די פראָבלעמען פון דערציונג בכלל. אַלע מאָל פלעגט ער זיך איינשטעלן פאַרן אמת, ווי ער האָט אים מיט זיין טיפער ערודיציע און תורה־קענטעניש פאַרשטאַנען.

זיין ליידנשאַפט איז געווען מסביר צו זיין חכמת היהדות אין איינקלאַנג ווי זי ווערט אויסגעדריקט אין דער תלמודישער ליטעראַטור, און צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי אַריינצופאַסן יענע גרונט־פרינציפן אין אונדזער היינטיקן יידישן לעבן. אהבת ישראל און דרך־ארץ פאַרן פשוטן אַרבעטנדיקן פאָלקס־מענטש — דאָס איז געווען זיין דרך. און זיין טיפסטער גלויבן איז געווען, אַז דורך תורת ישראל קען מען דערציען דעם בעסטן מענטשן, דעם מענטשן וואָס היט אָפ זיינע מאָראַלישע פליכטן פרייוויליק, מיטן גאַנצן האַרצן — דעם מענטשן, אָן וועמען די וועלט האָט ניט קיין קיום.

לויט זיין לעבנס־לאַנגער צוגרייטונג, לויט זיין גייסט און געמיט, איז מענעס געווען אַ פאָרשער, אַ לערנער, אַ לערער. יידישע געשיכטע און תורה אין טיפן זין פון וואָרט — דאָס איז געווען זיין געביט, זיין דאָקטאָראַט. גלייכצייטיק זיינען אָבער זיינע קענטענישן אין וועלטלעכע סאָציאַלע וויסנשאַפטן אויך געווען גאָר באַדייטנד. דער ביבליאָטעק־צימער און דער קלאַס־צימער האָבן געדאַרפט זיין זיין אידעאַלע סביבה. על פי דחק איז ער אָבער געוואָרן אַ זשורנאַליסט, אַ פובליציסט, און געמוזט רעאַגירן אויף דאָס טאָג־טעגלעכע, דאָס פאַרגייענדיקע, אַנשטאָט דאָס אייביקע, דאָס דויערנדיקע, צו וואָס אים האָט געצויגן.

דער אונטערשייד צווישן אָט די צוויי באַרופֿן איז מער ווי אַן אויבנאויפיקער. דער היסטאָריקער, ווען ער שרייבט וועגן אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע, ווייסט ער שוין ביים אָנהייב דעם סוף. און ווייסן ווייסט ער דאָס ניט ברוח הקודש, ניט פון זיין וויזיאָנערישן בליק, נאָר פּראָסט און פּשוט פון דעם רעקאָרד, פון דער דאָקומענטאַציע, אָן וועלכער קיין געשיכטע קען ניט געמאָלט זיין. להיפוך צו דעם איז דער פּובליציסט שטענדיק געצווּנגען צו שפּעקולירן אויב ער וויל איבערהיפּן דעם א י צ ט און זיך פאַרנעמען מיט פּראָגנאָזן, מיט צוקונפטיקע חלומות. דער זשורנאַליסט זעט די פּאַסירונגען לויט זיין באַלדיקן ווערט, לויט דער פּערספּעקטיוו פון שוין איצט, היינט־מאָרגן. ער מוז האָבן אַ דערקלערונג, אַן ענטפער שוין איצט און קען זיך ניט פאַרנעמען מיט היסטאָרישע פּערספּעקטיוון, לויט וועלכע די א י צ ט י ק ע פּאַסירונגען וועלן קריגן גאָר אַן אַנדער פּנים.

עס איז מיין איינדרוק, אַז אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן האָט זיך מענעסן ניט אַלע מאָל איינגעגעבן צו באַלאַנסירן די נאָענטע פּערספּעקטיוו מיט דער היסטאָרישער. זיין טיפער וויסן פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט האָט אָפט געשטעלט אין שאָטן זיין וויסן און דערפאַרונג פון דער קעגנוואַרט. אין דעם ערשטן פאַל — אין זיינע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען — באַשטייט זיין פאַרדינסט, און אין דעם צווייטן פאַל — זיין שוואַכקייט. זיינע אַרבעטן אין דער יידישער געשיכטע זיינען סאָליד, אָריגינעל און ניט צונויפגעלאַטעט פון דאָ און דאָרט.

שוין אין זיין ערשטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין יידישער געשיכטע, „לייענבוך צו דער געשיכטע פון פאָלק ישראל", וואָס מענעס האָט אין 1923 אַרויסגעגעבן אין בערלין, צוזאַמען מיט זיין עלטערן חבר רפאל אַבראַמאָוויטש, פירער פון „בונד" און די רוסישע מענשעוויקעס, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ זעלבסטשטענדיקער פאָרשער פון אַ ברייטן פאַרנעם און אַ שאַרף קריטישן צוגאַנג צו די דעמאָלט הערשנדיקע טעאָריעס פון יידישן עבר. זיין שפּראַך — קלאָר, דירעקט און אָן מליצות, איז די בראָשור באַלד געוואָרן אַ וויכטיק האַנטביכל פאַר דער דענסטמאָל גרויסער, וואַקסנדער גרופּע יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געפּלאַנט צו ווערן לערער אין יידיש וועלטלעכע שולן אין מזרח־אייראָפּע. און אפילו דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע, ווען עס זיינען אַהער אָנגעקומען אַ צאָל קאָפּיעס פון דער דאָזיקער בראָשור, זיינען זיי גלייך אויפגעכאַפּט געוואָרן. חיים שויס, וואָס האָט דאַן אָנגעפירט דעם קורס ביבלישע געשיכטע אין יידישן לערער־סעמינאַר, האָט דענסטמאָל נאָך זיינע פיר בענד געשיכטע ניט געהאַט אַרויסגעגעבן. און זיינע סטודענטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צוטריט צו דייטש אָדער אפילו צו ענגליש, האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו באַנעמען דעם גאַנצן פּלאָנטער ביבל־קריטיק, וואָס איז דאַן געווען אין מאָדע. אפילו דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" איז נאָך דאַן ניט געווען אין יידיש. דעריבער האָט מענעסעס קריטישע אַרבעט וועגן די מקורות פון דער יידישער געשיכטע זיך אַזוי שטאַרק אָנגעזען.

אָנווייזנדיק אויף די גרויסע דערגרייכונגען פון יוליוס וועלהויזן, הוגאָ ווינקלער, עדואַרד מייער און זייערע נאָכפאָלגערס מיט זייער גרענטלעכן אַנאַליז פון די היסטאָרישע מקורות, גייט דאָרט מענעס אַריבער צו די קענטיקע בלויזן וואָס בלייבן אומדערקלערט לויט זייערע טעאָריעס, ווי אַ שטייגער, די צייט צווישן יוספן און משהן, די צייט צווישן יהושוען און די שופטים, און ווייזט גלייכצייטיק אָן אויף דעם קאַרדינאַלן חסרון פון דער דעמאָלסטדיקער ביבל־קריטיק און איר טעאָלאָגישן גייסט. הויפּטזעכלעך פּראָטעסטאַנטישע גלחים פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם געביט. דעריבער ווערט ביי זיי די געשיכטע פון ישראל אידענטיש מיט דער געשיכטע פון ישראלס רעליגיע. דאָס איז אַ טעות וואָס אַנטפּלעקט זיך ווען מען שטודירט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פון ישראל אין די פאַרשיידענע תקופות, צום ביישפּיל — דער הינטערגרונט פון דעם קאַמף צווישן אליהו און אַחאָב, וכדומה.

דאָס איז דער וועג אויף וועלכן אברהם מענעס האָט דאַן זיך פאַרמאָסטן צו גיין.



ער פאַרוואַרפט די טעאָלאָגיע פון די דייטשישע ביבל־קריטיקער און דעם ראַציאָנאַליזם פון גרעצן און פאַרפעסטיקט זיך מיט שטודיעס אין סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע און זייערע דעצידירנדיקע השפעות אויף דער יידישער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

אין דעם גייסט האָט ער אויך געשריבן זיינע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען אין ענציקלאָפּעדיע וואָס דער ייוו"א האָט אַרויסגעגעבן, הגם דאָ לאָזט זיך שוין מערקן אַן אָנדייטונג אויף אַן איבערברוך. מען דאַרף געדענקען, אַז „עס איז ווייניק צו געבן אַ טרוקענע באַשרייבונג פון רעליגיעזע טעאָריעס און מצוות. הינטער אָט די אויסערלעכע צערעמאָניעס און לאָגיש פאָרמולירטע דאָגמעס איז פאַרבאָרגן אַ וועלט מיט עמאָציעס, שפּירונגען און האָפענונגען, וואָס בילדן דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פון דער אמונה." דאָ לאָזן זיך שוין מערקן זיינע שפּעטערדיקע רעליגיעזע אָפּנייגונגען.

מענעס איז אָבער אויך געווען, ווי פריער אָנגעוויזן, אַ פּובליציסט, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". ווי אַנדערע יידישע אינטעלעקטואַלן און פאָלקסמענטשן האָט ער דורכגעווייטיקט דעם גאַנצן טראַגישן קאַטאַקליזם פון אונדזער דור. נאָך דעם גיהנום פון טרעבלינקע און מיידאַנעק האָט דאָך עפּעס זיך ג ע מ ו ז ט ענדערן אין אונדזערע געדאַנקען און אידעען. און עס האָט זיך טאַקע געענדערט, אָבער ניט אין דער אַלטער יידישער געשיכטע נאָר אין אונדזער בליק אויף דער מאָדערנער יידישער געשיכטע און אויף אונדזער צוקונפט.

עס הייבט זיך אָן די גרויסע רעוויזיע.

ווי אַ געניטער דיסציפּלינירטער פאָרשער ווייסט ער קלאָר ווי אַזוי מען גרייט זיך צו אַזאַ היסטאָרישער רעוויזיע. ער פאַרמעסט זיך קודם כל צונויפצוזאַמלען און צו מאַכן קיצורים פון אַלע וויכטיקסטע געדאַנקען און אידעען, וואָס יידישע שרייבערס האָבן אַרויסגעברענגט אין יידיש, העברעיש און אין אַנדערע שפּראַכן אין שייכות מיט אונדזער קיום־פּראָבלעם אין דער מאָדערנער צייט. ער שטעלט צונויף און רעדאַקטירט מיט די נייטיקע אָנווייזונגען און דערקלערונגען דאָס ווערטפול בוך „דער יידישער געדאַנק אין דער נייער צייט," וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ סעריע פון עטלעכע בענד, פון וועלכע דאָס איז באַנד 1 — גלות און גאולה. די אַנדערע בענד זיינען דערווייל נאָך ניט דערשינען, מסתמא צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן. צי מענעס האָט נאָך באַוויזן צונויפצוזאַמלען דעם רייכן מאַטעריאַל פאַר די אַנדערע בענד, איז מיר ניט באַקאַנט. וואָס איך ווייס יאָ איז, אַז אין משך פון כמעט צוויי צענדליק יאָר, וואָס ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", האָט ער מיט ערודיציע און גרויס טאַלאַנט פאָרגעזעצט אָט די גרויסע רעוויזיע פון אונדזערע יידישע קיום־פּראָבלעמען.

עס ווערט פאַר אים קודם קלאָר, אַז מיר, די וועלטלעכע יידן, זיינען אַ בלאָנדזשענדער דור — די שרייבערס, די פירער, ער אַליין אַריינגערעכנט, ווי דאָס פאָלק גופא. און מען דאַרף ניט מורא האָבן דאָס אָפן צו זאָגן, וואָרעם די שולד איז ניט אונדזערע. עס איז דער פּועל יוצא פון דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס, פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און פון גייסטיקן כאַאָס וואָס באַהערשט איצט די וועלט.

אויף די שפּאַלטן פון אַ טעגלעכער צייטונג פאַרמעסט ער זיך אָנצוגרייפן די יסודות פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און פון דער גאַנצער „בייער" ראַדיקאַלער מאָראַל. אין קורצע אַרטיקלען חזרט ער איבער פון צייט צו צייט זיין הויפּט טעזיס, אַז די מאָדערנע וויסנשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך אַזוי פיל מיט מענטשלעכע פּראָבלעמען, האָט דעם מענטשן פאַקטיש פאַרגעסן. דער מענטש, לויט די אויספירן פון דאַרווין, מאַרקס און פרויד און זייערע תלמידים, איז אַ קנאַפּער יחסן, ער האָט ניט מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטן לגבי די אַנדערע באַשעפענישן. דער גאַנצער באַגריף מענטשלעכקייט איז לויט דעם ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע. דער מענטש איז גאָר קיין מענטש ניט — עפּעס אַ בינטל פון ליידנשאַפטן, קאָנפליקטן און קאָמפּלעקסן. פרויד האָט שטודירט דעם מענטש, אַז ער האָט ניט קיין איך. ער

ווערט געטריבן פון בלינדע אינסטינקטן און אומבאַוווסטזיניקע געפילן. די מענטשלעכע פערזענלעכקייט ווי אַ גאַנצע, באַזונדערס דעם מאָראַלישן מענטשן, האָט ער ניט געזען און ניט פאַרשטאַנען. די גאַנצע מענטשלעכע מאָראַל איז, לויט פרוידן, אַ דרויסנדיקער כוח, וואָס די געזעלשאַפט וואַרפט אַרויף אויפן יחיד. די וויסנשאַפט זוכט דעם מענטשן ווי ער איז, דעם נאַקעטן מענטשן, מיינענדיק אַז דער נאַקעטער מענטש איז דער אמתער מענטש. עס קען דאָך אויך זיין, טענהט מענעס, אַז גראָד דער מענטש וואָס פ אַ ר ד ע ק ט זיין נאַקעטקייט איז דער אמתער מענטש.

דאַרווין, מאַרקס און פרויד, האַלט מענעס, האָבן אונדז געוויזן דעם וואָכעדיקן מענטשן, וועלכער ווערט באַהערשט פון זיינע מאַטעריעלע נויטן און ליידנשאַפטן. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ שבתדיקער מענטש, וואָס אפילו אין זיין וואָכעדיקייט האָט ער אַ סך שבתדיקייט. דער העכערער, דער בעסערער מענטש, וואָס זוכט קאָאָפעראַציע, שלום אַנשטאָט קאַמף, איז פאַר דער וויסנשאַפט אַ רעטעניש. עס איז דעריבער פאַלש צו זען דעם מענטשן בלויז פון קוקווינקל פון סאָציאַלע און פערזענלעכע קאָנפליקטן.

אַנטקעגן דעם איז דער יידישער וועג, דער וועג פון תורה און מוסר, די גאַנצע יידישע געשיכטע — באַמיט זיך מענעס צו באַווייזן — דער בעסערער וועג, דער מענטשלעכער וועג, דער וועג פון קאָאָפעראַציע, פון זעלבסט־הילף, פון בויען אויף אייגענע כוחות, פון נעמען אויף זיך התחייבותן, צו זיך און צו אַנדערע מיטמענטשן, פון טיפן גלויבן אין מענטש און אין דער הייליקייט פון זיין לעבן. דאָס איז דער וועג פון שלימות, פון חשבון הנפש.

פון דעם ווערט קלאָר דער פאַרנעם און דער וועג פון מענעסעס רעוויזיע. עס פירט צוריק צו די ישיבות פון סלאָבאָדקע און נאָוואָרודקע, ווו אַלץ האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום מוסר, הויכער מאָראַלישער דיסציפלין. דאָס איז אָבער אוממעגלעך אָן אמתן גלויבן. און מענעס, דער געוועזענער תלמיד פון יענע ישיבות, ווייסט זייער קלאָר, אַז עס איז שווער צו זיין אַ מאמין אין אונדזער צייט. „ס'איז שווער און טראַגיש ווייטאָגדיק צו גלויבן, און ס'איז נאָך שווערער ניט צו גלויבן, סיידן מען מאַכט שלום מיטן געדאַנק, אַז די וועלט איז הפקר" — איז ער זיך מודה אין אַ ימים נוראים אַרטיקל: „דער חשבון פון אַ פאָלק." דער יידישער מענטש קען ניט שלום מאַכן מיט דער וועלט פון זינד און רשעות. ער גלויבט טיף אין מענטשלעכקייט, גערעכטיקייט און געטלעכקייט. דאָס העלפט אים גובר צו זיין די טראַגישע קאָנפליקטן פון זינד און רשעות אין אונדזער לעבן.

ווי מיין אייגענער אני מאמין, שיינט מיר, איז די ריכטונג פון מענעסעס געדאַנק, זיינע טראַכטענישן אויפן קול, פאַר דער עפנטלעכקייט, זיינען קלאָר און פאַרשטענדלעך. אַזעלכע רעוויזיעס זיינען ווייט ניט קיין נייע אין דער יידישער געשיכטע. עס פרעגט זיך אָבער, צי קענען מיר אַלע, וועלטלעכע יידן, אַ גאַנצער דור, ניין, עטלעכע אויסגעפרוווטע דורות, וואָס ווייסן אויך דעם ביטער־זיסן טעם פון רעליגיעזן גלויבן, דעם טייטש פון קאָנפליקטן און האָפענונגען, דעם אומזין און אוממעגלעכקייט פון אָפזונדערן זיך פון אונדזערע ניט־יידישע שכנים, פון אַוועקשטעלן זיך אין דער פאָזיציע פון אַן איין־און־איינציקן עם קדוש, עם סגולה, פון צוריקנעמען אויף זיך די אַלטע מיסיע, וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל ליידנשאַפט און ביטול אָפגעוואָרפן; מיר, וועמעס זין און טעכטער נעמען אָן אַקטיוון און זינפולן אָנטייל אין דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער און טעכנאָלאָגישער, פאָליטישער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, מיט סיבערנעטיקס און טראַנספלענטס און אַלע אַנדערע מיקראָסקאָפישע און מאַקראָסקאָפישע אַנטפלעקונגען, וואָס ענדערן ראַדיקאַל דעם גאַנצן קאָמפלעקס וואָס הייסט לעבן — אָט די גאַנצע רעוואָלוציע־עוואָלוציע, וואָס קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגן — קענען מיר, טאַקע בלאָנדזשענדיקע, זיך לאָזן אויף אַזאַ פאַנטאַסטישן וועג?

מענעס, ווי אַ היסטאָריקער, איז וווילבאַקאַנט מיט די גייסטיקע תקופות פון אונדזער געשיכטע. ער האָט געוווסט גענוי די אונטערשיידן — צי דאָס איז געווען אין דער גריכישער תקופה, אין דער שפאַ־



נישער תקופה, אָדער אין דער מזרח־אייראָפעישער תקופה פון פולשטענדיקער אָפגעזונדערטקייט. ער האָט געוווסט אַז פולע אָפגעזונדערטקייט איז גאָר ניט נייטיק, דעריבער, האָט ער געגלייבט, איז דער וועג פון ישיבה־אוניווערסיטעט דער ריכטיקער, דער צוגעפאַסטער צו אונדזער היינטיקער ווירקלעכקייט. אין איינקלאַנג מיט אָט דעם געדאַנק זיינעם איז קלאָר, אַז אויך אונדזער פראָבלעם פאַר קינדערדערציונג דאַרף געלייזט ווערן דורך די ישיבות, ווו די קינדער קריגן ניט נאָר אַ פולע טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע דערציונג, נאָר אויך די וועלטלעכע דערציונג, וואָס די פאָבליק סקול גיט.

אויף וויפל אַזאַ סיסטעם איז אַ פרייוויליקער דאַרף דאָס זיין גוט און וויל — אַ פולשטענדיק פריוואַטער ענין פאַר יעדן יחיד. נאָר אויב דאָס דאַרף זיין אַן אַלגעמיין יידישע שול, פאַר אַלע יידישע קינדער — איז דאָס מילד גערעדט, אַ פאַנטאַזיע. עס איז גאָר ניט נייטיק דאָ אַריינצוגיין אין פרטים וועגן אַזאַ פאַנטאַזיע. עס איז פול מיט פאָליטישן דינאַמיט. וואָרעם עס איז טאַקע געווען אָט די פאַנטאַזיע, וואָס האָט מענעסן פאַרפירט אין אַן ענגן, איזאָלירטן ווינקל פאַראַיאָרן בעתן אַלגעמיינעם לערער־סטרייק אין ניו־יאָרק. ער איז געווען פאַר אויטאָנאָמע, אָפגעזונדערטע פאָבליק סקולס פאַר די נעגערשע קינדער, האָפנדיק אַז דאָס וועט עפענען אַ וועג אויך פאַר די ישיבות קטנות אַריינגענומען צו ווערן אין דעם שטאָטישן בודזשעט פון דערציונג.

זיין ווייטער היסטאָרישער בליק האָט אים בפירוש פאַרפירט.

וואָרעם אין דער אמתן איז דאָך אַברהם מענעס געווען מיטן גאַנצן האַרצן קעגן יידישער איזאָלאַציע, קעגן דערווייטערן וועלכע עס איז גרופע פון יידישן לעבן, קעגן צופיל פאָליטיק אין אונדזער צעברעקלטער קלייזלדיקער יידישקייט. מיט זיין קלאָרן פאַרשטאַנד האָט ער געשטרעבט און זיך באַמיט צו העלפן אויסצופורעמען דאָ אין לאַנד אַזאַ יידישקייט, וואָס זאָל קענען אַרומנעמען אַלע, אַלע קעגנגעזעצטע ריכטונגען, וואָס ווירקן פאָזיטיוו אין יידישן לעבן. צוליב אָט דעם טעם פלעגט ער אָפט זיך בייזערן אויף די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם ראַבייס. זיי פירן צופיל פאָליטיק, נעמען זיך צו שטאַרק איבער מיט זייערע שיינע דרשות, אַנשטאָט צו לערנען מיט זייערע מיטגלידער. לערער פון פאָלק דאַרפן זיי ווערן, די ראַבייס, ווי אַ מאָל די תנאים און אמוראים. ווילט זיך זיי גאָר זיין ווי די נביאים, פריידיקערס, שטראָפערס, פאָליטיקערס!

זייער אָפט פלעגט מענעס זיך אומקערן אין זיינע אַרטיקלען צו אָט דער טעמע. ער האָט שטענדיק געוואָלט זען אַ גאַנצע יידישקייט, אַ יידישקייט, וואָס זאָל אַריינגעמען די נייע יידישע ליטעראַטור פונקט ווי דעם תנ"ך און דעם תלמוד, הגם דער תלמוד איז ביי אים געווען דער קרוין פון דער יידישער געשיכטע, און ווען דוד בן־גוריון איז אין 1960 דאָ געווען און געזאָגט אין בראַנדייס אוניווערסיטעט, אַז זינט מיר זיינען אַוועק אין גלות האָבן מיר בלויז געשאַפן פירושים און פירושים אויף פירושים, בלויז אויסטייטשונגען צו אונדזערע הייליקע ספרים, האָט אַברהם מענעס זיך פאַרמאָסטן מיט אַ סעריע אַרטיקלען צו באַווייזן ווי פאַרעלטערט, פאַלש און אומבאַגרינדעט אַזאַ מיינונג איז. דער תלמוד, די מדרשים, די קבלה, חסידות און מוסר — האָט מענעס געקנעלט מיט בן־גוריונען — געהערן צו די גרעסטע שאַפונגען פון אונדזער פאָלק און שטעלן בלי ספק אין שאָטן אפילו די ווערק פון אַזאַ געניאַלן דענקער ווי שפינאָזאַ. שפינאָזאַ האָט געשאַפן ביכער, גרויסע פילאָסאָפישע ווערק. די בעלי התלמוד האָבן געשאַפן ניט נאָר ספרים, זיי האָבן געשאַפן אַ פאָלק, וואָס האָט געקענט לעבן און שאַפן אפילו אין גלות.

מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז מענעסעס רעוויזיע האָט אויך ניט אויסגעלאָזט די יידישע ליטעראַטור, ספעציעל פרצעס „גאָלדענע קייט." ער מיינט אַז פרץ האָט זיך באַצויגן מיט ביטול און פאַראַכטונג צו די זאָרגן און בענקענישן פון יידישן פאָלקס־מענטש. אין דעם קאָנפליקט וואָס פרץ שילדערט צווישן דער גרויסער פערזענלעכקייט און דער מאַסע, צווישן דעם נביא און דאָס פאָלק, ווייזט פרץ אַרויס ביטול צו די „קליינע יידעלעך" מיט זייערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן פאַר חיונה, פרנסה, האַנדל, וואַנדל. סוף־כל־סוף זיי־

נען עס די וואָכעדיקע יידן, וואָס באַזאָרגן אונדז מיט דעם סאַמע נייטיקסטן. ביין, פירט אויס מענעס, די שבתדיקע יידן וועלן ניט קענען גיין „זינגענדיק און טאַנצנדיק" אָן די וואָכעדיקע יידן. אויך אין חומש האָבן מיר דעם קאָנפליקט צווישן נביא און פאָלק. דאָס פאָלק איז גאָר ניט געווען אַזוי זינדיק ווי די נביאים האָבן געשטורעמט. דאָס פאָלק האָט געבלאָנדזשעט ווייל זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין די תורה פון זייערע לערערס. ערשט אין דער צייט פון בית שני איז די תורה פון די נביאים געוואָרן אַ תורה פון פאָלק. די בעלי התלמוד האָבן באַוויזן די גרויסע קונסט ווי אַריינצוברענגען שבתדיקייט און יום־טובדיקייט אין יידישן פאָלקס־לעבן.

צי מענעס איז טאַקע גערעכט געווען מיט זיין אויסטייטשונג פון פרצעס „גאָלדענע קייט" צי ניט, איין זאַך איז פאַר מיר קלאָר: ווען פרצעס ווערק איז דערשינען האָט די דעמאָלטדיקע יידישע אינטעליגענץ און פאָלקס־מענטשן, וגם אברהם מענעס בתוכם, דאָס אַזוי ניט אויפגענומען. און עס איז ניט רעכט אויסצוטייטשן די אידעען פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע לויט די הערשנדיקע אידעען פון אַ שפּעטערדיקער תקופה. און מענעס אַליין האָט אָנגעוויזן אויף דער פאַלשקייט פון אַזאַ מעטאָדע אין זיין פריער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג וועגן די מקורות פון דער אַלטער יידישער געשיכטע.

די קלאָרקייט און וויסנשאַפטלעכע אויסגעהאַלטנקייט פון זיין יענער ערשטער אַרבעט איז אים נאָכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן. אין מאָמענטן פון ספקות און איבערגעטריבענעם „בלאָנדזשען" פלעגט ער דאָך זיך אַ כאַפּ טאָן און אַ זאָג טאָן, אַז „אונדזער גייסטיקע קולטור איז ענג פאַרבונדן מיט אונדזערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן" און עס איז אַן אַבסורד ווען עמיצער וויל דאָס פאַרלייקענען. און אויב אין זיין לעצטן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" (אויגוסט 1969, פאַר זיין טויט) האָט ער זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז „די עצם אידעע, אַז פּאָליטישער קאַמף איז דאָס איינציקע מיטל צו לייזן מענטשלעכע אידעען איז איין גרויסער טעות," האָט ער קלאָר געוווסט אַז דאָס קאָן אפשר זיין אמת בלויז אין דער לאַנגער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. אין דער נאָענטער פּערספּעקטיוו איז דאָס לאַוו דווקא. געזען פון דער נאָענט, ראַנגלט זיך דער מענטש אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ מיט אַלע מיטלען — פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, פּונקט אַזוי ווי מיט עטישע און רעליגיעזע.

געזען פון אַ פּונקט ערגעץ אין דער היסטאָרישער אייביקייט, צי פון אַ היסטאָרישער הויכקייט, פאַרשווינדן אַלע לעבעדיקע נואַנסן, אַלע מערקבאַרע אונטערשיידן פון באַרג און טאָל, פון וועלד און וואַלד. עס גלייכן זיך אויס דער פּילפּול פון דער אַלטער גמרא, אָדער די הויכע פאַנטאַסטיק פון דער קבלה, מיט די מאַטעמאַטישע גלייכונגען אין דער נייער אַסטראָפיזיקס; די געשיכטס־פילאָסאָפיע פון חומש, ווו דער אָנהייב מיטן סוף ווערן גלייכצייטיק געגעבן, און די היינטיקע געשיכטס־פילאָסאָפיע, ווו אפילו דער היינט איז טונקל און פול מיט קאָנטראַדיקציעס.

מיט זיין אָנגעזאַמלטן רייכן וויסן שטעלט זיך מענעס קעגן דעם גאַנצן מעכטיקן אַרסענאַל פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. די אַנטי־יידישע שטימונג (אין פילאָסאָפישן זין) וואָס בלאָזט פון דער „נייער" ראַדיקאַלער מאָראַל וויל ער באַקעמפן מיט אונדזער מאָראַל פון מוסר. בעת די „נייע" מאָראַל שטיצט זיך בלויז אויפן היינט בויט די יידישע מאָראַל אויף דער אייביקייט. דער אמתער מענטש, ניט דער „נאַקעטער" מענטש, לעבט מיט דער אייביקייט. דער מענטש, וואָס לעבט מיטן היינט דאַרף ניט קיין חשבון, איז פריי פון פליכטן און שטעלט דערמיט אין סכנה די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע. אַנטקעגן דעם האָט דער יידישער צוגאַנג פון אַלע מאָל זיך געשטיצט אויפן געדאַנק, אַז דער מענטש איז אַ גאָט־זוכער, אַ זוכער פון דער אייביקייט, פון יום־טובדיקייט און שבתדיקייט, אַנשטאָט צו זוכן די באַפרידיקונג פון די אינסטינקטן, פון ברויט און סעקס. דעריבער איז ווערט דער פּרייז וואָס מיר דאַרפן צאָלן פאַר דער אויפהאַלטונג פון יידישן קיום — ווערט פאַר דער וועלט פּונקט ווי פאַר אונדז יידן.



ז. בונין

# צוויי לידער

## כותל מערבי

באַלד צוויי טויזנט יאָר שוין דאָ,
זינט טיטוס הרשע האָט יהודה
פון זיין לאַנד פאַרטריבן,
דעם בית המקדש פאַרברענט,
נאָר איינע פון די ווענט,
דער כותל מערבי
איז זכר לחורבן שטיין געבליבן.
ווי ער וואָלט געזאָגט:
„איך וועל דאָ שטיין דורך אַלע דורות,
דורך אַלע יאָרן,
ווי אַ האָפענונג צו דעם שארית,
אַז ניט אַלץ איז פאַרלוירן,
אַז קומען וועלן זיי צוריק קיין ציון,
פון נאָענט און פון ווייטן,
ווי פאָרויסגעזאָגט
עס האָבן די נביאים
נאָך אין די אַלטע, אַלטע צייטן.
און איך וועל שטיין אויך ווי אַ מצבה
אויף אַלע באַצווינגער, אַלע באַדרינגער,
אויף די פעלקער וואָס האָבן
יעקבן פאַרלענדט,
זיינע הייליקטימער צערויבט,
און פאַרטיליקט ירושלים.

אָבער ווו זיינען זיי אַצינד? —
אָפּגעווישט, ווי זאַמד צעשטויבט,
און איך בין דאָ נאָך עד היום!"
און די וואַנט — ווי אַ מאַמע,
האָט געבענקט נאָך אירע קינדער,
און די קינדער אירע —
צעשפּרייטע איבער גאָרער וועלט,
האָבן קיינע גזירות,
קיינע צאמען,
זייער דראַנג ניט אָפּגעשטעלט
און מיט פייער אין די הערצער,
און מיט בענקשאַפט אין די אויגן,
קיין ירושלים, צום כותל זיך געצויגן!
און צוגעפאַלן צו דער וואַנט,
ווי אַ דורשטיקער אין מדבר
פאַלט צו צו אַ קוואַל אַ זיסן,
און טרערן שטראָמען, טרערן פליסן,
און מיט געוויין און מיט יללות
געקלאָגט זיך פאַרן כותל,
אויף זייער לאַנגן, שווערן גלות.
און בקשות געשריבענע מיט טינט
און באַגאָסענע מיט טרערן
אין די שטיינער־שפּאַלטן
די געבעטן פאַרבאַהאַלטן.

---

מיט אָט דעם געדאַנק האָט ער פאַרענדיקט זיין לעצטן אַרטיקל און, ווי אַלע מאָל, צוגעזאָגט זיך נאָך אומצוקערן צו אָט דעם ענין. דער גרויזאַמער טויט האָט אָבער געמאַכט אַ סוף צו זיינע גרויס יידישע, עכט־מענטשלעכע חלומות.

אברהם מענעס האָט אין זיין יוגנט, ווי אַ סך אַנדערע, איבערגעריסן מיט דער טראַדיציאָנעל רעליגיעזער יידישקייט, ווייל די נייע מחיהדיקע ווינטן, וואָס האָבן דאַן גענומען בלאָזן אויף דער וועלט, האָבן אָן רחמנות צעשטערט די יסודות פון דער פאַרעלטערטער יידישקייט.

אין זיינע רייפע יאָרן האָבן אויך די יסודות פון דער נייער וועלטלעכער יידישקייט, דער טעזיס, ווי זשיטלאָווסקי האָט אים פאָרמולירט, אַז די יידישע רעליגיע קען מער ניט זיין, ווי אַ מאָל, דער וואָרצל, נאָר בלויז אַ צווייג אין דעם בוים, וואָס הייסט יידישע קולטור — אויך אָט די יסודות האָבן זיך גענומען שטאַרק וואַקלען פון די נייע שטורמישע, בייזע ווינטן וואָס בלאָזן אויף אונדז. מענעס האָט זיך דעריבער באַמיט צו שאַפן אַ סינטעז צווישן דער אַלטער און דער נייער יידישקייט. אַז מיר נייטיקן זיך אין אַזאַ סינטעז קען קיין ספק ניט זיין, נאָר צי עס האָט זיך מענעסן איינגעגעבן צו שאַפן אַזאַ סינטעז וועט די צוקונפט באַווייזן. אַ וויכטיקן צושטייער צו אַזאַ סינטעז האָט ער גאַנץ באַשטימט געמאַכט.

מען דערציילט:
אַז צו חצות,
ווען אַלע טויערן פון ירושלים
פאַרריגלט זיינען און פאַרשלאָסן,
און אין גאַנצן דער אַרום
איז אין טיפן שלאָף פאַרזונקען,
און די שטערן אין הימל פינקלען
ווי פייערדיקע פונקען,
און דאָס וואָיען פון שאַקאַלן
פון מדבר פון דער ווייט,
רייסט דורך די שטילקייט
פון צייט צו צייט —
לאָזט פון הימל זיך אַראָפּ
אַ פייערדיקע האַנט,
און זאַמלט אויף ביים כותל
די בקשות און די טרערן,
אַז קיין איינער פון זיי
זאָל חלילה ניט פאַרלוירן ווערן.
און מיט קדושה ברענגט זי זיי
צום כסא הכבוד,
צו גאָטס טראָן,
און דער כביכול
פאַרנעמט די געבעטן געשריבענע
און די טרערן אויפגעקליבענע,
שיקט ער אַרונטער אליהון פון אויבן,
ער זאָל ברענגען טרייסט אין גלות
און הייבן זייער גייסט
און זייער גלויבן.

## מלחמה

(פריי לויט נ. א. נעקראַסאָוו)

פאַרנעמענדיק די גרוילן פון מלחמה,
און ביי יעדן נייעם קרבן פונעם קריג —
מיר טוט ניט באַנג אַזוי,
ניט דער פריינד און ניט די פרוי,
דעם טויטן העלד אפילו נאָכן זיג.

ווײַ, די פרוי וועט מיט דער צייט פאַרגעסן
די טרויער, נאָגנדיקע מעת־לעתן,
און ביים בעסטן פריינד די בענקשאַפט —
סוף כל סוף וועט זיך פאַרלעשן.
נאָר ערגעץ איז פאַראַן
אַן איין און איינציק זעל,
וואָס וועט געדענקען ביזן קבר־שוועל!

אין אַ וועלט פון פאַלשע האַנדלונגען,
אין פּראָזאַישע לעבן שווערן —
האָב איך אין מיינע וואַנדלונגען
דערזען הייליקע, אויפריכטיקע
געלייטערטע אין טרויער טרערן.

דאָס זיינען טרערן פון די מאַמעס
וואָס וועלן קיין מאָל ניט פאַרגעסן
די זין וואָס האָבן אויפן שלאַכטפעלד
די יונגע לעבן אָפּגעגעבן —
ווי די וויינענדיקע ווערבעס,
וואָס וועלן שוין ניט אויפהייבן
זייערע פאַרוועלקטע צווייגן,
ניט ברענגען זיי צוריק צום לעבן.

---

# ז. בונין — אַ בן־שמונים

אונדזער ז. בונין, רעדאַקציע סעקרעטאַר פון „חשבון" און איינער פון זיינע עלטסטע מיטאַרבעטערס, גרייכט איצט דעם בכבודיקן עלטער פון „גבורה".

פאַרשטענדלעך — פאַר זיינע קאָלעגן יידישע שרייבערס, יידישן קולטור־קלוב און יידישע קולטור־קרייזן בכלל, איז דאָס אַ גרויסע פרייד, און מיר אַלע ווינטשן אים נאָך אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן.

אַ טייל פון קומענדיקן נומער „חשבון" וועט זיין געווידמעט אונדזער ליבן און חשובן בעל־יובל. מיר וועלן אָבער — לויט דעם פאַרלאַנג פונעם בעל־יובל — קיינעם ניט אַרויסשיקן קיין בריוו מיט בקשות פאַר באַגריסונגען. מיר ווענדן זיך אָבער יאָ צו די אַלע אונדזערע היגע קולטור־געזעלשאַפטן און יחידים, צו באַגריסן דעם בעל־יובל אין קומענדיקן נומער „חשבון".

די באַגריסונגען קענען געשיקט ווערן צו:

ALEX RUBIN, 653 N. Crescent Heights Blvd., Los Angeles, Calif. 90046



**חיים לייב פוקס** / ניו־יאָרק

מיין חבר, דעם דיכטער, **יצחק יאַנאַסאָוויטש**, צו זיין ווערן אַ בן־שישים

## שטילקייט

ווינטער מיינע, שטילט די אָטעמס,
לאָזט מיך אייער שווייגן הערן,
אין מיין שעה, ווען זון איז שאָטן
און עס צאַנקען מיינע שטערן.

שטערן־ווערטער, וואָס זיי צאַפּלען
און גוססן אין די מעמקים.
ווי דער בליץ פון מיינע אַפּלען,
וואָס דער אומעט וויל צעהאַקן.

וואָס נאָר דער טויט און מער נישט קיינער
וועט קיין מאָל אים פון מיר אָפּטיילן.
— ס'איז אַ ליד, די וועלט, די גאַנצע
און נישט די דאָזיקע פיר איילן.

פון דער ערשטער שעה יצירה,
הוד און חסד עס באַטריפן
און דאָס ליכט פון אַלע ספירות,
זיינע טיילן פון זיינע טיפן.

ס'איז דאָס קול פון ליד, די שטילקייט,
ווי דאָס קול פון גאָט אַליין נאָר,
בעט איך: גאָט פון מיינע לידער,
הער מיין שווייגן, די געוויינען.

זאָל מיין ליד, דיין ליד אויך ווערן.
כאָטש כ'פאַרשטיי נישט. גיב בלויז אַ צייכן
— און מיין שעה, ווען זון ווערט שאָטן,
זאָל מיין ליד צו דיינעם גרייכן...

(נ. י., דעצ. 1969)

**מ. אָליצקי** / ניו־יאָרק

## אַ שאָד, אַ שאָד

עס איז די זון פאַרגאַנגען קאַלט.
פון צפון בלאָזט אַ ווינט אין האָרן.
די בלעטער פאַלן, פאַלן. באַלד —
און עפּעס שיינס האָסטו פאַרלאָרן.

זיי שאָרכן אונטער דיינע פיס
מיט ווייטע רייד פון וועלן, ליבן.
און מיט אַ מאָל דו ווייסט: עס איז
דער האַרבסט, דער לאַנגער, ניט געבליבן.

עס טוט דיך באַנג. ניט אַלץ האָסטו
גענומען, וואָס ער האָט געגעבן:
די שיין וואָס אויף דער עוועניו,
דאָס געלע פאַרקל וואָס דערנעבן.

אַ שאָד, אַ שאָד. ניט אַלץ האָט דיך
געפרייט, וואָס פרייען האָט געזאָלט:
די גרויסע זון און קליינע קיך,
דער שמעטערלינג מיט גרין און גאָלד.

אַ שאָד, אַ שאָד. אַצינד איז קאַלט.
פון צפון בלאָזט דער ווינט אין האָרן.
די בלעטער פאַלן, פאַלן באַלד —
או עפּעס שיינס האָסטו פאַרלאָרן.

פינטשע בערמאַן

## צוויי לידער

### קום און זינג...

קום און זינג דאָס ליד פון ניי־געבאָרן;
קום און שפּיל די סימפאָניע פון היינט;
אויפן פעלד האָט זיך צעבליט דער קאָרן,
אין דעם טאָל האָט זיך די זון צעשיינט.

קום און ברום דעם אָנזאָג פון באַגינען;
קום אין תּפילה מיט דער דערוואַכטער בלום,
אין דעם טאַנץ פון גאָלד־צעהאָפּערט בינען,
אין דער פרייד, וואָס ברויזט פון אַלץ אַרום.

נעכטן האָט געדונערט אויף די וועגן;
נעכטן האָט געציטערט יעדער בוים...
היינט איז דאָ אַ פרישער טוי און רעגן,
היינט גייט אויף אַ ליד פון נעסט און היים...

ווי שיין עס איז, ווי כּישופדיק דאָס לעבן!
ווי צויבערלעך! ווי פּרעכטיק! קוק און גאַף!
דאָס אַלץ האָט גאָט פאַר דיר און מיר געגעבן —
קום און זינג פון וווּנדער פון באַשאַף.

### פאַראַן אַזאַ לאַנד...

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַזאַ וווּנדער־מדינה,
וווּ עס ווערן פון טרערן דאָרט לידער;
עס טראָגט דאָרטן קיינער אויף קיינעם קיין שׂנאה,
עס לעבן דאָרט מענטשן ווי ברידער.

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַזאַ צויבער־מדינה,
וווּ עס ווערן פון זיפצן געזאַנגען;
דער טאָג איז דאָרט אייביק אַ ליכטיקע בינע,
די נאַכט — פול מיט פריידיקע קלאַנגען.

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַזאַ כּישוף־מדינה,
וווּ עס ווערן פון אומעט דאָרט פריידן;
יעדער מאַן איז אַ „גראַף", יעדע פרוי — אַ „גראַפינע",
ניטאָ דאָרט קיין נויט און קיין ליידן.



פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַ געבענטשטע מדינה,
וווּ עס ווערט דאָרט פון טרויער אַ ניגון;
עס רוט אין דעם לאַנד דאָרט אויף יעדן די שכינה,
עס זינגען דאָרט קינדער אין וויגן.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווי הייסט יענעס לאַנד? — אָ, מיין גאָט, ס'איז אַ חלום:
עס ווערן פון טרערן קיין לידער...
עס מאַכט ניט אַ זיפץ מיט געזאַנגען קיין שלום,
און עס לעבן ניט מענטשן ווי ברידער...

רבקה ס. גאָלאָמב

## אַ געווינלעכע מעשה

(רעפּאָרטאַזש)

מלכּה גראַנאָווסקי איז געווען אַ מאָל איר נאָמען — היינט הייסט זי מילדרעד גרענט. געטראָפן האָב איך זי ס'ערשטע מאָל אין 1939 אין ניו־יאָרק, אין אַן אָרעמען געגנט פון די בראָנקס. געוווינט האָט זי דאָרטן מיט איר מאַן און דריי קליינע קינדערלעך. געלעבט האָט מען אויפן פערטן גאָרן, אין אַן ענגער דירהלע פון איין שלאָפצימער, אַ פינצטערן גאַסט־צימער און אַ קלייניקער קיך.

דאָס הויז, מיט ניינציק אַזוינע דירות, איז געווען חושכדיק, שמוציק, אָפּגעלאָזן, אָפּגעקראָכן, די ווענט געשפּאָלטן און דער דלות האָט אַרויסגעשריען פון אַלע ווינקלען. ביי די גראַנאָווסקיס האָט אויך בייטאָג געברענט עלעקטרע. עס האָט געשמעקט דאָרטן מיט טוכלעקייט און פייכטקייט.

איר מאַן, פייוול גראַנאָווסקי, איז געווען אַ צושניידער, אַ ייד אַ שלימזל, וואָס פלעגט זיך ניט האַלטן אויף קיין שטעלע. השׂגות האָט ער דווקא געהאַט גרויסע, האָט ער כּסדר געחלומט פון געווינען אַ גרויס געווינס, באַקומען עפּעס פלוצלונג אַ שטיקל ירושה, אָדער דאָס מזל זאָל אים צושפּילן און ער זאָל זיך קענען אַרויפּ־ דראַפּען אויפן לייטער פון דערפאָלג. אפילו ביי דער אַרבעט פלעגט ער דעם גאַנצן טאָג כּסדר וועגן דעם חלומען. ער פלעגט פאַנטאַזירן וועגן גרויסע געשעפטן, אַ שיינער הויז אין אַ רייכן ראַיאָן, שיקן די קינדער אין גוטע פּריוואַטע שולן; אויסקליידן זיין מלכּהן אין נייע, ניט קיין איבערגעניצעוועטע בגדים און טאַקע ווערן מיט לייטן גלייך.

כאָטש מען האָט געלעבט אין ענגשאַפט און אין דחקות, האָט אין דער ענגער דירהלע געשטראַלט מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט. מלכּה איז געווען אַ בריה; פון גאָרניט האָט זי געקענט צוגרייטן אַ מאָלצייט וואָס האָט געהאַט טעם גן־עדן. אין דער דירהלע האָט אַלץ געבלאַנקט און געבלישטשעט. זי פלעגט נייען, פאַרריכטן, וואַשן, רייניקן, און אַלץ האָט געשיינט. מיט אומגעדולד פלעגט זי וואַרטן פייוול זאָל שוין צוריקקומען פון שאַפּ און אַריינברענגען מיט זיך די דרויסנדיקע גרויסע וועלט מיט אירע אַלע נייעסן און געשעענישן. ווען ער פלעגט נאָך וואַשן די הענט פלעגט שוין זיין מויל זיך ניט פאַרמאַכן. ער פלעגט איר דערציילן דעטאַלן פון דער אַרבעט און אַלדאָס געשעענע אין משך פון טאָג. ווי נאָנט זיי זיינען

געוועזן דעמאָלט, ווי געטריי און איבערגעגעבן! די פינף יאָריקע דבורהלע פלעגט זיך צוהערן אַ פאַרגאַפטע און אפילו די דריי יאָריקע שרהלע פלעגט אויך אנטייל נעמען אין שמועס. נאָך דער פופצן־חדשימדיקער לייבעלע פלעגט זיצן אין זיין הויכן שטול ביים טיש און פאַטשן מיט די הענטעלעך.

טאַטע־מאַמע מיט דבורהלען זיינען געקומען קיין אַמעריקע פון ישראל. פייוולס אַן אַלטע מומע האָט אויסגעמאַכט פאַר זיי די פאַפירן און געשיקט זיי אויף רייזע־הוצאות. שווער, זייער שווער איז געווען דער אומבייט, און נאָך שווערער דאָס אַקלימאַטיזירן זיך און זיך אַריינפאַסן אין נייעם לעבנס־שטייגער. מען האָט באַדויערט, חרטה געהאַט, ס׳איז אָבער קיין אַנדער ברירה ניט געווען, ווייל ס׳איז פשוט ניט געווען מיט וואָס צוריקצופאָרן; און ביז וואָס ווען איז שוין דאָס צווייטע קינד געווען אונטערוועגנס. האָט מען געלעבט מיט זכרונות, בענקשאַפטן און פאַרגלייכן. דאָ — און דאָרטן..

דאָ צווישן די וואָלקנקראַצערס האָט מען דאָך ניט געזען אפילו, אויב ס׳איז פאַראַן אַ הימל; און ווי טיף בלוי ס׳איז געווען דער הימל דאָרטן, אין ישראל. ווי פריילעך, זאָרגלאָז, היימיש און חבריש מען האָט געלעבט דאָרטן אין קיבוץ אויף דער אייגענער ערד. מיט די „פיאָשן“ און די אייגענע הענט פלעגט מען פאַרטאָג זיך לאָזן צו דער אַרבעט. די לופט איז געווען אַזוי דורכזיכטיק, קרישטאָל־ריין; דער געלעכטער און דאָס געזאַנג פלעגן אָפהילכן אין דער בלויקייט. מען פלעגט זיך דערמאָנען ווי מען האָט געפלאַנצט עקאַליפטוסן אין די זומפן; קומען פון דער אַרבעט צו דער מאָגערע סעודה און דאָס האַרץ איז געווען פול מיט פרייד און דערוואַרטונג. שבת פלעגט מען זיך אויספוצן אין די ווייסע העמדער און צייצענע קליידלעך און זיך לאָזן אויף אַ שפאַציר איבער די היגלען און בערגלעך.

דאָ, האָט מען געפילט, שמידט זיך דער גורל פון פאָלק. מיט טויזנטער אויגן האָט פון יעדן שטיין און פון יעדן הויפן ערד אַרויסגעקוקט דער עבר — און מיט טויזנטער ליפן האָט עס אַרויסגעשעפטשעט אין יעדנס האַרץ.

גאָטעניו!... פאַר וואָס, פאַר וואָס זיינען מיר געקומען אין דעם דאָזיקן נאָמענלאָזן, פרצופלאָזן בבל? —

אין די פינצטערע נעכט פלעגט מען זיך טוליען איינער צום צווייטן און וועלן געפינען אַ טרייסט. ניט איין טרער האָט מען פאַרגאָסן ווען מען איז אויסגעגאַנגען אין בענקשאַפט.

* * *

די יאָרן זיינען אָבער ניט געשטאַנען אויף איין אָרט, זיי זיינען געלאָפן. די גראַנאָווסקיס האָבן זיך ווי תמיד געפלאָגט — ביז אין אַ געוויסן וואָכעדיקן טאָג האָט זיי צוגעשפילט דאָס מזל: די אַלטע מומע האָט זיך געזעגנט מיט אונדזער זינדיקער ערד און אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם. זי איז געשטאָרבן, און זיי — זיינען אויפגעריכט געוואָרן. זי האָט איבערגעלאָזט פייוולען אַ ירושה פון גאַנצע קנאַקעדיקע דריי טויזנט דאָלער...

פייוול האָט גלייך גענומען וועבן זיינע מנחם מענדלשע חלומות: אָדער איצטער, אָדער קיין מאָל ניט! — האָט ער געטענהט. דאָס איז מיין איינציקער שאַנס פטור צו ווערן פון דעם עיפושדיקן „שאַפ“ און דעם „מלאך־המוות“, דעם „פאָרמאַן“. איך וועל גיין פאַר זיך אַליין אין ביזנעס, עפּעס אַ געשעפט און גאָט וועט העלפן.

מלכה איז געווען פאָרזיכטיקער און געציטערט ער זאָל חלילה דאָס גרויסע געווינס ניט צעטרענצלען, אָדער צעשאַסטשען, און מען זאָל ווידער ניט בלייבן ביי דער ליידיקער קאָרטע.

* * *

ס׳האָט זיי אָפגעגליקט. אַ פריינד האָט געראַטן פייוולען אָנצוהייבן אין ביליקע צירונג־ביזנעס — און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג. דאָס געשעפטל איז געוואַקסן און מיט אים פייוולס השגות און אַפעטיט. פון אַ געשעפטל איז אין אַ קורצער צייט אַרום אויסגעוואַקסן אַ געשעפט מיט אַ סך אָנגעשטעלטע. במשך פון געציילטע יאָרן האָט ער שוין פאַרמאָגט עטלעכע געשעפטן. ער האָט געמאַכט פאַרשידענע אינוועסטירונגען וואָס האָבן אָפגעגליקט און אַריינגעטראָגן גרויסע רווחים.

מען האָט שוין לאַנג איבערגעלאָזן די נעבעכדיקע דירה אין די בראָנקס און זיך אַריינגעקליבן אין אַ גרויסאַרטיקער הויז ערגעץ אין אַן אַריסטאָקראַטישן ראַיאָן. מיטן פאַרלאָזן די אַלטע וווינונג האָט מען אויך דאָרט איבערגעלאָזן די אַמאָליקע נעמען. אין ריווערסייד דרייוו האָבן שוין געוווינט פיליפ און מילדרעד גרענט מיט זייערע דריי קינדער: דעבאָראַ, שוירלי און לעאָנאַרד.

פיליפ האָט אָנגעהויבן רויכערן טייערע ציגאַרן, באַשטעלט זיינע בגדים ביי די באַרימטע שניידערס און מילדרעדן האָט ער באַשאָנקען און באַהאָנגען מיט אמתע טייערע צירונג. — פאָר צו אויף דער פינפטער עוועניו און באַשטעל זיך אַ מינק־מאַנטל — איז ער צוגעשטאַנען צו זיין ווייב — נישקשה, פיליפ גרענט קען דאָס „אַפאָרדן“; זאָלן טאַקע אונדזערע שכנים צעפיקעט ווערן פון קינאה! —

ער איז אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען, ביז זיין געוועזענע מלכה האָט אים צוליב געטאָן און זיך אויסגעפוצט אין זייער אַ קאָסטבאַרן מינק־מאַנטל.

און דאָך איז מלכהן געווען שווער זיך צוצוגעוווינען צו די ראַשיקע ענדערונגען. זי האָט אַלץ געבענקט נאָך דעם אַמאָליקן אָרעמען לעבן אין די בראָנקס, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין וואַרעמקייט, מענטשלעכקייט און היימישקייט. זי פלעגט אָפט זיך צוכאַפן צו אירע אַמאָליקע שכנות. הנאה געהאַט דאָרט פון אַ היימישן באָרשטש, אַ שטיקל קוגל, אָדער געפילטע פיש. די שכנות פלעגן באַוווּנדערן אירע טייערע קליידער, קאָסטבאַרע צירונג און לאַכן הינטער אירע פלייצעס פון אירע געפאַרבענע האָר און וווּלגאַר־פאַרשמירטן פנים.

אין איר לוקסוס־רייכער הויז האָט זי זיך געפילט פרעמד און ניט היימיש. עס האָט זיך איר כסדר אויסגעדאַכט, אַז די קעכין און דינסטמויד קרימען נאָך איר שלעכטן ענגליש, אַז די אַריסטאָקראַטישע, סנאָבישע שכנים וויכן פון דער אויפגעקומענער גבירטע. אפילו די קינדער האָבן זיך געשעמט מיט דער מאַמעס קליינשטעטלדיקע פירעכצן, שוידערלעכן אַקצענט און יידישער נאָז.

דעבאָראַ און שוירלי האָבן גענומען טאַנץ־קלאַסן, פיאַנאָ־לעקציעס און געוווּסט די גאַנצע הינטערקוליסן פון די גרויסע האָליוווד־שטערנס. לעני איז געווען פאַרקאָכט אין פאַרשידענע ספאָרטן און פערד־געיעגן. אויך פיליפ איז שוין ניט געווען דער זעלביקער. פון דעם אַמאָליקן לוסטיקן, פריילעכן וויצלער, פייוול גראַנאָווסקי, וואָס איז געווען אַ מאָל אַ חלוץ מיט אידעאַלן און ברען, איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן. ער האָט אָנגעהויבן קומען אַלץ שפעטער אַהיים און אַלץ ווייניקער זיך טיילן און דערציילן וועגן זיינע גרויסע געשעפטן. ער איז תמיד געווען אויפגערעגט און זיין אַמאָליקע, הייס־געליבטע מלכהלע האָט אים כסדר איריטירט: זי רעדט צו הויך, עסט צופיל, טוט זיך אָן וווּלגאַר, זעט אויס צו דיק. — אַ פראָסטע יידענע וואָס וועט שוין קיין מאָל ניט ווערן קיין ליידי — האָט ער, מיט פאַרדרוס, ביי זיך געטראַכט. ער האָט איר כסדר פאַרגליכן מיט זיין קריסטלעכער סעקרעטאַרין דזשולי: יענע איז יונג, בלאָנד, בלויאויגיק, שלאַנק, איידל ראַפינירט. און זיין יענטע? — פוי! — אַן אמתע פאַרזעעניש, אַ בוזשאַנע! — ניט צו גאָט און ניט צו לייט!

ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט פייגל פון דער פריי אין אַ גאָלדן שטייגל, דאָס איז איצטער געווען מלכהס לעבן. זי האָט נאָר געלעבט איצטער מיט די זכרונות פון איר אַמאָליקן פרילינג. פון דער פאַרגאַנגענהייט פלעגן כסדר אויפטויכן בילדער פון אַמאָליקן גליק, וואָס איז געווען — און פאַרשוווּנדן אויף אייביק.

ווי ליב זיי האָבן זיך געהאַט דעמאָלט אין די גוטע, זאָרגלאָזע יאָרן אין קיבוץ, ווי נאָענט זיי זיינען געווען באמת איין גוף און איין נשמה. ווי פריידיק און זינפול דאָס לעבן איז געווען. מען האָט גאָרניט געהאַט, גאָרניט פאַרמאָגט און גאָרניט געדאַרפט. די לאַכערקע — פלעגט מען זי רופן. אַלע חברים זיינען געווען צווישן זיך געקניפט און געבונדן מיט טויזנטער ניט קיין געזעענע פעדים. אַלעמענס דאגות זיינען געווען די דאגות פון יעדן איינעם און די דאגות פון יעדן איינעם זיינען געווען אַלעמענס.

ווען די קינדער זיינען נאָך געווען יינגער האָט זיך מלכה ניט געפילט אַזוי עלנט, ווייל זי האָט מיטגעלעבט מיט זייערע אינטערעסן. אָבער וואָס עלטער זיי

זיינען געוואָרן, אַלץ פרעמדער זיינען זיי
איר געוואָרן. נאָך דעם ווי דעבאָראַ האָט
זיך געלאָזן אונטערשערן איר יידישע נאָז
(אַ פלאַסטישע אָפעראַציע האָט מען עס
גערופן) און זיך אָפגעפאַרבט אירע פעך־
שוואַרצע האָר אויף פלאַטינום־בלאָנד,
האָט זי אָנגעהויבן אויסזען ווי אַן אמתע
שיקסע, ווי ניט מלכהס קינד.

שוירלי האָט כסדר פרובירט רעפאָרמירן
איר מאַמען און איר תמיד געבן פאָרציעס
מוסר: זי האַלט ניט ריכטיק ס׳גאָפל־
מעסער, זי סמאָטשקעט די ביינער, זופט
צו טומלדיק, לעקט די פינגער; אפילו
אַ סערוועטקע ווייסט זי אויך ניט ווי צו
נוצן. די נעגל זיינען איר תמיד צע־
שפּאָלטן און די הויט אַרום שיילט זיך.
פאַר וואָס זשע נוצט זי ניט קיין פאַלשע
נעגל? ס׳איז דען אַ דאגה דאָס צוצו־
קלעפּן?

לעאָנאַרד ווידער איז געווען עגאָ־
איסטיש, צעבאַלעוועט, זיך געפוילט צו
לערנען. אַרומגעלאָפן מיט מיידלעך און
געוואָרן אַ גרויסער אויסברענגער.

דער אַמאָליקער פּיוול און היינטיקער
פיליפּ פלעגט וואָס אַ מאָל אַלץ קומען
שפּעטער אַהיים. זייער אָפט פלעגט אָנ־
קלינגען פון אָפיס, אַז מען זאָל אויף אים
ניט וואַרטן מיטן מיטאָג, ווייל ער האָט
אַ „ביזנעס־מיטינג" און וועט קומען גאָר
שפּעט צוריק. ווען מלכה האָט פרובירט
אים בעטן ער זאָל אַזוי ניט האָרעווען,
ווייל ער רואיני־ט דאָך זיין געזונט, פלעגט
ער נעמען שרייען מיט באַנומענע קולות
אַז דאָס טוט ער דאָך נאָר פאַר ווייב און
קינדער. ער האָרעוועט כדי זיי זאָל גאָר־
ניט פעלן און דאָ אַזאַ מין אומדאַנקבאַר־
קייט. פאַרן מינק־מאַנטל האָט ער באַ־
צאָלט פיר טויזנט דאָלער! און וויפל
האָבן געקאָסט די דימענטן און די פערל?
און די ווינטערס אין מיאַמי־ביטש אין די
טייערע האָטעלן? און דעבאָראַס פלאַסטי־
שע אָפעראַציע? און שוירליס פריוואַטע
באַלעט־קלאַסן ביי דער טייערסטער באַ־
לערינע? — מלכה פלעגט שטום ווערן
און אין דער שטיל פאַרגיסן אַן אַ שיעור
טרערן. זי האָט ווייטאָגדיק געפילט, אַז
די איין־קאַלטע וואַנט, וואָס איז צווישן
זיי אויסגעוואַקסן, ווערט פון טאָג צו טאָג
אַלץ דיקער און מעכטיקער.

איין טרייסט איז איר פאַרבליבן: זיך
אַראָפּצוכאַפּן אין די בראָנקס אין זייער
אַמאָליקן, אַלטן אַפּאַרטמענט הויז, זיך
טרעפן דאָרט מיט אירע אַמאָליקע גוטע
שכנות און זיך דאָרט אַראָפּרעדן פון
האַרצן. ווי מקנא זי איז געווען זייער
פשטות, אויפריכטיקייט און אמתדיקייט.
וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג.
זיי זיינען געווען דאָס וואָס זיי זיינען גע־
ווען, און ניט געדאַרפט זיך פאַר קיינעם
פאָרשטעלן. די האַרציקע שכנות האָבן
דערשמעקט און דורכגעשנאַפּט מלכהס
ביטערע מערכה. מחוץ מיטליידן מיט
איר האָבן זיי צום באַדויערן גאָרניט ניט
געקענט טאָן פאַר איר.

זי האָט אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן איר
מאַן, אַז עפּעס איז קשה, עפּעס האָט ער
צו אָפט, צו פיל, און צו לאַנגע מיטינגען,
אַ סך מאָל ביז העט אין גרויען טאָג אַריין.
דער חשד איז געפאַלן אויף זיין סעקרע־
טאַרקע; אָדער ווער ווייסט, האָט זי גע־
טראַכט, אפשר עפּעס אַן אַנדער פרוי?...
אָבער ווי געפינט מען עס אויס?...

די אַלע זאָרגן און פאַרדאַכטן האָבן איר
צוגערויבט איר שלאָף אין די לאַנגע
אויסמאַטערנדיקע נעכט און צוגענומען
איר גייסטיקן גלייכוואָג אין די נודנע,
לאַנגווייליקע, גרויע טעג.

אָפּגעלאָזן, מרה־שחורהדיק, פלעגט זי
זיך אַרומדרייען, ווי אין אַן עולם התוהו,
איבער די פרעמדע עלעגאַנטע צימערן
פון איר לוקסוס־רייכער הויז. אָבער אַ
הויז איז דאָך ניט קיין היים, האָט זי זיך
געטראַכט. אַלץ האָבן דאָרטן איינגעאָרדנט
און אויסגעשטאַט באַרימטע דעקאָראַטאָרס
וועלכע מען האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט
פון פּאַריז. אויף די ווענט האָבן זיי אין
באַגילדעטע ראַמען אויפגעהאַנגען באַ־
רימטע רעפּראָדוקציעס פון עפּעס אַנטיקע
מאַלער. עס פלעגט איר קאַלט ווערן אין
אַלע אברים און אַ סקרוך פלעגט איר
אַריבער איבערן לייב ווען זי פלעגט אַ קוק
טאָן אויף די אָנגעבלאָזענע טרייפענע פּר־
צופים. געווען זיינען אַלע אָנגעטאָן אין
הויכע, שטייפע, ווייסע קראַגנס געמאַכט
פון שפּיצן. זי האָט געפילט, אַז זיי קוקן
אַראָפּ אויף איר, פון די בילדער, מיט
גוישער חוצפּה און פרעכקייט, מיט ביטול
און זילזול. די גוטע יאָרן זאָל האָבן, האָט



זי געטראַכט, ווי דאָס קומט ניט צו די
פּאָטאָגראַפיעס פון איר טאַטע־מאַמען
אָדער זיידע־באָבען וואָס זיינען געהאַנגען
אויף די ווענט אין דער אַלטער, אַמאָלי־
קער דירה אין די בראָנקס. יענע פּאָטאָ־
גראַפיעס זיינען געווען אַזוי האַרציק־נאָענט,
אַזוי היימיש־וואַרעם און זיי האָבן איר
דערמאָנט אָן אירע אָרעמע, אָבער גוטע
קינדער־יאָרן אין אַמאָליקן בלאָטיקן
שטעטעלע אין פּוילן. היינט, צום באַדוי־
ערן, האָבן זיך שוין יענע אַלטע פּאָטאָ־
גראַפיעס געוואַלגערט ערגעץ אין אַ קעס־
טל אין קעלער.

אפילו דעבאָראַ, וועלכע איז תמיד גע־
ווען פאַרטאָן נאָר מיט זיך, האָט באַמערקט
אַז די מאַמע איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.
זי איז נערוועז, תמיד אומעטיק און אָנגע־
דרודלט.

„מאַמע", האָט זי זיך איין מאָל אָפּגע־
רופן, „וואָלסט נייטיק געדאַרפט האָבן
פּסיכיאַטרישע באַהאַנדלונג. קאָנטיק, אַז
דו ליידסט פון אַ מינדערווערטיקייטס־
קאָמפּלעקס, וואָס ברענגט צו דעפּרעסיע.
דער פּסיכיאַטער וועט דיך אַנאַליזירן און
זוכן דעם מקור פון דיין נעוורואָז, וועסט
אים דאַרפן דערציילן אַלץ וואָס דו גע־
דענקסט פון דיין פריסטער קינדהייט, וועט
ער שוין אויסגעפינען פון וואַנען שטאַמען
דיינע פּאַראַנאָישע נייגונגען.

כאָטש מלכה האָט ניט פאַרשטאַנען
וואָס עס מיינען אַזוינע משונהדיקע
ווערטער ווי: פּסיכיאַטער, מינדערווערטי־
קייטס־קאָמפּלעקס, דעפּרעסיע, נעוורואָז,
פּאַראַנאָיע אאַז"וו, איז איר דאָך באַפאַלן
אַ מורא, זי האָט אינסטינקטיוו דערפילט,
אַז דעבאָראַ קוקט אויף איר מאַמען ווי
אויף אַ משוגענער, רחמנא לצלן.

שוירלי, וואָס איז געווען פּראַקטישער
און ניכטערער פון דעבאָראַן, האָט איינ־
גערעדט איר מאַמען זי זאָל זיך לערנען
שפּילן ברידזש, נעמען טאַנץ־קלאַסן און
גיין צו די פערד־געיעגן. „מאַמע", האָט
זי געטענהט: „שוין צייט זאָלסט ווערן
מאָדערנער. כ׳שעם מיך דאָך אַריינצופירן
אין אונדזער עלעגאַנטער היים מיין „באָי־
פרענד", דעם דערפאָלגרייכן אַדוואָקאַט,
העראָלדן. אַ פשיטא שוין אַז אָט אָט
און באַלד וועט ווערן אַ שידוך און דו
וועסט זיך מוזן טרעפן אויג אויף אויג
מיט דיינע צוקונפטיקע מחותנים. פאַר־
געס ניט, אַז העראָלדס מאַמע איז דאָך
זייער אַן עלעגאַנטע און ראַפינירטע
דאַמע. צוליב דיין קליינשטעטלדיקייט און
פאַרשימלטקייט קען נאָך חלילה ווערן
אויס שידוך.

פיליפּ פלעגט זיך שוין בכלל זעלטן
באַווייזן אין דער היים. ער פלעגט פאַר־
לאָזן דאָס הויז גאַנץ פרי און צוריקקומען
נאָך חצות, אָדער ער פלעגט בכלל פאַר־
שווינדן אויף עטלעכע טעג. כלומרשט
צוליב ביזנעס האָט ער געמוזט כסדר
אַרויספאָרן פון שטאָט.

מלכהן, אונדזער איצטיקער מילדרעדן
האָט מען קיין פינגער אין מויל ניט גע־
דאַרפט אַריינלייגן. זי האָט גענוג שכל
געהאַט צו פאַרשטיין ווי זי האַלט אין דער
וועלט, און דאָס האַרץ איז איר געווען
אָנגעלאָדן ווי מיט בליי ביז איבער די
ברעגעס.

איר זון, לעני, האָט איר שוין אַ פּאָר
מאָל אַ ווונק געטאָן, אַז זייערע צופּעליקע
באַקאַנטע טייטלען אויף זיי מיט די פינ־
גער און שושקען זיך הינטער זייערע
פּלייצעס. ס׳איז אַ סוד אויף גאַנץ בראָד,
אַז אומעטום באַגעגנט מען דעם טאַטן
צוזאַמען מיט זיין יונגער, בלאָנדער שיק־
סע־סעקרעטאַרין. ער נעמט זי אויס אין
די טייערסטע רעסטאָראַנען און טעאַטערס.
פאָרט אַרויס מיט איר אין פאַרשיידענע
פאַרוויילונגס־ערטער און שטייט איין מיט
איר אין די טייערסטע, עלעגאַנטסטע
לוקסוס־האָטעלן. די שטיקל־גאָרניט גייט
אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק, ווי אַן
אמתע בת־מלכה. נישקשה! פיליפּ גרענט
קען זיך דערלויבן צו באַגילדן זיין געליב־
טע. זי, די שיקסע, האָט זיך אפילו פאַר־
טרויט פאַר איר בעסטער חברטע, אַז איר
בעל־הבית גייט אָפּגטן זיין אַלטע פאַר־
זעניש און וועט גאָר אין גיכן חתונה
האָבן מיט איר, זיין געליבטער.

„גיב אים ניט אַזוי לייכט קיין גט;
צאַפּ אַרויס פון אים וואָס אַ גרעסערע
סומע!" האָט איר געעצהט איר פּראַקטי־
שער, 20־יאָריקער מעזיניק. „לאָז צו־רו
דיינע נאַרישע סענטימענטן. געדענק, דו
לעבסט אין אַמעריקע, אין אַ מאָדערן
לאַנד; דאָס איז ניט דיין שטעטעלע אין
פּוילן, אָדער דער קיבוץ אין ישראל. פאַר־

46

וואָס אייגנטלעך זאָלסטו זיך אויך ניט אויסזוכן עפּעס אַ געליבטן און הנאה האָבן פון לעבן. טו אַ שפּיי אויף דעם אַלטן און האָב אויך אַ 'גוד־טיים'."

* * *

איר זונס פּראַקטישע עצות זיינען געוואָרן וואָר. זי האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס, איבערגעקומען די דעפּרעסיע, שלום געמאַכט מיט איר גורל און פון דער מעטאַמאָרפאָז איז אַרויס די אמתע מילדרעד גרענט — פון מלכה גראַנאָווסקי איז קיין זכר ניט געבליבן.

כ'האָב זי צופעליק געטראָפן אין רינאָ, נעוואַדאַ. אַהין פאָרן געמבלערס, די וואָס זוכן אַ גיכן גט און נייגעריקע טוריסטן.

מילדרעד איז געקומען קיין רינאָ אויף די נייטיקע זעקס וואָכן, רעזידענץ־צייט, ווייל אָן דעם באַשטעטיקונגס פּאַפּירל קען מען דאָרט קיין גט ניט קריגן.

ווען כ'האָב זי באַגעגנט אין קאַסינאָ האָב איך זי קוים דערקענט. איר דיקלעכער גוף איז געווען אַריינגעשטופּט אין אַ פּאָר ענגע ווייסע הויזן און אַ רויטער, שטאַרק דעקאָרירטער בלוזע; אירע גרויסע גאָלדענע אויריינגלעך האָבן זיך אַרומגעבאָמבלט מיט יעדער באַוועגונג פון איר קאָפּ. פון אירע צעקנייטשטע אויסגעהאָרעוועטע הענט האָבן אַראָפּגעבלישטשעט די בראַסלעטן און רינגלעך געפּאַסטע אין דימענטן און בריליאַנטן. די צוגעקלעפּטע פאַלשע, לאַנגע וויעס און די שטאַרק אונטערגעשמירטע אויגן האָבן איר געמאַכט אויסזען וווּלגאַר און אַלט. דער טיילווייז געשוואָלענער פּנים מיט די בלויע רינגען אונטער די אויגן האָבן דערציילט וועגן שלאָפלאָזע נעכט, הוליאַנקעס און שיכרות. אין קאַסינאָ איז זי אַראָפּגעקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן־מאַן, אומגעפער אַ העלפט פון איר עלטער. ער האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן אַנדרוגינוס, ניט קיין מאַן און ניט קיין פרוי. פאַרשייט, מיטן ציגאַרעט אין מויל און דאָס גלעזל אין האַנט איז זי מיר אויסגעקומען טראַגיקאָמיש.

יאָ, אונדזער היינטיקע מאָדערנע מילדרעד האָט זיך אויסגעלערנט אַלע מאָדערנע תורות: רייכערן, טרינקען און געמבלען. אין דער מאָדערנער אַמעריקע דאַרף מען לעבן לויט די געבאָטן פון דער צייט. היינט וואָלטן זיך שוין אירע טעכטער מיט איר ניט געשעמט און די שכנים וואָלטן זי זיכער רעספּעקטירט. און אפשר וואָלט איר מאָדערנער מאַן אויך דערזען זי אין אַ נייעם ליכט. ווער ווייסט?...

אַלנפאַלס, לעבן זאָל די גאָלדענע מדינה מיט אירע גילדענע מעגלעכקייטן. אַ לאַנד ווו יעדער „פּענטאַק" קען זיך אַרויפאַרבעטן און ווערן אַ מיליאָנער; אַ לאַנד ווו מען דאַרף האָבן מזל מער ווי שכל. דער עיקר דאַרף מען קענען שטופּן יענעם, כדי אַליין ניט געשטופּט צו ווערן.

לעבן זאָל דאָס לאַנד פון דזשאַז און ראָק־און־ראָל, על־עס־די און אַנדערע נאַרקאָטיקס. דאָס לאַנד פון „ביטניקס" און „היפּיס", און עלנט און איינזאַמקייט. דאָס לאַנד פון שווילטאָג, איבערגעפרעסנקייט, דיעטע — און גלייכצייטיק שוידערלעכע אָרעמקייט און אויך איבערמענטשלעכע ליידן.

הוראַ ! ! ! — לעבן זאָל די מדינה פון „אָנקל סעם", ווו אַזוינע געוויינלעכע געשיכטעס זיינען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג . . .


מיינע האַרציקע ברכות

צו מיין חשובן פריינד

**שמואל לעווין**

**צו זיין 80 יאָריקן יובל**

איך ווינטש אים מיט זיין ליבער פרוי
נאָך לאַנגע יאָרן אין נחת און פרייד.

**יהושע גרינהאָף**

מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ




אריה פאַזי

# אַן אַריינפיר צו קבלה

קאַפּיטל צוויי

## די אַטריבוטן פון געטלעכקייט — ספירות

דער עיקר טעזיס פון קבלה באַציט זיך צום גלויבן אין אחדות הבורא, וואָס פון דעם איז געדרונגען די אחדות און האַרמאָניע פון דער וועלט. אין דער אַחדות פון געטלעכקייט איז פאַראייניקט די טראַנסצענדענטאַלע גייסטיקע וועלט מיט דער אימאַנענטער פיזישער וועלט. גאָט, לויט דער קבלה, איז דער גרויסער טיפזין, דער גרויסער אומבאַגרייפלעכער, דער רזי דרזין — סוד־סודותדיקייט. גאָט איז אַריבער מענטשלעכער בילדלעכער פאָרשטעלונגס־פעיקייט; די טיפקייט פון געטלעכער חכמה איז למעלה פון מענטשלעכער שכלדיקער דורכדרינגלעכקייט. גאָט איז דער קדמוניות פון קדמוניות, דער סוד פון סודותדיקייט, דער באַוווּסטזיין פון איבערבאַוווּסטזיין.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, דריקט זיך אויס גאָט אין זיין פולער מאַכטיקייט, סיי דורך דעם אוניווערס און סיי דורך דער ליבע וואָס איז אַריינגעטאָן אין מענטשלעכן האַרץ. די וועלט איז די אָפּשפּיגלונג פון גאָט. עס קומט פאָר אַ כסדרדיקער שותפותדיקער אויסבייט צווישן דעם א ו י ב ן און דעם א ו נ ט ן.

ווי אַזוי קומט פאָר אָט דער אויסבייט? ער קומט ניט פאָר דירעקט צווישן גאָט און וועלט. גאָט איז צו אומבאַגרענעצט בכדי דירעקט צו ווירקן אויף דער וועלט, וואָס איז יאָ באַגרענעצט. דער אויסבייט קומט פאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון פיר פון די אַטריבוטן פון געטלעכקייט: אצילות (הערלעכקייט), בריאה (שאַפונג), יצירה (פאָרמירונג) און עשיה (טאַטלעכקייט). אויך אָט די פיר אַטריבוטן ווירקן ניט דירעקט אויף דעם עולם ומלואו — דעם קאָסמאָס און אַלץ וואָס איז אין אים, נאָר זיי באַשעפטיקן פאַר דעם די צען ספירות: כתר (קרוין), חכמה, בינה (פאַרשטאַנד), חסד (גענאָד), גבורה, תפארת (שיינקייט), נצח (אייביקייט), הוד (גלאָריע), יסוד (גרונט), מלכות.

צווישן די ספירות ציען זיך רערן: נ י י ן, דורך וועלכע יעדער באַזונדערע שיקט איר השפעה צו די אַנדערע ספירות און ניין, דורך וועלכע יעדער באַזונדערע קריגט השפעה פון די אַנדערע ספירות.

די ספירות קריגן השפעה און זיינען משפיע. צו וואָס איז עס געגליכן? ס'איז געגליכן צו יעדן עצם וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. יעדער באַזונדערער עצם איז, פון איין זייט, כאַראַקטעריסטיש אייגנטימלעך פאַר זיך זעלבסט, און, פון דער אַנדער זייט, , ציט עס השפעה און חיונה פון דער אַרומיקער סביבה, וואָס קאָן אפילו זיין איר היפוך. למשל. אפילו דער בחיר היצירה, מענטש — ער איז אַ באַשטימט אייגנטימלעכער עצם, און איז אַ בעל־חי, אָבער זיין חיונה ציט ער פון אַלערליי מקורות: זיין פיזישע חיונה ציט ער פון דער זון, פון לופט, פון אַלערליי שפּייזן, וכדומה, וואָס זיי זיינען דוממים, און זיין גייסטיקע חיונה ציט ער פון דער דערהייבענער וועלט, וואָס איז דורכויס אין דרויסן פון זיין רשות, וואָס איז אויך ניט בעל־חי אינעם זין פון לעבן וואָס איז אין דער גשמיותדיקער וועלט, נאָר ס'איז ריינער גייסט, וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט און וואָס מענטש קען עס ניט פאָרשטעלן אפילו אין זיין וויטסטער פאַנטאַזיע.

און אַלע ספירות ציען זיך דורך זייערע פאַרצווייגטע רערן צו כ ת ר, די קרוין פון אַלע ספירות, וואָס דורך איר ציען זיי זייער השפעה פונעם אין־סוף (אומענדלעכקייט — אַן אַטריבוט פון געטלעכקייט); און אין זייער אויסגאַנג פאַראייניקן זיך די ספירות אין דער לעצטער ספירה, מ ל כ ו ת. דערמיט באַשטעטיקט זיך, אַן איבעריקן מאָל, דער גרויסער וווּנדער פון א ח ד — גאָט איז איינס, איינס איז זיין באַשאַף, איינס איז דאָס געזעץ לויט וואָס עס פירט זיך די וועלט.

די יצירה איז טאַקע איינס, אָבער צום קיום קומט זי דורך דער צעטיילונג און

קעגנזייטיקער ווירקונג פון געשלעכטן, זכר און נקבה, און טאַקע דערפֿאַר זייַנען אויך די ספירות איינגעטיילט אין געשלעכטן, און לויט זייער געשלעכטלעכקייט זייַנען באַשטימט זייערע פונקציעס, אָדער כוונות: מידת הדין אָדער מידת הרחמים, רייַנער פֿאַרשטאַנד אָדער געפֿיל, גשמיות אָדער רוחניות — וואָס דורך דעם געמיש פון די אַלע היפּוכים ווערט מקוים דער מקור פון ז י י ן, די השפּעה פון די פֿיר אותיות פון הויה, דער ו י ל ן פון מעשי בראשית, די אָרדענונג און באַשערט פון קיום.

* * *

דער עיקרדיקער ספר פון קבלה איז דער ז ו ה ר.

דער זוהר אַנטפּלעקט פֿאַר מענטש, דורך אַלערליי דרושים, סימבאָלן און אָנדייטונגען, דעם קיום און אַחדות פון געטלעכקייט, וואָס פּילט אויס דעם שטח פון דער וועלט און אַנטפּלעקט זיך פֿאַר מענטשלעכן גייסט אין אַ הערלעך ליכט און אומגעהויערער עשירות פון קאָלירן און פֿאַרבן.

דער זוהר איז אַ זאַמלונג פון אַ שלל אוצרות פון דערציילונגען, משלים, בילדלעכע באַשרייבונגען, בליציקע געדאַנקען, שאַרפֿע אייַנפֿאַלן, און אַלץ ווערט איבערגעגעבן אין אַן עקזאַלטירטן פּאָעטישן סטיל. דאָרט ווערט דערציילט וועגן די דערהייבנקייט פון די הימלען, וואָס מיט דעם ווערט סימבאָליזירט גייסט, און די טיפֿקייט פון די אָפּגרונטן צו וועלכע מ׳קען זינקען דורך לייקענען גייסט; דאָרט ווערט באַזונגען דער גלאַנץ פון די שטערן און די עשירות פון דער נאַטור בכלל, און, דער עיקר, די שייכות פון מענטש צו עולם ומלואו.

דער זוהר פֿאַרמאַכט ניט די אויגן צו זען די טונקעלע זייטן פון וועלט און מענטש. אָבער דאָס איז דאָך דער אַנטיטעזיס וואָס קאָן פֿירן צום סינטעז, דער חושך דורך וואָס מ׳קען קומען צו ליכט, און דאָס ליכט איז הערלעך אָן אַ שיעור. ס׳ווערן אין זוהר אַרומגערעדט גלייכע און קרומע וועגן, וועגן פון זייַן און אומזייַן; שטייגערן וואָס ציען זיך אויף גראַדע וועגן און אויך אַזוינע וואָס זייַנען אויסגעקרימט; בילדער וואָס ווערן דאָרט אָנגעצייכנט, וואָס זייַנען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, ווי אויך אַזוינע וואָס זייַנען מטושטש און משונהדיק; הנאה פון קדושה לגבי יסורים פון טומאה — און די אַלע היפּוכים מישן זיך דאָרט ווי געשעענישן אין אַ חלום, פֿאַנטאַסטיש ווי אַ חלום אין אַ חלום, אַלץ פֿאַרפּלאָנטערט, אָבער קריצן זיך איין טיף אין געמיט און געפֿיל.

דאָס לשון און סטיל פון זוהר איז מיסטיש. אַלץ ווערט דאָרט גערעדט בדרך רמז. און אַנדערש קען עס דאָך ניט זייַן. וואָרעם ווי אַנדערש קאָן מען אַנטפּלעקן אויף אָרעמען מענטשלעכן לשון אַזעלכע געהייבענע סודות וועגן גאָט און געטלעכקייט, עצם פון זייַן און אומזייַן, טהרה און טומאה, גשמיות און רוחניות, וכדומה, וואָס נאָר די רייכסטע פֿאַנטאַזיע קען עס גרייכן? דעריבער, איז בכדי צו באַגרייפֿן דעם זוהר, דאַרף מען זייַן מסוגל צו דעם; מ׳דאַרף האָבן אַ באַזונדערן אינערלעכן חוש צו קענען דערקענען, ווי דער זוהר טוט עס פֿאַר אונדז, ווי פון פינצטערניש ווערט ליכט און פון ביטער — זיס. ווי אַ געוויינלעכער מענטש זעט בילדלעכקייט און געשטאַלטיקייט, זעט דער וואָס פֿאַרטיפֿט זיך אין זוהר, געטלעכע שירה, די וווּנדערלעכע מעלאָדיע, וואָס ציט זיך פון אייביקייט צו אייביקייט.

אַלע געשעענישן, סימבאָלן און געדאַנקען אין זוהר קרייזן זיך אַרום איין צענטער — רבי שמעון בר יוחאי און זייַנע מיטאַרבעטערס. אָבער אויך זיי זייַנען ניט קיין בולטע געשטאַלטן, נייערט זיי ווערן געזען ווי סימבאָלן, אַ מוסטער פון דערהייבנקייט, ווי ריינער גייסט אין לבוש פון מענטש.

רבי שמעון בר יוחאי און זייַנע תלמידים אַנטוויקלען די שיטה, אַז יעדער מינדסטע מענטשלעכע תנועה — אפֿילו ווען נאָר אין כוונה און ס׳קומט ניט צו טאַט, גרייכט דערהייבענע וועלטן; אַז ניט נאָר דורך באַשטימטע דאָגמעס און אויפֿפֿירונגען גרייכט מען גייסטיקע מדרגות, נייערט מ׳גרייכט זיי דער עיקרשט דורך דער אייגנאַרטיקער עשירות, וואָס איז בטבע אין דעם א י ך פון מענטש, אויב נאָר מ׳פֿאַרשווענדט זי ניט אויף ענינים וואָס פֿאַרשווכן דעם גייסט פון מענטש. אויך האָבן זיי געלערנט, אַז אַלץ וואָס די חושים דערמעגלעכן צו זען און צו הערן, אַלץ וואָס מ׳קען באַגרייפֿן און פֿילן, אַז יעדער אומשטאַנד, קליין ווי גרויס, אַלץ אויף דער וועלט וואָס האָט אַ קיום — אַלץ איז אַ ווענדונג צו מענטש צו דערקענען און צו שעצן ווי געהעריק גייסטיקע ווערטן און צו געבן זיי פּרעפֿערענץ און בחירה לגבי די גשמיותדיקע פֿאַרגעניגנס אויף דער ערד. וואָרעם דער עיקר פון מענטש איז זייַן נשמה. דער גוף איז ניט אַנדערש ווי אַ מלבוש, אַ צודעק פֿאַר דער נשמה, די כלי וואָס האַלט אין זיך דעם גייסט פון מענטש. גוף פֿאַרגייט, גייסט בלייַבט אייביק. ניט אין גוף נאָר אין גייסט איז פֿאַרהוילן דער גורל פון מענטש, פון זייַן ערשטער ביז דער לעצטער רגע, פון וויגל ביזן קבר.



אין מענטש זייַנען פֿאַראייניקט דריי געביטן, וואָס קומען צום אויסדרוק איינס דורך דאָס אַנדערע: גוף, נשמה, געטלעכער פונק. דורך די אברים פון זייַן גוף און דורך זייַנע חושים דערקענט מענטש זייַן נשמה, און דורך די באַזונדערע חושים פון דער נשמה דערקענט ער אין זיך דעם געטלעכן פונק. אָבער היות ווי דורך דער באַגרענעצטקייט פון זייַנע פיזישע חושים קען דייטלעך ניט דערקענט ווערן די נשמה, און דורך דער באַשרענקטקייט פון די חושים פון דער נשמה קען געטלעכקייט דייטלעך ניט דערקענט ווערן — איז מענטשלעכער וויסן תמיד מטושטש און איז אין מצב פון „וויסן און אומוויסן.“

יעדער טאָג איז פֿאַר מענטש אַ באַזונדערע אַנטפּלעקונג, אַ מעשה בראשית אויף דאָס ניי. וואָרעם קיין זאַך, וואָס איז נעכטן געווען, איז דאָך הייַנט ניט פֿאַראַנען, און וואָס איז דאָ איצט, וועט שפּעטער ניט זייַן. קיין זאַך חזרט זיך ניט איבער, יעדער רגע ברענגט נייעס, און יעדער נייעס איז אַ באַזונדערע גייסטיקייט, אַ באַזונדערע איבערלעבונג. טעג שוועבן פֿאַרביי ווי שאָטנס וואָס רינגלען אַרום מענטש. יעדער טאָג, וואָס אין זייַן המשך איז קיין גוטס ניט געטאָן געוואָרן, קערט זיך אום צו זייַן שעפֿער, וואָס איז גאָט, פֿאַרשעמט און באַליידיקט. פֿאַרקערט, ווען דער טאָג איז געווען פּרוכטבאַר מיט מעשים טובים, שפּינט עס אויס אַ גייסטיקן מלבוש פֿאַר דער נשמה, וואָס ווען זי פֿאַרלאָזט דעם גוף, איז זי אין דעם פֿאַרקליידט.

אַלץ וואָס מענטש באַגרייפֿט אַרום זיך איז אַן אָנדייט אויף קדושה. דעריבער איז ווען אַ מענטש זעט עפּעס, דאַרף ער אין זינען האָבן יענע גייסטיקע וועלט און יענעם קעגנשטאַנד אויף וואָס דאָס איז מרמז. למשל, ווען איינער זעט אַ רויז אין אירע אַלערלייאיקע קאָלירן אָבער וואָס איר שטאַם איז שטעכיק, דאַרף ער וויסן, אַז דאָס איז בבחינת דער שכינה, וואָס זי איז טאַקע מידת הרחמים, אָבער ווי דער שטעכיקער שטאַם פון דעם רויזנפֿלאַנץ, איז זי אויך מידת הדין. מענטש דאַרף אַלע מאָל דרינגען שכלדיקייט פון געפֿיל, דערהייבנקייט פון שיפֿלות.

דער זוהר ווידמעט אַ סך אויפֿמערקייט צו דער טבע און דעם באַרוף פון מענטש, מאָלט מיט בולטע קאָלירן דעם פּלאָנטער פון מענטשלעכן געדאַנק, מענטשלעכע נייגונגען, אייגנשאַפֿטן און געפֿילן, וואָס אַלץ פֿירט צו דערקענען דעם גייסט פון מענטש. אפֿילו די מענטשלעכע אַנאַטאָמיע ווערט דאָרט אַרומגערעדט, דאָס אויסזען פון די אברים, זייערע פֿאָרמען, געשטאַלטן, צייכענונגען, וואָס אין דעם זעט די קבלה אַ געשטאַלטיקונג וואָס איז מכוון די נשמה צו הויכע מדרגות — מענטש, וואָס בפועל לעבט ער אין שיפֿלות, אָבער איז בכוח צו דערהייבן זיך צו הויכע מדרגות.

די קבלה אַנטוויקלט אין מענטש סיי די פֿעיקייט און סיי די גלוסטונג צו ווערן באַוווסטזיניק אויפֿן קאָסמאָס, צו דערקענען געטלעכקייט. דער זוהר, דער עיקר ספר פון קבלה, איז באמת איין הערלעכער שיר השירים, וואָס ווערט געזונגען פון דער נשמה פון מענטש אין איר טיפֿער בענקשאַפֿט צו באַהעפֿטן זיך מיט איר מקור, וואָס איז אייַנגעוויקלט אין דער טיפֿער סודותדיקייט פון געטלעכקייט.

דער עיקר וואָס די קבלה האָט בכוונה צו באַווייַזן, איז ווי ווערדיק עס דאַרף געשעצט ווערן דער מענטשלעכער גייסט. די קבלה איז פֿול מיט אָנווייַזונגען ווי

גרויס עס איז די השפעה פון דער מענטשלעכער נשמה — קודם, צו גרייכן זיין אייגענע גליקזעליקייט און, דערנאָך, צו ברענגען תיקון צו די אַלע וועלטן מיט וועלכע מענטש איז אומפאַרמיידלעך ענג געקניפּט און געבונדן. מענטש איז מענטש נאָר דערפאַר, וואָס ער פאַרמאָגט נשמה, און נשמה שטאַמט פון געטלעכן קוואַל. אין דעם פּרט אונטערשיידט זיך די קבלה פון דער תורה, ווו עס ווערט געזאָגט (בראשית ג׳-י״ט): „וואָרעם שטויב ביסטו און צו שטויב וועסטו זיך אומקערן״; אָדער פון קוהלת, וואָס זאָגט: „וואָרעם דער טראַף פון מענטשנקינדער איז דער טראַף פון דער בהמה״; און פון דער משנה (פּרקי אָבות), וואָס זאָגט: „ווייס פון וואַנען דו קומסט — פון אַ זינדיקן טראָפּן (טיפּה סרוחה), און וווהין דו גייסט — צו אַ פּלאַץ פון שטויב און ווערים.״ די קבלה באַנעמט מענטש אויף אַ ראַפינירטן, זיבערלעכן און פּאָעטישן שטייגער. מענטש איז אַ גייסטיקער וועזן, וואָס שטאַמט פון קדושה און קערט זיך צוריק צו קדושה. עס איז דאָ אַ נאָענטע קרובהשאַפט צווישן דער נשמה פון מענטש און געטלעכן וועזן. מענטש טאָר ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ וועזן פון בלוט, פלייש און ביינער און מער נישט. זיין גוף איז נאָר זיין דרויסנדיקייט, דער אויבערשטער מלבוש. דער עיקר איז די נשמה און זי איז קדושה.

די נשמה, לויט דער קבלה, איז אָנגעפילט מיט בענקשאַפט נאָך דעם מקור — געטלעכקייט. אָט דער געדאַנק האַלט אין איין איבערחזרן זיך אין זוהר. די שטעלן, ווו עס ווערט דערציילט ווי גרויס עס איז די בענקשאַפט פון דער נשמה נאָך די געטלעכע קוואַלן, זיינען זייער פּאָעטיש. אָט די בענקשאַפט ווערט אין אַ סך ערטער פאַרגליכן צו דער ליבשאַפט וואָס איז צווישן מאַן און פרוי און ס׳ווערט אויסגעדריקט אפילו אין געשלעכטלעכער, ליידנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע: ס׳איז ווי די פאַרבונג צווישן מאַן און פרוי. אָט דער מעטאַפאָר טאָר אָבער בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן ווי עראָטיק. פאַרקערט, עס טראָגט דעם אויסדרוק פון דער ראַפינירטער ליריק פון שיר השירים.

דער זוהר רעדט וועגן געשלעכטלעכקייט ווי די קאָסמישע פאַרייניקונג צווישן דער אויבערשטער וועלט מיט דער אונטערשטער. די דאָזיקע צוויי וועלטן זיינען געאייניקט, ווי ביי אַ זיווג, און די אונטערשטע וועלט, וואָס איז סימבאָליזירט ווי נקבה, בענקט אומגעוויינלעך און אָן אויפהער נאָך דער פאַרבונג מיט דער אויבערשטער וועלט און דורך איר באַפרוכפּערט צו ווערן.

* * *

קבלה רעדט אין אַ שטרענג סימבאָלישער שפּראַך וואָס מ׳דאַרף זיך אָנשטרענגען זי צו באַנעמען. מיר וועלן אָבער פּרוּוון אויפקלערן דעם ענין אַזוי פּאָפּולער ווי מעגלעך..

מענטשן פאַרמאָגן אַ גרויסע מאָס וויסן וועגן דער וועלט און איר באַשטאַנד און אויך וועגן זיך זעלבסט. ווי אַזוי האָבן זיי אַריינגעקראָגן אָט דעם וויסן? דער ענטפער איז: דורך דערפאַרונג און פאָרשונג. שטעלט זיך די פראַגע: זיינען מענטשן די איינציקע בעלי־חי אויף דער וועלט וואָס האָבן דערפאַרונג און די פעאיקייט צו פאָרשן? אַלע בעלי־חי האָבן דאָך דערפאַרונגען, פאַרוואָס קענען זיי ניט פאָרשן? און אויף דער ערד זיינען דאָך פאַראַן בעלי־חי, וואָס זייער מין האָט לענגער פון מענטש געלעבט אויף דער ערד, פאַרוואָס האָבן זיי ניט אויסקריסטאַליזירט פאַר זיך אָט דעם וויסן, וואָס מענטש פאַרמאָגט? דער ענטפער איז: זיי פאַרמאָגן ניט דעם טאַלאַנט, די פעיקייט מיט וואָס מענטש איז באַשאָנקען. מענטש אָבער האָט יאָ אויסקריסטאַליזירט זיינע דערפאַרונגען, ווייל ער האָט יאָ די נייטיקע פעיקייטן דאָס צו טאָן.

איז דאָס טאַקע אמת. אָבער, האָבן די מענטשן זעלבסט געשאַפן אין זיך די דאָזיקע נייטיקע פעיקייטן?

בשום אופן ניט, ענטפערט די קבלה. מיט די פעיקייטן זיינען מענטשן באַשאָנקען געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן געהאַט דעם פאַרשטאַנד צו אָפּגעבן זיך אַ דין וחשבון מכוח דעם וואָס עס זיינען די דאָזיקע פעיקייטן.

אָבער ווער האָט זיי באַשאָנקען מיט די דאָזיקע פעיקייטן? דער ענטפער איז:



ס י ב ה האָט זיי מיט דעם באַשאָנקען.

אָבער וואָס פאַר אַ ס י ב ה איז דאָס געוועזן?

דער ענטפער איז: דער עצם פון ק י ו ם.

און וואָס איז ק י ו ם ?

קיום, לויט דער קבלה, איז אַן אַבסטראַקט, ד״ה, אַ באַגריף־זאַך, וואָס מען באַנעמט עס מיטן ריינעם שכל, און ניט מיט די פיזישע חושים. קיום, אין זיין עצם, איז דער אויסדרוק פון געטלעכקייט דורך וואָס זי אַנטפּלעקט זיך צו מענטש.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן צו פאַרענטפערן די פראַגע, צי עס איז דאָ אָדער ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט. אונדז אינטערעסירט דאָ נאָר דער זעפּונקט פון דער קבלה, בכדי צו באַגרייפן וואָס די קבלה שטעלט מיט זיך פאָר.. און די קבלה קומט אַרויס מיטן טיפן גלויבן, אַז גאָט איז יאָ פאַראַן, אַז ער האָט באַשאַפן די וועלט און אויך דעם מענטש, און האָט אַריינגעגעבן אין מענטש די פעיקייט אַריינצוקריגן וויסן דורך זיינע מענטשלעכע דערפאַרונגען. דורך דעם וואָס גאָט האָט אין מענטש אַריינגעגעבן די דאָזיקע פעיקייטן, האָט ער אים אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע בעלי־חי. דעריבער איז מענטש פון זיין סאַמע באַשאַף אָן פון פאָרויס באַשטימט געוואָרן צו זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע בעלי־חי. דורך אַריינגעבן אין מענטש די באַשטימטע פעיקייטן, האָט גאָט אים געגעבן בכוח (אין פּאָטענץ) דעם גאַנצן וויסן, וואָס מענטש האָט דערגרייכט ביז איצט און וואָס ער וועט נאָך דערגרייכן אין דער צוקונפט, ביז דער ווייטערקייט פון צייט. פון דעם איז געדרונגען, אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן ב כ ו ח דעם פולן וויסן, וואָס ער, גאָט, זעלבסט פאַרמאָגט.

און וואָס שייך דעם עצם פון קבלה, דערקלערן די מקובלים, אַז ס׳איז ניט די שאַפונג פון מענטש, נאָר ס׳איז דער געהיימער וויסן וואָס גאָט האָט אַנטפּלעקט צו מענטש. קבלה איז אומענדלעך, ווי גאָט איז אומענדלעך, קען דאָך קיין אַנדערער, אַחוץ גאָט, ניט שאַפן אַזאַ זאַך.

און די קבלה האָט גאָט איבערגעגעבן ב כ ו ח צום ערשטן מענטש, צו אָדמען. היות אָבער די קבלה איז אַ האַרבער ענין, און ניט יעדער מענטש איז מסוגל זי צו באַנעמען, האָט זי דעריבער געדאַרפט איבערגיין פון דור צו דור, ניט צו אַלע מענטשן, נאָר צו יחידי סגולה — פון אָדמען ביז צו משהן, צו די זקנים, די נביאים, די מקובלים, וואָס דער עלצטער פון די לעצטע איז געוועזן רבי שמעון בן יוחאי.

בון, אָדם הראשון איז דאָך דער סימבאָל פון גאַנצן מענטשלעכן מין, מחמת ער איז דאָך דער פאָטער פון אַ ל ע פעלקער, און ניט נאָר פון דעם יידישן פאָלק. דערפאַר איז ריכטיק צו זאָגן, אַז גאָט האָט דורך אים איבערגעגעבן דעם וויסן צו דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. ווען גאָט האָט באַשאַפן אָדמען, דאָס הייסט, דעם מענטשלעכן מין, האָט ער אים באַשאָנקען מיט די פעיקייטן צו קריגן וויסן און פאַרשטענדעניש מכוח גאָט, דעם באַשאַף, דעם סדר און דעם ענדגילטיקן גורל פון קיום, און די דערקענטעניש פון דער אייגנשאַפט און דער פאָרויסבאַשטימטקייט פון מענטש. אין אַנדערע ווערטער: ער האָט איבערגעגעבן צו דעם מענטשלעכן מין די קבלה בכוח.

פון דעם איז געדרונגען, אַז ניט יידן אַליין, נאָר דער אַלמענטשלעכער זינען איז געוועזן דער דאָזיקער, וואָס האָט די קבלה קריסטאַליזירט. די קבלה איז דער וויסן פון אַלע מיסטישע וויסנס, דער געדאַנק פון אַלע געדאַנקען פון מענטש, וואָס וויל דערגרונטעווען זיך צום סוד פון קיום. קבלה איז טאַקע ריין יידישלעך, אָבער זי איז כולל ווו נאָר ביי מענטשן האָט זיך אַנטוויקלט פרוכטיקער געדאַנק וואָס באַציט זיך צו די סודות פון ז יי ן און נ י ט ־ ז יי ן, וו ע ר ן און נ י ט ־ וו ע ר ן. אין אַלע צייטן, אומעטום, ווען נאָר און ווו נאָר דאָס ליכט פון ריינעם פאַרשטאַנד האָט באַלויכטן מענטשלעכן באַוווסטזיין, האָבן מענטשן זיך פאַרטראַכט מכוח געטלעכקייט, קיום און מענטש און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט מעטאַפיזישע שיטות. און אָט־די שיטות, ווו נאָר חכמה איז אין זיי פאַרהוילן, זיי־

נען דער אורקוואַל פון קבלה. עס איז ניט געווען אַ טעאָלאָגישער גלויבן, ווי פרימיטיוו און אומבאַהאָלפן ער איז ניט געווען, וואָס האָט ניט געגעבן זיין צושטייער פאַר דער אַנטוויקלונג פון קבלה.

מענטש האָט אַלע מאָל געזוכט גאָט; ער האָט שוין דענסטמאָל געזוכט גאָט ווען ער איז נאָך געווען אין זיין פרימיטיוון מצב: אין דעם עצם פון ז ו כ ן איז קבלה פאַרהוילן — אפילו ווען דאָס זוכן האָט געפירט אויף פאַלשע וועגן און ניט צו דער דערקענטעניש פון דעם אַנטוויקלטן באַגריף פון גאָט. דערפון איז געדרונגען, אַז אַלע טעאָלאָגיעס, ניט באַטראַכט ווי אורטימלעך; אַלע מעטאַפיזישע פילאָסאָפיעס, ניט באַטראַכט ווי פרימיטיוו; אַלע וויסנשאַפטן, ניט באַטראַכט ווי פאַלש — זיי אַלע זיינען מדרגות אין דער אַנטוויקלונג פון קבלה און זיי אַלע האָבן צוגעגעבן זייער שטייער אויפצושטעלן די שיטה פון קבלה.

די קבלה איז די עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן געדאַנק — פון דער גייסטיקער פראָטאָפלאַזמע און ביז איצט, אַזוי ווי פיזיש איז דער מענטש די עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג פון זיין ביאָלאָגישער פראָטאָפלאַזמע ביז זיין איצטיקן מצב.

דערביי איז ווידער פאַסיק צו פירן אַן אַנאַלאָגיע צווישן איינשטיין און דער שיטה, וואָס איז אַנטוויקלט אין דער קבלה. איינשטיין האָט מיט דער הילף פון מאַטעמאַטישע פאָרמולעס אויפגעקלערט זיין אַזוי גערופענע „אויסגעשפרייטע פעלד־טעאָריע", דורך וואָס ער האָט אויסגעדריקט זיין גלויבן, אַז אַן איין איינציקער קאָסמישער געזעץ באַהערשט די גאַנצע וועלט: צייט, שטח, מאַטעריע, באַוועגונג און ענערגיע. אָבער אפילו זיין אומגעוויינלעכע געניאַליטעט האָט ווייטער פון דער פיזישער וועלט ניט געקענט גרייכן. א י ם , דעם געזעצגעבער פון דעם איינהייטלעכן געזעץ פון דעם קאָסמאָס, האָט איינשטיין ניט דערקענט. ער האָט נאָר געקענט מאַכן די הנחה, אַז דער וואָס האָט יאָ דערקענט דעם געזעצגעבער, איז געווען שפינאָזע.

נון, צו וואָס איינשטיין האָט זיך ניט דערטראַכט, האָט די קבלה זיך יאָ דערטראַכט. און, ווי איינשטיין, האָט די קבלה אויך גענוצט אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע. אָבער די מאַטעמאַטישע פאָרמולע פון דער קבלה איז כולל אַלץ וואָס איינשטיין האָט אויפגעוויזן און אויך דאָס צו וואָס ער איז ניט צוגעקומען. די איינהייטלעכקייט פון דער געזעצגעבונג פון דער וועלט מיט דעם געזעצגעבער. די פאָרמולע פון דער קבלה באַשטייט, ווי פריער דערמאָנט, פון פיר אותיות: יוד, הא, וואָו, הא, וואָס סימבאָליזירט דעם געזעצגעבער איינעם מיט זיין געזעצגעבונג און זיינען כולל אומענדלעכן קיום אין זיינע אומענדלעכע געשטאַלטונגען, אַריינגערעכנט מעשי בראשית, אָרדענונג און באַשערט, און דעם וועזן און גורל פון מענטש.

זאָל אָבער דערביי קלאָר פאַרשטאַנען ווערן, אַז די דערמאָנטע פיר אותיות פון דער קבלה פאָרמולע זיינען ניט דער אויסלייג פון גאָטס נאָמען, ווי אַ סך דענקען. זיי זיינען נאָר אַ פאָרמולע דורך וואָס עס ווערט פאַרשטאַנען אומענדלעכער קיום אין זיינע אומענדלעכע געשטאַלטונגען. לויט דער קבלה קאָן גאָט ניט דעפינירט ווערן דורך אַ נאָמען, אַ פאָרמולע, אָדער וואָס עס איז אַנדערש. דעפיניציע איז דאָך מחייב באַגרענעצונג און גאָט איז אומבאַגרענעצט. מ'טאָר אפילו ניט מאַכן אַ פאַרזוך צו דעפינירן גאָט. די קבלה רופט אָן גאָט דורך סימבאָלן, ווי: אין־סוף, דער עלצטער אין יאָרן (עתיק יומין) אאַ"וו.

אין תוכן איז די קבלה געבונדן מיט דער תורה. אָבער די תורה, ווערט געזאָגט אין זוהר, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אויף צוויי באַזונדערע אופנים: די פשטות פון דער תורה, וואָס אַלע קענען זי פאַרשטיין, און די נשמה פון דער תורה, וואָס נאָר מקובלים דרינגען אין איר אַריין. אין זוהר איז וועגן דעם אַזוי פאַרשריבן:

„רבי שמעון בן יוחאי האָט אַזוי געזאָגט: וויי איז צום מענטשן, וואָס זאָגט, אַז די תורה איז געקומען צו דערציילן אונדז נאָר פשוטע מעשיות און צו באַווייזן געוויינלעכע זאַכן; וואָרעם, ווען ס'וואָלט אַזוי געווען, וואָלטן מיר אויך



היינט געקענט פאַרפאַסן אַ תורה פון פשוטע זאַכן, וואָס וואָלט אפילו געווען אַ סך בעסער פון דעם (דער תורה). אויב נאָר צו באַווייזן פשוטע זאַכן, זיינען פאַראַן צווישן די איצטיקע שרייבערס אַזוינע וואָס קאָנען עס בעסער טאָן. אויב אַזוי, לאָמיר זיי נאָכפאָלגן און שאַפן אַ תורה פון אַזאַ שטייגער. אָבער ס'איז ניט אַזוי. די ווערטער פון דער תורה זיינען דערהייבענע ווערטער, רמזים אויף אויסערגעוויינלעכע סודות. קום און זע: די דערהייבענע וועלט און די נידעריקע וועלט זיינען געוויגן אויף דער זעלביקער וואָגשאָל. ישראל זיינען אונטן און די מלאָכים זיינען אויבן. און די מלאָכים, ווען זיי קומען אַרונטער אויף דער אונטערשטער וועלט, טוען זיי זיך אָן אין די קליידער פון דער אונטערשטער וועלט. מחמת ווען זיי וואָלטן עס ניט געטאָן, וואָלטן זיי דאָ קיין קיום ניט געקענט האָבן. און אויב די מלאכים זיינען אַזוי, אַ פשיטא שוין אַז די תורה איז אַזוי, וואָס דורך איר זיינען באַשאַפן געוואָרן סיי די מלאכים און סיי די גאַנצע וועלט, און וואָס אַלץ האָט אַ קיום נאָר אין איר זכות. ווען די תורה איז אַרונטערגעקומען אויף ד ע ר וועלט, האָט זי זיך געמוזט אָנטאָן אין די קליידער פון ד ע ר וועלט, וואָרעם ווען ניט, וואָלט די וועלט זי ניט געקענט פאַרטראָגן. די געשיכטעס פון דער תורה זיינען איר לבוש. וויי איז צו דעם, וואָס באַטראַכט אָט דעם מלבוש פאַר דער ווירקלעכער תורה. ער וועט קיין עולם הבא ניט האָבן. דעריבער האָט דוד געזאָגט: 'אַנטפלעק מיינע אויגן און איך וועל זען די ווונדער פון תורה', דאָס הייסט, וואָס איז פאַרהוילן אונטער דעם צודעק פון דער תורה. קום און זע: פאַראַן אַ צודעק, וואָס אַלע זען, פאַראַן נאַראָנים, וואָס זען מער ניט ווי דעם אויבערשטן מלבוש און ווייטער קוקן זיי זיך ניט איין. אָבער וויכטיקער פון דעם מלבוש איז דער גוף, און וויכטיקער פונעם גוף איז די נשמה. אַזוי איז אויך די תורה, וואָס זי האָט אַ גוף, און זיי זיינען די מצוות פון דער תורה, און אָט דער גוף איז אָנגעטאָן אין אַ מלבוש — די געשיכטעס וואָס זיינען דאָרט פאַרשריבן. די וואָס פאַרשטייען בעסער קוקן ניט אויף די קליידער, נאָר קוקן אויפן גוף, וואָס איז אונטער די קליידער. און די חכמים, די וואָס דינען דעם דערהייבענעם קעניג, די וואָס שטייען ביי דער הויך פון באַרג סיני, קוקן נאָך טיפער — אין דער נשמה, וואָס זי איז דער עיקר פון אַלץ, דער עיקר פון דער תורה; מיט דער צייט וועלן זיי זוכה זיין אַריינצובליקן נאָך טיפער — אין דער נשמה פון דער תורה."

אָט דער געדאַנק פון רבי שמעון, אַז דער עיקר פון דער תורה איז איר פאַרהוילענער סימבאָל און אַז די סיפורי המעשה דאָרט זיינען טפל, ווערט נאָך שאַרפער אויסגעשפראָכן אויף אַן אַנדער אָרט אין זוהר פון רבי אלעזר, וועלכער באַהאַנדלט דעם זעלביקן ענין און זאָגט צווישן אַנדערן:

„קום און זע: אַ מענטשלעכער קעניג וועט ניט ריידן קיין גראָבע רייד און געוויס וועט ער אַזוינע רייד ניט פאַרשרייבן. איז ווען דיר קען איינפאַלן דער געדאַנק, אַז גאָט האָט ניט געהאַט קיין הייליקע ענינים וואָס צו פאַרשרייבן און פון וואָס צו שאַפן אַ תורה, און דערפאַר האָט ער צונויפגעזאַמלט אַלערליי גראָביונגישע זאַכן, ווי די רייד פון עשו, פון הגר, וואָס לבן האָט געזאָגט צו יעקבן, די רייד פון דעם אייזל, בלעם, בלק, זמרי, — אַז גאָט האָט צונויפגעזאַמלט די דאָזיקע רייד איינעם מיט די אַנדערע דערציילונגען און דערפון פאַרפאַסט אַ תורה, — אויב דיר קען איינפאַלן אַזאַ געדאַנק, מוזטו דאָך פרעגן, פאַרוואָס רופט זי זיך די תורה פון אמת?" און אויך רבי אלעזר קומט צו דער זעלביקער מסקנה, אַז אונטערן מלבוש פון דער תורה דאַרף מען זוכן דעם סימבאָל, די נשמה פון דער תורה.

וואָס איז די נשמה פון דער תורה? דאָס, לערנט די קבלה, איז דער טיפזין וואָס אַנטשיידט די סיבה פון אַלע סיבות, קלערט אויף די מעשי־בראשית, דעם סדר פון קיום און די אייגנשאַפט און גורל פון מענטש. אָט די אַלע סודות ווערן געטייטשט, פאַרטייטשט און אויסגעטייטשט דורך אַלערליי רמזים וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין יעדן זאַץ, אין יעדן וואָרט,

אפילו אין יעדן אות פון דער תורה.

וואָס איז פאַרשריבן אין דער תורה?

לאָמיר דורכקוקן די תורה פון אָנהייב אָן. פון אָנהייב קומט דאָרט אַ שכלדיקע באַשרייבונג ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ווי ס'איז אויפגעקומען דער מענטש, ווי דער מענטש האָט זיך פאַרשפרייט איבער דער ערד, ווי ס'איז אויפגעקומען דאָס יידישע פאָלק אא"וו. אָבער די דאָזיקע דערציילונגען זיינען, לויט דער קבלה, נאָר דער אויבערשטער מלבוש פון דער תורה. שפּעטער קומען די מצוות, חוקים ומשפטים פון דער תורה. נו, דאָס אַלץ קאָן מען לערנען און ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, ווייל ס'ווערט איבערגעגעבן אין אַ פשוטער שפּראַך. אָבער, זאָגן די בעלי קבלה, מ'טאָר ניט אָננעמען די תורה אין איר פשטות, אַזוי ווי זי ווערט איבערגעגעבן אין איר געוויינלעכן פאַרשטענדלעכן לשון. מ'איז מחויב צו דערגרונטעווען זיך צו דעם עצם פון דער תורה, צו איר נשמה, און זי, די נשמה, רעדט ניט אין אַ געוויינלעכער שפּראַך. יעדער אות — אפילו דער אויסזען פון יעדן אות באַזונדער, יעדער וואָרט, יעדער זאַץ פון דער תורה האָט אַ באַזונדערן באַטייט, איז אַ רמז אויף עפּעס, אַ טיפער פאַרהוילענער געדאַנק.

דהיינו: די תורה הייבט זיך אָן מיטן וואָרט בראשית. בראשית מיינט אין אָנהייב. דאָס וואָרט באַשטייט פון זעקס אותיות: ב ר א ש י ת. אויבנאויפיק איז ניט קיין חידוש, פאַרוואָס די תורה הייבט זיך אָן מיט אָט דעם וואָרט, און פאַרוואָס דער ערשטער אות פון אָט דעם ערשטן וואָרט איז אַ ב', וואָס ער איז ניט דער ערשטער נאָר דער צווייטער אות פונעם אלף־בית. ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז די תורה דאַרף זיך אָנהייבן מיט אַ וואָרט וואָס באַטייט א י ן אָ נ ה יי ב, און דאָס איז בראשית. אָבער די קבלה באַטראַכט עס גאַנץ אַנדערש.

קודם ווערט עס דאָרט באַטראַכט לויט מאַטעמאַטישע סימבאָלן און ס'ווערט אין דעם אַריינגעטייטשט אַ באַשטימטע פאָרמולע: יעדער אות שטעלט מיט זיך פאָר אַ געוויסע צאָל: ב־2, ר־200, א־1, ש־300, י־10, ת־400. דערנאָך ווערט דאָרט צוגעגעבן אַ באַטייט אין דעם באַזונדערן אויסזען פון יעדערן באַזונדערן אות און דעם סדר ווי די אותיות קומען אַריין אין אלף־בית. ווייטער ווערט דאָרט באַטראַכט דער ענין, פאַרוואָס די תורה הייבט זיך אָן מיטן צווייטן אות פון א"ב און ניט מיטן ערשטן. אויב א י ן אָ נ ה יי ב, דאָס הייסט דער אָנהייב פון דער וועלט, דאַרף עס דאָך על פי שכל אָנהייבן זיך מיטן אָנהייב פונעם אלף־בית.

און אָט ווי אַזוי דאָס ווערט פאַרענטפערט: דער ערשטער אות פון בראשית איז ב'. ב' איז צוויי. דערפון ווערט געדרונגען אין דער קבלה, אַז 2000 יאָר איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער מחבר געווען די תורה. די תורה איז געווען דער סדר, דער פּלאַן לויט וועלכן גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. די תורה האָט גאָט געשאַפן אין לשון קודש. די אותיות פונעם לשון קודשדיקן א"ב האָט גאָט געהאַט אין זינען אייביקייט.

ווען גאָט האָט פאַרטראַכט מחבר צו זיין די תורה, זיינען פאַר אים דערשינען אַלע אותיות פונעם א"ב און יעדער באַזונדער אות האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז מיט אים זאָל זיך אָנהייבן די תורה. יעדער איינער איז אַרויסגעקומען מיט זיינע באַזונדערע טענות פאַרוואָס ער באַדאַרף זוכה זיין צו אַזאַ כבוד. גאָט האָט זיי אַלעמען אויסגעהערט און איז געקומען צו דער דעה אָנצוהייבן די תורה מיטן ב'. פאַרוואָס? ווייל מיט ב' הייבט זיך אָן דאָס וואָרט ברכה, וואָס איז דער סימבאָל פון גליק. גאָט האָט געזאָגט צו די אותיות: איר אַלע קענט באַגריפן ווערן נאָר און בלויז אין אָט דעם אות, און איך וועל באַשאַפן די וועלט בכדי צו ברענגען גליק צו זיין קיום.

נו, דאָס איז אויך אַ סימבאָל. לאָמיר באַטראַכטן דעם סימבאָל וואָס די קבלה האָט דערביי בדעה אַרויסצוברענגען.

ווען מיר באַטראַכטן טואונגען און שטרעבונגען, באַגרייפן מיר, אַז אַלע אונדזערע באַוווסטזיניקע טעטיקייטן און אַמביציעס האָבן אַ באַשטימטע פּניה. אָבער אַלע פּניות, וואָס מיר צייכענען זיך אָן אין לעבן, ציען זייער מקור פון איין ענד־




גילטיקער גלוסטונג: צו גרייכן אַ מצב פון ג ל י ק. גליק איז דער ציל צו וואָס עס שטרעבט יעדער ראַציאָנעלע מענטשלעכע טעטיקייט.

אַזוי אויך מיט אַנדערע בעלי־חי. אויך זיי שטרעבן צו גליק, ניט געאַכט וואָס זיי פעלט דער חוש פון באַוואוסטזיין. זיי שטרעבן צו דעם דורך זייערע אַנטוויקלטע אינסטינקטן.

אַזוי אויך דער גאַנצער קיום. אַלץ שטרעבט צו גרייכן אַ מצב פון גליק. ביי מענטש איז עס אויסדריקלעך, ביי אַנדערע בעלי־חי — אינסטינקטיוו, און עס געפינט זיך אויך אינעם מקור פונעם כלל באַשאַף, הגם בלינד און אָן אויסדרוק — פונעם קאָליר־עשירות און ווילגערוכן פון אַ פלאַנץ ביז די אַלע וווּנדערלעכע אַנטפּלעקונגען פון עולם ומלואו.

אָט דער אוניווערסאַלער ציל פון קיום — ברכה, וואָס הייבט זיך אָן מיטן ב' פון בראשית, איז די סיבה פון אַלע סיבות פון דער כוונה וואָס גאָט האָט געהאַט צו שאַפן די וועלט.

נו, יעדער באַזונדערער אות פונעם א"ב סימבאָליזירט דורך זיך אַ געוויסע צידקות אָדער שלמות, ווי — גערעכטיקייט, יושר, רחמים, ליבע, אא"וו, און יעדער באַזונדערער אות האָט אָנגעגעבן זיינע אייגנאַרטיקע טעמים פאַרוואָס די תורה זאָל זיך אָנהייבן מיט אים. אָבער גאָט האָט געזאָגט: אַלע אייערע מעלות קענען האָבן אַ קיום נאָר אין גליק; אייערע מעלות זיינען נאָר די מיטלען דורך וועלכע גליק קען געגרייכט ווערן. פאַר זיך אַליין, אָן גליק, האָבן אייערע מעלות קיין באַטרעף ניט. און דערפאַר האָט גאָט אָנגעהויבן די תורה מיטן בית, וואָס איז די פאָרמולע פאַר ברכה, גליק.

און ווייטער דרשנט די קבלה: אָט דאָס וואָס ב' באַטרעפט די צאָל 2, סימבאָליזירט עס מיט זיך די טאָפּלקייט פון דעם באַשטאַנד פון דער וועלט: אין פילאָסאָפיע ווערט עס אויסגעדריקט דורך דעם באַגריף טעזיס און אַנטיטעזיס; אין פיזיק — דורך די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע באַשטאַנדטיילן פון מאַטעריע וואָס האַלט אין זיך ענערגיע; די קבלה נעמט אָן די צוויי פאַרהעלטנישן ווי די פענאָמענאַלע (גשמיותדיקע) און טראַנסצעדענטאַלע (רוחניותדיקע) שייכותן פון קיום, וואָס אין דעם זיינען אַריינגערעכנט אַזעלכע שייכותדיקייטן ווי מאַנלעכקייט און ווייבלעכקייט, פּאָטערלעכקייט און מוטערלעכקייט, שכל און אינטואיציע, וכדומה.

און ווייטער גייט זיך אָן די קבלה מיט איר לאָגיק: זאָל פון וואָרט בראשית אַרונטערגענומען ווערן דער בית — וואָס בלייבט? ראשית — אָנהייב. וואָס איז געווען דער אָנהייב? דער אָנהייב איז געווען העכסטער וויסן. גאָט איז געווען העכסטער וויסן איידער ער האָט זיך אַליין איינגעטיילט אין י־ה און ו־ה — מאַנלעכקייט און ווייבלעכקייט, בכדי צו שאַפן די וועלט אין אירע היפּוכדיקע טעזיסן וואָס סינטעזירן זיך אין הערלעכקייט. און נאָך: אינעם וואָרט בראשית זיינען דאָ צוויי אותיות, ש' און ת'. באַהעפט אין איינעם, קומט אַרויס דאָס וואָרט שת — זעקס. דרינגט דערפון די קבלה, אַז דורך דעם ווערט געמיינט, אַז גאָט האָט האָט אַרויסגעבראַכט זיין באַשאַף דורך זעקס פון די צען ספירות; און באַשאַפן האָט גאָט די וועלט אין זעקס טעג; אַז געגעבן האָט ער דער וועלט זעקס ריכטונגען: מזרח, מערב, דרום, צפון, אויבן, אונטן. און דער לעצטער אות פון בראשית, ת', איז אויך דער לעצטער אות פון אמת, איז דאָס מחייב, אַז אמת איז דער ענדציל פון מעשי בראשית.

* * *

דאָס וואָס איז דאָ דערציילט געוואָרן איז נאָר אַ שוואַכער אָנדייט, ניט מער ווי אַן אָנווונק, אַ רמז, ווי די קבלה באַטראַכט די תורה. דאָ איז אָנגעצייכנט געוואָרן נאָר דאָס איינציקע וואָרט, בראשית, אָבער אויף אַן ענלעכן שטייגער באַהאַנדלט די קבלה די גאַנצע תורה.

דער עיקר געדאַנק פון וואָס די קבלה ציט איר התלהבות און דבקות, איז די טיפע אמונה אין דער אחדות פון גאָט און זיין באַשאַף און די גייסטיקע שייכותדיקייט פון מענטש צו געטלעכקייט.

וואָס איז גאָט? שפּינאָזע האָט דערקלערט גאָט ווי די סיבה פון זיך זעלבסט; אַנדערע פילאָסאָפישע שיטות דערקלערן גאָט ווי די ערשטע סיבה. די קבלה איז

אין איר השגה כולל די דאָזיקע באַגריפן
און זי באַטראַכט גאָט, אַחוץ דעם, ווי
די סיבה פון אַלע סיבות און דער יסוד

פון אַלע יסודות — הן פון זיך זעלבסט
און הן פון אַלע סיבות, פון דער ערשטער
און ביז דער לעצטער: **א ח ד !**

▼▼▼

**מ. חסיד** / מאָנטרעאַל. קאנאדע

## בעקבתא דמשיחא *)

ניט אין קאָסעוו, ניט אין קיטעוו, אין מיין סוקעראָנער היים
טרויערט איבער מיר, אָן אויפהער, דער געטלעכער בעל־שם.
טאָרעט אים גאָר מילד, אַלעקסי: „צייט אין וועג זיך לאָזן.
פון די דורות, פון די חורבות קענסט דעם גלות דען אויסבלאָזן?”
נאָר פאַרדומעט זיצט דער רבי, קוקט אין קרעניצע אַריין:
„וואָס איז דען אין וועג פאַראַנען וואָס איז ניט אויך דאָ פאַראַן?
זעסט, אַלעקסי, אויף מיין דלאָניע, ווי עס לעבט נאָך יעדער ישוב ?
אויב ער איז נאָר טיף אין האַרצן — איז קיין חשש ניטאָ פאַר כישוף.
נעם־זשע, סערדצע, שפּאַן דעם וואָגן, מאַך הקפות רונד דעם ברונעם.”
נעמט די וועלט זיך נאָך און פאָרט מיט — פאָרט מען פנים, שוין, אל פנים.
נאָר דער צלם, וואָס פאַרשעמט זיך, בייגט דעם קאָפּ אויס אין אַ זייט,
סיי ווי סיי צום רבין, להבדיל, איז פון אים אַ מהלך ווייט.
פאַלן שטיקער פון גן־עדן אין דעם גיהנום אַריין קרום.
„גאָט, ביסט אַלץ מיט סדום פאַרנומען? בעט ביי דיר זיך נאָך אַברהם ?
אויב דו ווילסט אַ וועלט, גאָט, האָבן, ניט קיין טומאה, שטן־שוואַרץ,
שעפּ אַרויס זי פונעם אין־סוף, טוליע זי צו דיין האַרץ,
אויב דו ווילסט די ערד ווי בראשית טלית־תכלת אָנגעטאָן,
וואָס־זשע רינט דאָס בלוט ישראלס, כביכול, פון דיין צאָן?
אוי, רחמנא ליבא בעי, גאָט פון הימל, קוק און זע :
דאָס אַלטע האַרץ איז מיר צעבראָכן, ס׳אַלטע האַרץ טוט דאָך נאָך ווײ —
איז פאַר מיר, פאַר מיר, אָב רחמן, וואָס דו קענסט מיך פון דער היים,
טו מיר, מרדכין, היינט פאַרריכטן, כ׳זאָל אים צ׳ריק זיין דער בעל־שם.

דו, אַלעקסי, האָסט מסתמא אַלץ מיט אַלעם ניט געהערט,
סאַראַ נאַכט, אויף דיר כ׳פאַרלאָז מיך — ווערסט שוין לאָזן פריי די פערד.”

האָבן פערד קעפּ איינגעבויגן און אַריין אין דער הליכה —
ביז דערשנאַפּט די קלאָרע סלידעס, שפּורן בלוט בעקבתא־דמשיחא.

---

*) פונעם בוך „דורות שרייען מיך אַריבער,” פאַרלאַג „פחד קראני ורעדה,” מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, 1969.



# שרייבערס און ביכער

**אברהם באַראַבאַן** / חולון, ישראל

## ר׳ זלמן שזר — נשיא וסופר

„זלמן שזר — נשיא וסופר,” זאַמלבוך (אין עברית און יידיש) לכבוד דעם מדינה־פּרעזידענט צו זיין ווערן אַ בן שמונים. רעדאַקטאָר — אַברהם ליס; אַרויסגעגעבן דורכן י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב, תש״ל - 1969 (267 זייטן).

איין און פערציק אַרטיקלען — עסייען, לידער און זכרונות, פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן ביי יידן, וועלכע האָבן געשריבן וועגן דעם נשיא, ר׳ זלמן שז״ר, האָט אַברהם ליס צונויפגעזאַמלט און אָפּגעדרוקט אין אַ בוך (אַרויסגעגעבן דורכן י.ל. פּרץ פאַרלאַג אין תל־אביב) לכבוד דעם 80טן געבוירנטאָג פון דאָזיקן גרויסן ייד, איינעם פון די גייסטרייכסטע אין אונדזערע דורות.

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז באַשיידן באָטיטלט: „זלמן שז״ר — נשיא וסופר,” וואָלט אייגנטלעך געקענט הייסן „שבחי ר׳ זלמן” (פּאַראַפראַזירט פון „שבחי הבעש״ט) און ס׳וואָלט בכלל נישט געווען איבערגעטריבן און ס׳וואָלט נישט שאָקירט. ווארים אַ נישט געוויינלעכע, אַ נישט וואָכעדיק־פּראָזאַישע געשטאַלט אין יידישן לעבן שטעלט מיט זיך פאָר ר׳ זלמן שז״ר. ער איז איינער פון די בחירי־האומה וואָס האָט באַשיינט און באַגייסטערט אַלע זיינע מעשים — פון סאַמע זיין קינדהייט אָן ביז זיצן אויף דער העכסטער פּאָזיציע פון יידישן פאָלק היינט צו טאָג — אַלס דריטער נשיא — פּרעזידענט פון דער אויסגעחלומטער און אויפגעלעבטער יידישער מדינה.

שטורמיש התלהבותדיק האָט זלמן שזר פאַרנומען פון זיינע ייִנגסטע יאָרן אין שטויבץ, די משיח־לעכצונגען פון יידישן פאָלק, וואָס האָט געשמאַכט אונטער דער לאַסט פון גויישער שנאה, דיסקרימינאַציע און פּאָגראָמען. אָן קאַלטער אויסרעכענונג, אָן אייגננוץ און אָן פּחד, האָט ער זיך פאַרקנסט צום רעאַליזירן צוויי עיקרדיקע אויפגאַבן: ציון און יושר — ציוניזם און סאָציאַליזם, און געבליבן זיי געטריי אַ לעבן לאַנג. ער האָט די דאָזיקע אויפגאַבן אָפּגעגעבן דאָס בעסטע פון זיך — זיין צייט, זיין ענערגיע, זיינע אָראַטאָרישע און שרייבערישע טאַלאַנטן. ער האָט מיט פולער באַוווסטזיניקייט מוותר געווען אויף אַ גרויסן טייל פון זיין קאַריערע אַלס וויסנשאַפטלער־היסטאָריקער, וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען מיט זייער גרויסן דערפאָלג, מיטן פאַרעפנטלעכן אינעם זשורנאַל „השלוח”, אין יאָר 1913, אַ פאָרש־אַרבעט וועגן דער שבתי צבי באַוועגונג א. נ. „סופרו של משיח,” מיט אַ נייעם צוגאַנג, מיט אַ נייער אויפפאַסונג, וואָס איז ביז היינט אַ רעוואָלאַציע.

* * *

דאָס וואָס אונדז קען, צווישן פיל אַנדערן, אימפּאָנירן אין דער שזר געשטאַלט איז — וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געזינדיקט מיט משכילישן אַנטי־יידישיזם; וואָס נישט בלויז ער האָט זיך נישט אָפּגעזונדערט פון די מאַסן, נאָר געשריבן און געשאַפן אינעם פאָלקס־לשון; וואָס ער האָט פאַרשטאַנען דעם פאָלקס־אמת — און געווען מיט אים. דעריבער איז זיין ציוניזם נישט געווען כנעניישער שלילת הגלות, נאָר שטרעבונג צו גאולה, די זאָרג פאַר אַ יידישער פאָלקס־היים, אין וועלכער אַלדאָס ווערטפולע, אַלדאָס גייסטיק־דערהויבענע, אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן, אומעטום און אין אַלע צייטן, זאָל זיך צונויפגיסן אין איין קולטור — אַ

יידיש־פֿאָלקישע. זיין איבערזעצן די לי־
דער פֿון דער גרויסער פּאָעטין רחל, פֿון
עברית אויף יידיש, איז געווען ווייניקער
ליטעראַרישע אַמביציע, און מער, לויט
מיר, ציל — צו געבן די מעגלעכקייט די,
וועלכע קענען נישט עברית,, זיי זאָלן
דערקענען דעם טיפֿן פּאָעטיש־נאַציאָנאַלן
תוכן פֿון רחלס לידער און דערמיט שטאַרקן
זייערע גאולה־שטרעבונגען און יושר־
געפֿילן. אין דער אַרבעט „די וואָרצלען
פֿון תורה ועבודה", זאָגט דער באַקאַנטער
שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש, וועגן שזרס
בוך „כוכבי בוקר" (יידיש — מרדכי
שטריגלער, „שטערן פֿאַרטאָג"):

„אין דעם זין איז שזר דער ווייטער־
דיקער פֿאָרויס גייער פֿון די אַלטע
בכבודיקע שרייבער אין דער העברעי־
שער ליטעראַטור, וואָס האָבן דעם באַ־
גריף „גלות" נישט אָנגעפּאַקט ווי אַ
פֿינצטערן זאַק מיט אַלדאָס שלעכטס און
אומווירדיקס, וואָס איז נאָר ווען עס איז
געווען אין אונדזער לעבן. און ס'איז
צו גלויבן, אַז אויב אין דער נייער העב־
רעישער ליטעראַטור הייבן זיך אָן הערן
אָנגענעמערע טענער וועגן די יידישע
ווערטן, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן אין
גלות, איז דאָס אויף געוויס דער פֿאַר־
דינסט פֿון שזרן.

איז טאַקע זייער גוט וואָס שזרס בוך
איז דערשינען אויף יידיש און במילא
וועלן יידיש־לייענער זיך קענען איבער־
צייגן, אַז נישט אַלע אין ישראל אָטעמען
מיט דער לופֿט פֿון „שלילת הגלות", און
זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז דווקא
אַזעלכע ווי שזר, וואָס זייער פּאָזיציע
וועט קיינער נישט אָפּפֿרעגן, האָבן אין
זיך אויפֿגעהיט אַ טיפֿע ליבשאַפֿט צו
דער אַלטער היים און צו איר פֿול יידיש
לעבן, וואָס שזר רעסטאַווירט פֿאַר
אונדז אין זיין בוך „שטערן פֿאַרטאָג"
מיט דער וואַרעמער באַציונג פֿון אַ יו־
ווועלירער, וואָס ווייסט אַז פּונקט אַזוי
פֿיל ווערט, וויפֿל ס'האָט דאָס גאָלד
אין דער אַלטער בראָש האָט אויך דער
פּאַטין פֿון גרינלעכער אַלטקייט, וואָס
גיט דער גאָלדבראָש די חשיבות פֿון
דורותדיקער ירושה."

אַ זייער כאַראַקטעריסטישע און געלונ־
גענע פֿאָרמולירונג וועגן דער שזר גע־
שטאַלט גיט דער דיכטער־פֿילאָזאָף — סיי
אין יידיש און סיי אין עברית — דער זון
פֿון גרויסן דענקער און שרייבער־קדוש,
הלל צייטלין הי"ד, אהרן צייטלין, אין
זיין אַרבעט א"נ „זלמן שזר — צו זיין
ווערן אַ בן־שבעים" (מיט צען יאָר צוריק):

„ווער ס'איז זלמן שזר ווייסן אין פֿלוג
אַלע. ס'איז אַ גרויסער נאָמען אין דער
יידישער וועלט. זלמן שזר (פֿריער רו־
באַשאָוו) איז אַ פֿאַרדינסטפֿולער מנהיג
פֿון אַרבעטער ציוניזם און צוגלייך אַ
כלל־ישראל פֿיגור. ער איז אַ פֿילזייטי־
קער שריפֿטשטעלער, אַן עסייסט, אַ
היסטאָריקער, אַ פֿאָרשער פֿון די משיחי־
שע באַוועגונגען ביי יידן, איז געווען
ישראלס ערשטער בילדונגס מיניסטער,
און יאָרן־לאַנג געווען שעף־רעדאַקטאָר
פֿון אַזאַ גרויסער ארץ־ישראלדיקער
צייטונג ווי ד ב ר, שטייט בראָש פֿון
דער יידישער אַגענטור אין ירושלים...
דאָס האָט ער פֿאָרמולירט דעם נוסח פֿון
דער היסטאָרישער זעלבסטשטענדיקייט
דעקלאַראַציע מיט עלף יאָר צוריק. לאַנג
און רייך איז די רשימה פֿון זיינע פֿאַר־
דינסטן. ער איז קודם כל אַ מענטש
מיט טיפֿן אינטערעס פֿאַר אַלץ וואָס
יידיש איז, און, כאָטש אַ פֿירער פֿון
אַרבעטער ציוניזם, נישט קיין ענגער
פּאַרטיימאַן, נישט קיין אָפּהיטער פֿון
פּאַרטיי־אינטערעסן, נאָר אַ וואַרעמע
יידישע נשמה, אַ גרויסער יידישער אינ־
טעליגענט און צוגלייך אַ פֿאָלקסמענטש."

פּראָפֿעסאָר גרשום שלום, דער באַ־
ווסטער פֿאָרשער פֿון דער שבתי־צבי באַ־
וועגונג, אַ געבוירענער און דערצויגענער
אין דייטשלאַנד (ער האָט זיך יונג אָפּגע־
טיילט פֿון זיין אַסימילאַטאָרישער פֿאַמי־
ליע צוליב זיין פֿאַרגליבטקייט אין ציו־
ניזם) שרייבט אין זיין עסיי־אַרטיקל: „ימי
נעורים עם זלמן רובשוב" — (יוגנט־יאָרן
מיט זלמן רובאַשאָוו), צווישן אַנדערן:

„אין בערלינער פּרק־פּאַריין האָט
שזר רעפֿערירט אין יידיש, און יעדער
וואָס האָט געוואָלט הערן אַ וווּנדערלעכן



יידיש (אָדער לערנען יידיש — ווי איך),
איז דאָרטן געקומען. ער האָט געגעבן
אַן אויספֿירלעכן קורס פֿון יידישער גע־
שיכטע, און אויב איך האָב נישט קיין
טעות, האָט ער עס געטאָן עטלעכע יאָר.
מענטשן מיט אַ הומאָר־געפֿיל האָבן גע־
זאָגט, אַז ער האָט אָנגעפֿאַנגען מיט אָדם
הראשון און גרייט זיך צו ענדיקן מיט
בער באָראָכאָוו, וועלכן איך האָב באַ־
גענט. איך געדענק נישט צי זיין הת־
להבות צו באָראָכאָוו איז געווען, אַלס
צום רעדאַקטאָר פֿון „פּינקס" און פֿילאָ־
לאָג פֿון יידיש, אָדער צו באָראָכאָוון
דעם מחבר פֿון „אונדזער פּלאַטפֿאָרם"
(וועלכע שזר האָט דער ערשטער איבער־
געזעצט פֿון רוסיש אויף יידיש, זייענדיק
דעמאָלט אַ בחור'ל פֿון סך־הכל 17 יאָר!
— א. ב.). שזר איז טאַקע געווען אַ פּלאַ־
מיקער פּועלי־ציוניסט, וואָס האָט דער־
אָבערט פֿאַר דער דאָזיקער באַוועגונג
טייל אָנהענגער פֿון צווישן די פּראָמי־
נענטסטע ציוניסטן אין דייטשלאַנד.
אָבער ס'איז אין אים נישט געווען קיין
שפּור פֿון פּאַרטייישער קליינלדיקייט און
זיין אהבת ישראל האָט זיך אויסגע־
שפּרייט אויף דעם כלל ישראל. דוכט
זיך, אַז בעת איך האָב באַקענט שזרן,
זייבען שוין אָפּגעשוואַכט געווען זיינע
אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישע אָנשוי־
אונגען און פֿון אונטער זיין בוזעם האָבן
שוין אַפּירגעקוקט די סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטיש־רעוויזיאָניסטישע סאָציאַליס־
טישע מאָנאַטס־העפֿטע. איך געדענק
ניט, אויב כ'האָב ניט קיין טעות, אַז איך
זאָל ווען עס איז האָבן געהערט פֿון אים

אַ רעפֿעראַט וועגן מאַרקסיזם. ער האָט
טאַקע גערעדט קעגן דער בורזשואַזער
רעאַקציע, אָבער אין דער סאָציאַליס־
טישער מדינה, וועלכע ער האָט געפּריי־
דיקט, איז שוין געווען אָנגעגרייט אַן
עפּנטלעך אָדער באַהאַלטן אָרט פֿאַר
הקדוש ברוך הוא!" (פֿרייע איבערזעצונג
פֿון עברית — א. ב.).

אינעם בוך „זלמן שזר — נשיא וסופר,"
זיינען אָפּגעדרוקט, ווי אויבן געזאָגט, 41
אַרבעטן וועגן שזרן, פֿון וועלכע מיר האָבן
נאָר געברענגט פֿאַרן לעזער געוויסע
כאַראַקטעריסטישע פֿראַגמענטן פֿון זיי.
די אַרבעטן אין בוך — עסייען און זכרונות
און אויך לידער געווידמעט דעם נשיא,
באַלויכטן זייער אַרומנעמענדיק די ווונ־
דערבאַרע שזר געשטאַלט, פֿון זיין געבורט
אָן ביזן דערגרייכן די גבורות — 80 יאָר,
ביז 120. ס'קומט אַ גרויסן דאַנק אַברהם
ליסן פֿאַר דעם זייער געלונגענעם צונויפֿ־
קלייב פֿונעם מאַטעריאַל — און דעם י. ל.
פּרץ־פֿאַרלאַג פֿאַר דעם זייער עסטעטישן
אַרויסגעבן דאָס בוך.

צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פֿאָלק,
אין ישראל און בכל אתר ואתר, ווינטשן
מיר אונדזער באַליבטן נשיא, דעם שריי־
בער, דענקער, פּאָעט און וויסנשאַפֿטלער
— ר' זלמן שזר, אריכת ימים, בריאות
הגוף, הצלחה אין זיין גרויסער שטאַט־
לעכער מיסיע און שעפֿערישע ליטעראַ־
רישע פּרוכט.

יהי רצון, אַז מיר, צוזאַמען מיט אים,
זאָלן זוכה זיין צו שלום ושלוה בקרוב
בימינו, בסיעתא דשמיא.

יעקב גלאַטשטיין / ניו־יאָרק

# זלמן זילבערצווייג איז זלמן זילבערצווייג

(צו זיין 75 יאָריקן יובל)

מיין חבר זלמן זילבערצווייג האָט מיסתמא גענוג דאגות, אָבער איין דאגה איז אים זיכער פאַרשפּאָרט: וואָס וועט זיין צו 120, אַז מען וועט אים, ווי יענעם באַרימטן רבין, נאָך די אַלע פראַגעס, פאַרוואָס ער איז נישט געוואָרן אַ דוד המלך, אַ רמב״ם, אויך אַ פרעג טאָן — פאַרוואָס ער איז נישט געוואָרן ער אַליין? ניין, די קשיה וועט מען זלמנען נישט פרעגן, ווייל דאָרט אויבן ווייסט מען אַקוראַט, אַז זלמן זילבערצווייג איז בפירוש זיין גאַנץ לעבן געווען — זלמן זילבערצווייג. ער האָט כסדר זיך געשטאַלטיקט און ער איז געוואָרן ער — אויף טריט און שריט, אין אַלע זיינע מעשים. מ׳וועט אים אַזאַ פראַגע נישט שטעלן, ווייל קיין אַנדער זלמן זילבערצווייג עקזעמפּלאַר איז נישטאָ.

איך קען שוין זילבערצווייגן איבער פערציק יאָר, זייט ער איז געקומען קיין אַמעריקע, מיט פאַרטיקן זשורנאַליסטישן סטאַזש. מיר האָבן אים אויפגענומען מיט פריינדשאַפט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן קאָלעגע. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט לעגיטימירן, ווייל מיר האָבן אַלע געקענט זיין נאָמען און ער האָט זיך גלייך איינגעהיימישט צווישן אונדז. מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט אים אַרום אַ פערטל יאָרהונדערט אין איין רעדאַקציע און איך געדענק, אַז ס׳איז נישט געווען קיין איין זשורנאַליסטישע אַרבעט וואָס מ׳האָט אים נישט געקענט אָנפאַרטרויען — פון אַ רעפּאָרטער ביז רעדאַקטאָר. ער איז געווען באַהאַוונט אין דער גאַנצער זשורנאַליסטישער מסכתא. דער סוף איז געווען אַז ער איז טאַקע געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „אַמעריקאַנער" און פאַרוואַנדלט די דאָזיקע פאַרעלטערטע פירמע אין אַ פאַריינגערט געשעפט. ער האָט אין „אַמעריקאַנער" איינגעפלאַנצט יוגנטדריזן.

איין זאַך איז זילבערצווייגן נישט געלונגען — צו בלאָזן פון זיך. אין אַ רעדאַקציע זענען פאַראַן פאַרכמורעטע יידן, וואָס „שאַפן" שווער און ס׳לייגט זיך זיי אויפן פנים. אַלע האָבן געוווּסט, אַז זלמן זילבערצווייג טוט אַלץ בשלימות און מיט קאָמפּעטענץ, אָבער קיינער האָט אים נישט געכאַפּט ביי דער אַרבעט, ווייל ער איז תמיד אַרומגעגאַנגען אין רעדאַקציע אַן אָפּגעאַרבעטער און נישט קיין איבערגעאַרבעטער. זיין הומאָר האָט פאַרטריבן די רעדאַקציע־וואָלקנס און ער האָט מיט זיינע גלייכווערטלעך, מעשיות און וויצן — מייסטנס אויף זיך אַליין — פריילעכער געמאַכט די געמיטער און די פאַרזויערטע פּען־מענטשן האָבן זיך געמוזט פאַרגינען אַ שמייכל, ווייל זילבערצווייג האָט אויסגעשפּילט — זילבערצווייגן.

זילבערצווייג איז אין זיינע פאַרווייל־מאָמענטן געווען טעאַטראַליש. ער פאַרמאָגט אַ סך פּויליש־יידישע וואַרעמקייט און פּשטות, אָבער צו דעם אויך די איינגעבוירענע מתנה צו קאָנען איבערגעבן זיין חברישקייט און כ׳וואָלט געזאָגט, צו קאָנען זי אויסשפּילן.

דאָס גרעסטע רעטעניש, וואָס צוזאַמען מיט זיין פלינקייט פון אַרבעט און שנעלן אויפכאַפּ, לעבט אין אים דער פאָרשער, דער אויסזיצער. פאָרשן איז אַן אַרבעט וואָס מ׳קאָן נישט טאָן אין איילעניש. אָבער זלמן זילבערצווייג קאָן אפילו אויסזיצן שווערע אַרבעט מיט התמדה, אָן זיך־ווייטאָג. אויף דעם מאָנומענט זיינעם, דעם טעאַטער־לעקסיקאָן, האָט ער אַוועקגעגעבן גענוג ענערגיע, און אויב אַרום דער אַרבעט זענען תמיד געבוירן געוואָרן אַ סך שוועריקייטן, האָבן זיי נישט איבערגעפירט זיין הומאָר.

פאַראַן אַ סך פרומקייט אין זילבערצווייגס אָנשטרענג, אַז קיינער זאָל נישט פעלן פון חשבון, אפילו נישט דער מינדסטער, דער קלענסטער זאָל פאַרצייכנט ווערן לדורות. דער קלענסטער איז דאָך געווען אַ פולער מענטש פאַר זיך און ער האָט געהאַט זיין אויפגאַנג און אונטערגאַנג, קאָן אים זילבערצווייג נישט אויסלאָזן, ווייל ער וויל נישט אָפּמעקן אַ מענטשלעך לעבן.



אהרן צייטלין / ניו־יאָרק

# דער „תניא" ווערט נסתלק *)

ווינטער רוסישער — אַ פוילער ווייסער בער.
ערגעץ אין אַ העק, אין מיטן וואַנדערוועג, אין גלות,
אַן אַנטלאָפענער פון באָנאַפּאַרטס חיילות,
ליגט מסוכן קראַנק ר׳ שניאור זלמן.
די לעצטע שעה׳ן זיינע! קום אַהער —
זאָגט ער צום אייניקל. — דו זעסט דעם באַלקן אָט־אָ־דעם?
איך זע בפירוש, ווי עס האַלט אים אויף השם.
דער, וואָס מיט זיין ליכט איז ער ממלא
די וועלטן אַלע —
דו פאַרשטייסט? כל עלמין —
איז אין באַלקן ממש! אויך אַרום־אים —
אין דער בחינה פון אַ סובב! הער, מנחם מענדל:
נישט קיין נפקא־מינה, צי אין אורים ותומים
איז מתלבש זיך דאָס ליכט, צי אין אַ שפּענדל.
מנחם־מענדל! הערסט, מנחם מענדל?
אָט דער באַלקן — ער איז רוחניות. נישט סתם אַ בליץ איז
וואָס איך זע — איך זע דאָס ליכט אַליין, אָן שום מחיצות.
אַלץ איז איינס אין אים, דעם איינציק איינעם.
ס׳הערן אויף די שקרים — די חסדים!
מע דאַרף נישט מער קיין חסדים, קיין נדבות!
אויסער אים איז נישט צו זען שוין קיינעם.
בלויז אמת, אמת. און נישטאָ קיין מלאך המוות.

*) פונעם בוך „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן", פאַרלאַג בעלזען, ניו־יאָרק־תל־אביב, 1968.

גאַנג, קאָן אים זילבערצווייג נישט אויסלאָזן, ווייל ער וויל נישט אָפּמעקן אַ מענטשלעך לעבן.

זלמן זילבערצווייג איז אַ פול־טאָגיקער שרייבער, מ׳קאָן זאָגן, אַ שרייבער, וואָס איז אַ גאַנצן מעת־לעת שרייבער, מיט זיינע אייגענע שרייבערישע פּראָבלעמען. אָבער אים פעלט קיין מאָל נישט קיין צייט צו שאַפן די נייטיקע הפסקות צו זיין — אַ מענטש...

דערפאַר אַז מען וועט אים אין 45 יאָר אַרום אַ פרעג טאָן אויבן, פאַרוואָס ביסטו נישט געוואָרן אַ דוד המלך, אַ רמב״ם, וועט ער לאַכן דעם שטייפן סטאַטיסט אין פּנים אַריין, ווייל ער וועט גוט געדענקען דעם הימלישן טעאַטער־טעקסט. אָבער גאָר שטאַרק הנאה האָבן וועט ער, ווען דער וואָס וועט דעמאָלט שפּילן די דאָזיקע פרעג־ראָלע, וועט אָנהייבן שטאַמלען, ווייל ער וועט בשום אופן נישט קאָנען קומען צום סוף פּסוק און פרעגן פאַרוואָס ביסטו נישט געוואָרן זלמן זילבערצווייג? פאַר אים וועט שטיין דער איינציקער געוואָרענער זלמן זילבערצווייג, וואָס איז זיינע פולע 120 יאָר געווען נישט קיין אַנדערער ווי — זלמן זילבערצווייג.

י. עמיאָט / ראָטשעסטער, נ. י.

# אהרן צייטלין

(צו זיין באַקומען די לייוויק פּרעמיע)

ענדלעך האָט אַ זשורי ביים אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס צוגעמשפּט דעם לייוויק פּרייז פאַר הײנטיקן יאָר אהרן צייטלינען, דעם גרויסן יידישן פּאָעט, דראַמאַטורג, עסייסט און וויסנשאַפטסמאַן אין ביידע שפּראַכן: יידיש און העברעיש. דאָס דאָזיקע גרויסע געשעעניש אין דער ליטעראַרישער וועלט איז אָפּגעמערקט געוואָרן מיט אַ גרויסן באַנקעט ביי דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון יידישן קולטור־קאָנגרעס.

מיט אהרן צייטלין, דעם מענטש פון מיסטיק און נס, איז געשען אַ גרויסער נס, אַז נאָך אַ געפערלעכער קראַנקייט איז ער רעלאַטיוו געזונט. איך שטרייך אונטער ר ע ל אַ ט י וו, ווייל פּאַקטיש איז ער געבליבן אַ חלוש. ער איז געקומען צום באַנקעט און מיר האָבן אים פּערזענלעך באַגריסט, אָבער זיין ענטפער־עסיי האָט געמוזט לייענען אַ צווייטער, ווייל ער אַליין האָט אויפן באַפעל פון זיין דאָקטאר ניט געטאָרט ריידן.

ווי עס זאָל נישט זיין, איז עס אַ גרויסע פרייד פאַר אַלע זיינע טויזנטער אָנהענגער.

* * *

איך האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געשריבן וועגן אהרן צייטלין און איך וואָלט זיך נישט געוואָלט איבערחזרן. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויפן מוזיקאַלישן מאָמענט אין אהרן צייטלינס פּאָעזיע און נישט נאָר אין זיין פּאָעזיע.

ביי זיי גאַנצער טיפקייט איז אהרן צייטלין אויך זייער מוזיקאַליש, נישט אין זין פון דער אויסערגעוויינלעכער טעכנישער געניטקייט און זיין גראַם, ווי אין זיין ע כ ט ע ר מוזיקאַלישקייט.

ווייל איך קען פּאָעטן, וואָס גראַמען זיך זייער גוט, און האָבן אויסער די גראַמען אויך וואָס צו זאָגן, אָבער ווי זיי זאָלן נישט שניצן זייער גראַם, קומען די שורות ביי זיי אַרויס ווי מיט פּאָדקאָוועס אונטערגעשמידט. זיי זיינען אויסגעצייכנטע בעלי־מלאכות פון גראַם, אָבער דאָס האָט נישט צו מוזיקאַלישקייט, זיי הערן נישט. ס'איז בבחינת „אָזניים להם ולא ישמעו,“ זיי האָבן אויערן נאָר זיי הערן נישט, ווייל אויב עס גייט אין אַרבעט, וואָלטן זיי נאָך מער געאַרבעט אַז זייער פערז זאָל אַרויסקומען שלימותדיק, אָבער זיי פילן נישט וואָס עס פעלט זיי.

איך וויל דאָ ציטירן צוויי שורות פון אַ ליד, וואָס אהרן צייטלין האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין די צוואַנציקער יאָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ אין וואַרשע און איך ווייס נישט פאַרוואָס ער האָט דאָס ליד נישט אַריינגענומען אין זיינע ווערק. ס'איז אַ וווּנדערלעך ליד, און 2 שורות דערפון זיינען מיר געבליבן אין זכרון. דאָס ליד האָט צייטלין געשריבן פאָרנדיק אויפן ים, און פונקט ווי דעם גרויסן פּוילישן פּאָעט יוליוש סלאָוואַקצין איז אָנגעפאַלן די מיסטישע שטימונג פון „סמוטנאָ מי באָזשע“ (ס'איז מיר אומעטיק, מיין גאָט) אַזוי איז אין אָנבליק פון הימל און ים צייטלין צוגעקומען צו זיין תוך:

איך, אהרן, דער זון פון הלל און אסתר,
איך בין אַ קלאַנג פון אַ ווייטן
אָרקעסטער.

אַז ער איז אַ קלאַנג פון אַ ווייטן אָרקעסטער, פון אַ מיסטישן איבערוועלטישן אָרקעסטער, פילט איר אין אַלע זיינע ווערק, צי דאָס זיינען וויסנשאַפטלעכע עסייען, דראַמען צי לידער.

אפילו דעם תכלת קאָליר זעט ער אַ בענקענדיקן:

שם מנגד—
הים התיכון, השוכן
תוך תכלת עורגת...
(„מן האדם ולמעלה“ V II)

דאָס בלאָ בענקט אויך צום ווייטן, אַלץ בענקט צום אין סוף, צום נישט געזעענעם:

...זינג איך ס'געזאַנג און פאַרזינק עס
טיף אין זיך, נעם עס



אין מיין תמצית אַריין און באַנעם עס:
השם איז אמת.
(„לידער פון חורבן און לידער
פון גלויבן“—ז' 131)

און אָט האָט איר קאָנקרעט וועגן די „שטימען טראַנסרעאַלע“ אין זעלבן בוך אויף זייט 108:

...נאָר סטרעפּט עס שווימען אָן טראַנסרעאַלע שטימען און זאָגן אַזוי: פאַרשוונדן הייסט נישט געשטאָרבן.
זייט 108)

די „שטימען טראַנסרעאַל“ הערט ער און פאַרוויגט זיך דורך דער נישט געזעענער האַנט:

אַ וויג קען איך, אַ וויג,
און איבער צייט און געשעניש
וויגט מיך הין און צוריק
עפּעס אַ האַנט, וואָס איך זע נישט.
(זייט 22)

ס'איז דער וואונטש פון אַלע זיינע פריינד און פאַרערער, ער זאָל דערלעבן אַרויסצוגעבן זיינע איבעריקע ווערק, ווייל אין יעדן פון זיינע ווערק דערגאַנצט ער זיך אַליין און אַנטפּלעקט זיך מיט נייעם פּאָעטישן איינפאַל, מיט נייעם בליק פון געדאַנק, מיט נייע גרויסע ווערטן, מיט נייע קוואַלן פון מוזיק, מיט וועלכע ער איז אָנגעפילט.

אַלעקס ראַבין

# ווילי (וועלוול) שאָר — אַ יחיד במינו

(לכבוד זיין 85טן געבוירנטאָג)

מ'דערציילט אַ מעשה און איך וויל זי איבערדערציילן ווערליג אַן אייגענעם צוגעפּאַסטן נוסח:

מ'האָט אַראַנזשירט אַ פייערונג לכבוד אַ יידן וועלכער האָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און איז ביי אַלעמען שטאַרק באַליבט. די פייערונג איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע און ווי ס'פירט זיך ביי אונדז, האָט מען פאַר דעם גאַסט־רעדנער פאַרבעטן איינעם אַ מענטש מיט אַ חשובן נאָמען, וואָס איז אָבער ניט געווען צופיל באַהאַוונט אין אונדזערע קולטור־ענינים און נאָך ווייניקער באַהאַוונט אין דעם וואָס איז נוגע אונדזער יידישן קולטור־סעקטאָר.

דער גאַסט־רעדנער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז ס'איז אַ יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער געטראַכט, אַז ס'מוז געוויס זיין פאַר אַ יידישן שרייבער. האָט ער נאָכגעזוכט אין ביבליאָטעק ביכער אין שייכות מיט דעם שרייבערס נאָמען. אַריינגעקוקט אין זיין בוך דערציילונגען, באַמערקט אין דער ביאָגראַפיע אַז אָנגעהויבן דרוקן האָט ער זיך אין „פרייע אַרבעטער שטימע“ און אַז זיין „סמיכה“ שטאַמט פון יאַנאָווסקין אַליין.

באַוואָרנט מיט אָט דער אינפאָרמאַציע האָט זיך דער גאַסט־רעדנער אויפגעשטעלט צו באַערן דעם בעל־שמחה. ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט דערציילן אַז דער הײַנטיקער ערן־גאַסט, שאָר, פאַר וועלכן מ'האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן יום־טוב, האָט געשריבן זייער פיינע דערציילונגען. האָט אים אימעצער אונטערגעזאָגט: „זייט מוחל, ס'איז אַן אַנדערער, ניט אָט דער שאָר.“ פּרובירט דער גאַסט־רעדנער פאַרבעסערן: „ער האָט געלעבט אין פילאַדעלפיע און איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין פרייע אַרבעטער שטימע און האָט געשריבן פיינע עסייען“... קאָרעגירט מען דעם רעדנער נאָך אַ מאָל: „דער ייד ווילי שאָר האָט ניט געוווינט אין פילאַדעלפיע און ער האָט קיין עסייען ניט געשריבן. יענער איז געווען אַן אַנדער שאָר.“

פאַרלירט שוין דער גאַסט־רעדנער זיין געדולד און טוט אַ פרעג מיט כעס: „טאָ וואָס האָט אָט־דער שאָר יאָ געשריבן?“

יאָ, ווילי שאָר האָט געשריבן טשעקס... גרויסע און קליינע טשעקס... און ער האָט זיך אַריינגעשריבן, בעסער געזאָגט, אַריינגעקריצט אין די הערצער פון אַלע

ליבהאָבערס פון דער יידישער ליטעראַטור.

גרויס זיינען זיינע פאַרדינסטן פאַרן יידישן וואָרט, ווייל ער האָט מיטן שרייבן טשעקס מעגלעך געמאַכט אַז אַנדערע זאָלן קענען אַרויסגעבן זייערע ווערק.

ער האָט געשאַפן דעם „ווילי און ליזאַ שאָר פאָנד פאַר יידישער ליטעראַטור“; האָט איינגעשטעלט פּרעמיעס ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק און ביים י. ל. פּרץ פאַרלאַג אין תל־אביב, בכדי צו דערמוטיקן יידישע שרייבערס און דיכטערס; האָט אַרויסגעגעבן איציק מאַנגערס און משה נאַדירס שרייבערישן עזבון; אויך האָט ער פינאַנצירט די איבערזעצונג פון יידיש אויף העברעיש אַן אָפּקלייב פון לאַמעד שאַפּיראָס און ש. מילערס שריפטן, וואָס זיי ביידע, שאַפּיראָ און מילער, זיינען געווען ווילי שאָרס נאָענטע פריינד, און נאָך דעם האָט ער די דאָזיקע איבערזעצונגען אַרויסגעגעבן אין צוויי ביכער. מיט דעם האָט ער געהאָלפן צו דערנענטערן אַ סך שרייבערס און ווען ניט זיין הילף און דערמוטיקונג וואָלטן זייערע ביכער קיין מאָל ניט געזען די ליכטיקע שיין.

דאָס לעצטע בוך וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן איז געווען צו פאַראייביקן ליזעס ע״ה נאָמען. דאָס איז אַ חורבן אַנטאָלאָגיע, אַ מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע קדושים, רעדאַקטירט פון ד״ר ש. מאַרגאָשעס ע״ה, און, זיי צו לאַנגע יאָר, יעקב גלאַטשטיין און ד״ר עזריאל נאַקס.

אויף אַזאַ אופן האָט אונדזער ווילי שאָר אויסגעטיילט אַ פאַרמעגן פון קרוב צו זעכציק טויזנט דאָלער פאַר יידישע ביכער און יידישע קולטור צוועקן און האָט באַרייכערט אונדזער יידישע ליטעראַטור מיט ווערטן ניט אָפּצושאַצן.

דאָס איז אָבער דער שפּעטסטער קאַפּיטל פון זיין לעבן. זיינע פאַרדינסטן ציען זיך פו אַ סך פריער. שוין איבער 25 יאָר אַז איך אַליין אַרבעט מיט אים צוזאַמען ביי פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן און איך ווייס אַז ער איז אַ אוניקום. ניטאָ קיין סך אַזעלכע; אין לאָס אַנגעלעס אַוודאי ניט.

די היים פון ווילי און ליזאַ שאָר איז אַלע מאָל געווען אַ וועד פאַר דער יידישער ליטעראַטור און יידישער קולטור. ס'איז געווען אַ היים פאַרן יידישן בוך און פאַרן יידישן שרייבער. די שאָר היים איז געווען די קלאַסישע גאַסטפריינדלעכע שטוב אין לאָס אַנגעלעס. דאָרט זיינען פאָרגעקומען די אויפנאַמעס פאַר יידישע גאַסט־שרייבערס; דאָרט זיינען פאָרגעקומען זיצונגען פון ביכער־קאָמיטעטן, לעקציעס, אָוונטן פון יידישער קונסט וכדומה פאַרזאַמלונגען. ביידע, ווילי און ליזאַ, האָבן געשאַפן אַ וואַרעמע אַטמאָספערע, וואָס האָט צוגעצויגן מענטשן און זייער היים איז געווען אַן אינסטיטוציע באַוווּסט אַרומטום, פון פּאַסיפיק ביז אַטלאַנטיק (אויב ניט נאָך ווייטער). במילא האָבן די שאָרס זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע קולטור־אַרבעטן און גאַנץ אָפט אפילו געווען פון די איניציאַטאָרן.

נאָך ליזעס טויט האָט ווילי זיין גאַנץ האָב און גוטס געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון יידישער קולטור און איז געווען באַקאַנט ווי דער מעצענאַט פון בעסערן יידישן וואָרט, סיי אין מדינת ישראל, סיי אין די תפוצות.

צוויי שטראָמען אין יידישן לעבן האָבן אַלע מאָל אויפגעהאַלטן יידישקייט: איין שטראָם — תורה, לומדות, חריפות, גאונות און שעפערישקייט; דער צווייטער שטראָם איז מעשים טובים — מקיים צו זיין יידישקייט מיט האַרץ, נשמה און מעשים, מיט פשטות און פאָלקסטימלעכקייט, שטיל, אָן רעש — אין דער בחינה פון אליהו הנביא, וועלכער ווערט פאַרגעשטעלט אַז ער קומט תמיד אומדערוואַרט, אפילו פאַרשטעלטערהייט.

צו אָט דעם צווייטן שטראָם געהערט ווילי שאָר און זיינע מעשים טובים.

ס'איז גוט וואָס ס'איז דאָ אַ ווילי שאָר צווישן אונדז. ס'וואָלט געווען אַ סך אומעטיקער אָן אָט דעם יובילאַר אונדזערן, וועלכער איז נאָך פול מיט פלענער און ענערגיע.

ווינטשן מיר אים אריכת ימים, ער זאָל האָבן נחת פון זיינע אייניקלעך — ווי ער רופט אָפט אָן זיינע ביכער אין אַ בריוו צום „חשבון.“ זאָלן אונדזערע אַלעמענס ברכות פאַרלענגערן זיינע יאָרן און זאָל ער ממשיך זיין זיין אַרבעט און דערלעבן אַז אַנדערע גוטע יידן זאָלן נאָכטאָן זיין ביישפּיל.



# לאַמיר אַלע באַגריסן ווילי (וועלוול) שאַר צו זיינע 85 יאַר!

ווען ביי אונדז וואָלט געווען אַ מאָדע „פּאָפּולאַריטעט קאָנטעסטן“, אָדער געבן אַ פּרייז דעם פאַרדינסטפולסטן געזעלשאַפטלעכן טוער ביי אונדז אין שטאָט, וואָלט ווילי שאָר זיכער באַקומען ביידע אויסצייכענונגען.

די שאָר־הויז איז אַלע יאָרן געווען און איז אויך איצט דער פריינדלעכער „בית־ועד“ פאַר אַלע יידישע ליטעראַטור־ און קולטור־טעטיקייטן.

ווילי שאָר האָט פינאַנצירט דאָס אַרויסגעבן אַ פּאָר צענדליק ביכער, און געגרינדעט ליטעראַטור־פּרעמיעס — אין אַמעריקע און מדינת ישראל — מיט אַ סומע פון אַרום 60,000 דאָלער. צווישן אַנדערע אויסגאַבעס האָט ער פינאַנצירט די לעצטנס דערשינענע מאָנומענטאַלע חורבן־אַנטאָלאָגיע אויף ענגליש. ער איז אויך אַ ליבער און האַרציקער מענטש, און האָט אַן אָפענע האַנט פאַר אַלע יידישע טעטיקייטן.

אָט דער יונגער אַלטיטשקער פייערט איצט זיין פינף און אַכציקסטן געבוירניאָר ביז הונדערט און צוואַנציק! ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון באַנקעטן און כיבודים. ער האָט אָבער יאָ אויסגעדריקט זיין ווונטש, אַז אַלע זיינע פריינד (וואָס ווילן) זאָלן אַריינגעבן באַגריסונגען לכבוד זיין עלטער אין „חשבון.“ זיין כוונה איז צו שטיצן דעם „חשבון“, וואָס נייטיקט זיך איצט שטאַרק אין הילף.

אָבער די לאָס אַנגעלעסער געזעלשאַפטלעכקייט האָט געפילט, אַז מ'דאַרף אויף עפּעס אַן אופן יאָ אָפּצייכענען אָט די דאַטע. די איניציאַטיוו האָט גענומען דער ל. א. ייוו״א־קאָמיטעט און דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג. ס'איז אַראַנזשירט געוואָרן אַן אָנבייסן שבת בייטאָג דעם 15טן נאָוועמבער. ס'איז געטאָן געוואָרן אויף אַ שטילן אופן און ס'זיינען געקומען אַרום הונדערט מענטשן—פריינד, חברים און פאַרערערס, צוצוטיילן כבוד איינעם וועלכער האָט דאָס פאַרדינט.

דער אַריינפיר צו דעם יום־טוב האָט געגעבן דער פאָרזיצער, זלמן זילבערצווייג, פאָרזיצער פון ל. א. ייוו״א־קאָמיטעט. צווישן די באַגריסער זיינען געווען: י. טילעס, פון ייוו״א; מאָריס דייטש, פון אינסטיטוט; גאָסי סאַרטאָ, פון קאַונסיל פון די פרויען לייען־קרייזן; א. שטיין, פון שטאָט־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד; י. לעווין, פון יידישן קולטור־קלוב; אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר פון „חשבון“; ז. בונין, פון ל.א. פּע״ן־קלוב; אַלעקס ראַבין, וועלכער האָט אין זיין באַגריסונג אַריינגענומען אַלע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן, וועלכע זיינען נאָענט צום בעל־היובל, און דר. אברהם זיגלבוים.

עס זיינען אָנגעקומען אַ גאַנץ גרויסע צאָל בריוו, טעלעגראַמעס פון אַלע תפוצות פון לאַנד און פון מדינת ישראל.

דאָס אָרט דערלויבט אונדז ניט זיי אַלע צו פאַרעפנטלעכן. ווילן מיר זיך באַגנוגענען מיט אויסצוגן פון די ווייטערדיקע דריי חשובע יידישע שרייבערס:

„דעם גרויסן יידיש־פריינד ווילי שאָר,
פון די טייערסטע יידן אין אונדזער דור,
ווינטש איך, זיין שטערן זאָל פינקלען
גלאַנציק
ביז די פולע הונדערט און צוואַנציק.
און נאָך די הונדערט און צוואַנציק יאָר
ווילן מיר ווינטשן דעם פריינד
ווילי שאָר
ווייטערדיקע יאָרן—און זאָל גאָט געבן
מיר זאָלן אַלע דאָס דערלעבן.

**אהרן צייטלין**

* * *

נחת זאָלט איר האָבן —
פון יידן,
פון דער יידישער ליטעראַטור
און —
פון זיך אַליין.
ס'קומט אייך.

**א. סוצקעווער**

* * *

איר, דער זאב־ערבות, אַן איינזאַמער וואָלף אין אונדזער קולטור־וויסטעניש— העלפט איר אין דעם מידבר אויפצושטעלן

די סוכּת־יידיש הנופלת. און אונטער דער חופּה־שאָר שטייען געאָרעמט מיט דער חנעוודיקער שיפחה־זשאַרגאָן גאָר חשובע שרייבער און איר גיט זיי איבער געדרוקט די כּתבים וואָס אייער פאָנד האָט פאַר זיי אַרויסגעלאָזט. און ווידער אַ פרעמירטע חופּה מיט חתנים־שרייבער, וואָס אין זייערע הענט שטראַלן כּתובה־טשעקן פון דעם פאָנד ליזאַ און ווילי שאָר!

און לעבט, און ציט ווייטער און ווייטער אייער הערלעכע טעטיקייט פאַר אונדזער ליטעראַטור — אין געזונט און פריידן.

געזונט און פריש זאָלט איר זיין, האַרציקער ר' וועלוול!

## דוסיע און ישראל קאַפלאַן
תל־אביב

* * *

ווי פריער דערמאָנט, דאָס אָרט דערלויבט אונדז ניט איבערצוגעבן דעם רייכן אינהאַלט און אָפּשאַצונגען פון דעם בעל־שמחהס פאַרדינסטן. גיבן מיר בלויז די נעמען פון די באַגריסערס.

* * *

## אָרגאַניזאַציעס:

ה. לייוויק־הויז, תל־אביב —
צימערמאַן, צאַניק, חלמיש
ייוו"א, ניו־יאָרק — — יודל באָרנשטיין
יידישער פּע"ן־קלוב, ניו־יאָרק —
משה שטאַרקמאַן
יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק —
חיים בעז
„פרייע אַרבעטער שטימע", ניו־יאָרק —
איזידאָר וויסאָצקי
י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב
ה. לייוויק לייען־קרייז, עלסינאָר — בלה גן
אַרבעטער רינג לייען־קרייז — מערי מארער

* * *

## שרייבערס (לויטן אלף־בית):

אייזענמאַן, צבי און יהודית — ישראל
בונין, ז. און יעטאַ
בזשאָזאַ, בתיה
בערמאַן, פינטשע און פעני
גאָלאָמב, רבקה און אברהם
גלאַטשטיין, יעקב און שרה — ניו־יאָרק
דזשעקעלין, שרה האַמער — ניו־יאָרק
האָניגבוים, פעסיע און משה — מייאַמי
ווייס, שמואל און פלאָראַ
זילבערבערג, ז. כאָלעוואַ — ניו־יאָרק
זילבערצווייג, ציליע און זלמן
טויבעס, גיטל און שמואל יעקב
טוזמאַן, מלכּה חפץ און שלמה
טענענהאָלץ, אליהו
יונגמאַן, אליה און מרים — ישראל
ליפשיץ, יחזקאל — ניו־יאָרק
לעוו, שמחה — ניו־יאָרק
מאַלאַדאָווסקי, קאַדיע — ניו־יאָרק
מעלצער, מרים און לייזער — אָוקלאַנד
נאַקס, ד"ר עזריאל און שרה — ניו־יאָרק
סיגל, שמואל
עמיאָט, ישראל — ראָטשעסטער, נ. י.
פאָזי, בעלאַ און אריה
פאַנער, יצחק — ישראל
קאָפּשטיין, ברכה — ניו־יאָרק
קאָרן, רחל — מאָנטרעאַל
רייגעס, ר. ב. (בערל כּהן) — ניו־יאָרק
שוואַרץ, י. י. — ניו־יאָרק

* * * * *

## פון פריינד (לויטן א"ב):

אָסטראָווסקי, קלאַראַ
אָרטענשטיין, פעני און וועלוול
אבראַמס, הערי
אָדערבערג, מרים און משה
אַראָניק, מאַקס
אַזאָלין, נתן
אָסמאַן, פנינה
אַראָנטשוק, חבר און חברה
אַפּטייקער, אסתר
אדעס, גיטל און שאול
איידנער, הערי

ברייס, תנחום
באַלאָט, ראָוז
בערקאָוויטש, לואיס
בערמאַן, האָניק
בריינין, לינאַ און שמואל
בענק, חייקע
בערגער, סאָפי און סעם

גאַרפינקל, משה — סאַן פראַנציסקאָ
גינגאָלד, מרים און בערנאַרד — מייאמי
גאָלדשטיין, דבורה און הענאָך
גאָלדפאַרב, ע.
גלאַטשטיין, רעגינאַ און מאַרקוס



דראַנזעק, שמואל
דבורקיס (דוואָרקעס) — ישראל

הערשבערג, מרים
האַרעליק, מ.
הורוויץ, העלען און דזשיי
האָכבערג,ביילקע און שלמה
האָפּשטיין, פעני און מאיר

וואַנאַמייקער, באַשע
וואָלפסאָן, יהודה
ווינער, סיידי און דוד
ווינער, חייקע און באָריס
ווייגמאַן, דזשעני

זיגלבוים, טעמע און אברהם

טייטלבוים, שרה
טיליס, ראָוז און יוסף
טרייסטער, קלאַראַ און יצחק

כאַזאַנאָוו, פאַיע און אליהו

לעדערמאַן, מעי און מאיר
לעווין, דאָראַ און סעם
לאָזאַרסאָן, אסתר

מילער, חיים לייב
מלחי, גרוניע און בצלאל
מאַנגער, געניע — ניו־יאָרק
מאַרגאָשעס, העגרי
מאָרער, מערי
מילער, ברכה און דזשוליוס
מילער, אָליע
מינץ, בעסי און בערל
מאַקאָווסקי, י.
ניומאַן, אידיט
נאָרמאַן, ראָוז און נייטן — עלסינאָר

סאָלאָמאָן, חברה
סאַרטאָ, גאָסי

סיגל, כאַצקל
סאַווינאָוו, א.
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר
סילבערט, קלאַראַ
סאַפּקין, מאַניע און בען
סאַפּיאַן, פעי
סאַוואַנאָווסקי, אברהם

פיינבערג משפחה — ניו־יאָרק
פיקעלנער, דאָראָטהי — פיניקס
פאַלאַטניק, רעגינאַ און יעקב
פראָטיס, בעקי
פינקלשטיין, סיידי
פאַניץ, פייגעלע און יוסף
פאָול, לינאַ
פרידלאַנד, מוסיע
פרידמאַן, יאַנקל

קאַפּלאַן, משה
קאהן, יעקב און רעי
קוליק, עטל און חיים
קאָוונער, אַגאַ און שמואל

רויטבלום, זהבה און יצחק
רויזענבלאַט, מלכּה
ראַפּאַפּאָרט, עלסי און פינחס
ראַבין, שפרה און אַלעקס
ראָט, יוסף
רומאַק, עטל און מאַקס
ראָזמאַן, מערי און משה
ראָטבלאַט, אסתר און אייב

שניידער, מאַניע און אברהם
שוגער, דר. קאַרל
שטערנפעלד, הערי
שולוויס, גוטשע און משה
שטיינבערג, בליומע און משה
שערמאַן, גאָסי
שראַגע, רבקה און דוד
שלעזינגער, סאָפי
שוואַרץ, מיני און אייב

סאָניע אָמאַן

# מיין זיידנס אוצר

ווען איך וואָלט צו מיין אַלט שטעטל
קומען געקענט,
דאָרט צווישן די חורבות
פון די ציגל געשטעלט,
וואָלט איך ציגל נאָך ציגל
מיט אייגענע הענט צענומען,
צו זוכן צווישן די געפאַלענע ווענט —
ווייל דאָרט, צווישן די ציגלשע שפּאַלטן,
האָט מיין זיידע די אוצרות
פון זיין נשמה באַהאַלטן.

פאַרמאַך איך די אויגן,
זע איך אים ווי אויף וואָר:
ער שטייט אין קלייט
פון „מאַנופאַקטורנעם טאָוואַר,“
ער וואַרט אויף אַ קונה
מיט נישט זעענדיקע אויגן —
זיינע געדאַנקען זענען גאָר
אין די הימלען געפלויגן.

ער קערט זיין בליק
צו דער אָפענער טיר,
ער קוקט זיך אַרום,
נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר,
און איילנדיק קייקלען זיך
אויף דעם פּאַפּיר
דריבנינקע אותיות
ווי פּערל אָן אַ שיער.

דאָרט פאַרצייכנט ווערן טרוימען,
האָפענונגען, שטרעבן,
וואָס טוען ווי רויך אין דער גרויקייט
פאַרשוועבן.
אפשר זעט ער אין זיין חזיון
ווי צו בעסערן וועלטן ?
ווי צו ברענגען פרייד אין לעבן,
צעברעכן די קייטן
וואָס האַלטן געשמידט אים
צו אַ פּוסט לעבן דורך מורא —
ווו האַרץ און נשמה
איז פאַר מיסחר קיין סחורה ?...

איך שטיי מיר גאַנץ שטיל
אין אַ ווינקל, פאַרגאַפט.
עס ווילט זיך דורכדרינגען
וואָס ער חלומט, וואָס ער שאַפט.
איך כאַפּ אויף יעדער מינע
פון אים אומבאַמערקט —
אָט לייכט אויף זיין פּנים,
אָט ווערט ער פאַרצערט,
אָט ווייזט זיך אין זיינע אויגן
אַ באַשטראַלטער גלאַנץ,
אָט כאַפּט זיך אַ שמייכל
אויף זיינע ליפּן אַ טאַנץ.

אָט שטראַלט אויף זיין ווען
מיט בשמהדיקער פרייד,
אָט ווערט עס פאַרוואָלקנט
פון מענטשלעכע לייד.
די מינעס, זיי בייטן זיך —
אָט שוואַכקייט, אָט מוט,
ווי ער וואָלט מיט גאָט אַליין
אַ וויכוח געהאַט.
„אָ, טייערער זיידעניו,“
טראַכט זיך דאַן מיר,
„ווי נעמט מען די זכיה
זאָלסט זיך טיילן מיט מיר
די וווּנדער־סודות
וואָס געטרויסט דעם פּאַפּיר!“

ער שרייבט און ער שרייבט,
ער גיט זיך קיין ריר,
ביז אַ קונה באַווייזט זיך
ביי אים ביי דער טיר.
ער דערוואַכט ווי פון אַ חלום,
אין זיין אויג גלאַנצט אַ טרער,
מיט צערטלעכקייט לייגט ער צונויף
דאָס פּאַפּיר,
און ווי ביים כותל מערבי,
זוכט אין די געמויערטע ווענט
אויס די שפּאַלטן —
זיין טרוים, זיין פרייד,
זיין צער צו באַהאַלטן.

ביינאַכט פאַר מיין שלאָף,
פריי פון וואָכיקע זאָרגן,
גייט מיין תפילה צו גאָט,
אַז אין דעם באָענטן מאָרגן
זאָל דער מלאך פון שלאָף
מיך אין מיין שטעטל פאַרטראָגן —
צו זוכן דעם אוצר
וואָס דאָרט האָט באַגראָבן
מיין זיידע אין די לאַנג
פאַרגאַנגענע יאָרן.



אורי צבי גרינבערג / ירושלים

# די וואָס לעבן אין זייער זכות זאָגן:

אויסדערווילטע זענען זיי געווען, האָבן אַלץ געזונגען...
איצט איז זייער שטים פאַרשטילט־פאַרקלונגען.
פון דודס גזע האָבן זיי געשטאַמט —
און געפאַלן מיט דער שווערד אין האַנט.
און פראָסט און ליבלעך, פון דער פאַסטעכער־משפחה, ווי דער ייִנגל דוד...
אַצינדער, אַז זיי לויבן דיך, אָ גאָט, גיט דיר זייער שטויב נאָר לויב און כבוד !
דער שטויב פון זייער גרוב איז ניט קיין שטויב פון טויט.
פון אַזאַ שטויב האָסטו אַ מאָל דעם ערשטן מענטשן באַשאַפן.
פון אָט דעם זעלבן מין איז אויך דער הר הבית, שטויב פון פעלדז.
פון זעלבן שטויב־מין זענען די, וואָס לויבן דיך... ס'איז אייביק זייער זיין !
נישטאָ נאָך אַזאַ וואָר און פראַכט ווי זייער ליכטיקער געשיין.
און מיר אָן זיי, דאָ אויף דער וועלט,
לעבן בלויז אין זייער זכות, פון זייער גלאַנץ באַהעלט.

ווער ס'קוקט אויף זייער קבר איז מער שוין נישט קיין קנעכט...

(יידיש: מרדכי יפה)

# נייע ביכער

יובל־בוך פאַר אַברהם גאָלאָמב

## „חסד לאברהם"

### אינהאַלט פון בוך

ברכת הנשיא

ערשטער אָפּטייל

### א. גאָלאָמב לעבן און שאַפן

1. משה שטאַרקמאַן: ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיק
2. אבנר אליפז : גאָלאָמב דער מחנך און שרייבער
3. מרדכי אלישיב : אברהם גולומב בארץ ישראל
4. יחזקאל בראָנשטיין ע"ה: אַ פאַר־צייטיקער מוכיח און אַ היינצייטיקער געשטאַלט
5. ד"ר ה. ל. גאָרדאָן ע"ה: מיין פריינד א. גאָלאָמב
6. י. גאָרינשטיין: זכרונות פון אַ שול־טוער
7. ד"ר נח גריס: דער יובילאַר פון יידישן פאָלק
8. דאמאנקעוויטש
9. א. העריסאָן: א. גאָלאָמב
10. ד"ר מאַקס ווײַנרייך ע"ה
11. א. ה. חיניץ': שתי מעלות טובות
12. הערי לאַנג: תורהדיקע אמתן
13. ד"ר סאָל ליפּצין: דריי שטעלונגען צו יידיש נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — יעקב קלאצקין, חיים ג'ינבערג און א. גאָלאָמב
14. מענדל מאַן: גאָלאָמב דער לערער
15. יודל מאַרק: א. גאָלאָמב צו זיינע 80
16: משה מענאַכאָווסקי ע"ה: דער לערער פון לערערס
17. זאב סאלעס: הירהורים תוך עיון בספרי גולומב
18. מרדכי פריליך: אַ יידיש ייגגל און די שריפטן פון אברהם גאָלאָמב
19. ברוך צוקערמאַן: אברהם גאָלאָמב און זיין וועלט־באַנעם
20. נח צוקערמאַן: מיין גאָלאָמב פון מיין ווילנע
21. יצחק קאַהאַן: אברהם גאָלאָמב דער קעמפער, בויער און טרוימער פון אָרגאַנישער יידישקייט
22. ד"ר ל. קורלאַנד: אויף יידישע דרכים מיט אברהם גאָלאָמב
23. א. ראַבין : א. גאָלאָמבס אידעען בקיצור
24. מלך ראַוויטש: א. גאָלאָמב צווישן יידישע שרייבערס
25. לייזער ראַן: די אינסטיטוציע גאָלאָמב
26. י. ראַפּאָפּאָרט: צוריק צו א. גאָלאָמב
27. ד"ר ב. ראפּטשיסקי: נאָטיצן וועגן גאָלאָמביזם
29. הרב ד"ר ר' מאיר שוואַרצמאַן ע"ה: אַ טיפּ פון אַ משכיל ודורש את האלוקים
30. ב. שלעווין: א. גאָלאָמב
31. ד"ר מ. שעכטער: צו אברהם גאָלאָמב טערמינאָלאָגיע־צושטייער

צווייטער אָפּטייל

### לידער לכבוד דעם בעל היובל

1. י. בראָנשטיין ע"ה: אברהם גאָלאָמב
2. אברהם ברוידס : ווילנה
3. אברהם ברודס: בארץ וולט ויטמן
2. סילוויא גובערמאַן־יונין : יידיש
5. יעקב גלאַטשטיין: וואָגל אַוועק, יידישער פּאָעט
6. פּעסיע הערשפעלד־האָניגמאַן: יידיש לשון
7. " " " צו מיין פאָלק
8. משה וואַלדמאַן: שבת ביים ים
9. פריד ווײַנינגער: לידער פון עליה ;
10. " " ביים שוועל פון אָנהייב
11. " " אין קאַיאָר פון טוי און טל
12. מלכה חפץ - טוזמאַן : אָפּגעשראָקן מיינע פינגער



13. מלכה חפץ־טוזמאַן: טעם פון טרערן
14. שמשון מלצר: הצפצפה ובת השיטה
15. " " טיש הציבור שבטלוסטה
16. משה עטינגער: פסח ביים כותל מערבי
17. אהרן צייטלין: נאַלעווקעס
18. ברכה קאָפּשטיין: חידון התנ"ך אין בית התרבות
19. רחל קאָרן: באַגעגעניש
20. משה קולבק הי"ד: ווילנה; מיידיש— שמשון מלצר
21. י. י. שוואַרץ: ר' נחמן בראַצלאַווער אין סטאַמבול אויפן וועג קיין א"י

דריטער אָפּטייל

### זכרונות פון תלמידים

1. פייגל באַראַקין־מעלאַמדאָוויטש
2. טעמע זיגלבוים
3. טייבל ליכטינגער
4. ג. כץ־וואַסערמאַן
5. רייזל לאַנדוי
6. טייבל קאַהאַן־סמיט
7. אַ גרופּע פון ווינעפּעגער תלמידים
8. רייזל כאראווינסקי
9. מנוחה ראָם
10. עטלעכע קאָפּיעס פון אַן אנדענק־בוך געשריבן מיט דער האַנט, וואָס געוועזענע תלמידים פון ווילנער לערער־סעמינאַר האָבן געגעבן גאָלאָמבן ביי זיין אָפּפאָר פון ווילנע אין 1932.

פערטער אָפּטייל

### עטיען און שטודיעס בכלל

1. ד"ר מיכאל אַסטור: די יידיש־וועלט־לעכע ווילנע
2. ד"ר שלמה ביקל ע"ה: גערעדטע און געשריבענע שפּראַך
3. יוסף בר־אל: בין פורים ומגילת אסתר לבין המיטוס
4. רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב: לערערס
5. ד"ר בערל גאָלאָמב: וועגן עטנישע מינדערהייטן
6. ש. גוטמאַן: פופציק יאָריקער עקס־פּערימענט פון צוויי קולטורישקייט אין אַמעריקע
7. ד"ר וועלוול גרין: אויף דער שוועל...
8. ד"ר ישראל יעקב דינסטאג: תרומתם של חכמי ליטא לספרות „היד החזקה" (לכסיקון ביו־ביבליוגרפי לחוקרי המשנה־תורה להרמבם ומפרשיו)
9. יצחק דמיאל: ביחידות
10. א.מ. האבערמאַן: ספרים וחיבת ספרים
11. יהושע הובערלאַנד: אַרכיטעקטור פון יידישע שולן אין פוילן
12. העשל הורוויטש: יידישע שולן אין ווילנע און פראָווינץ צווישן ביידע וועלט־מלחמות
13. חיים וואַרזאָגער: דער יידישער חינוך אין אורוגוויי
14. י. ווינשענקער: וואָס פעלט דעם יידישן חינוך אין אורוגוויי
15. זלמן זילבערצווייג: יידיש טעאַטער אין לערן־אנשטאַלטן
16. יעקב זיפּער: יידישע דערציונג אין ליכט פון מדינת ישראל
17. ד"ר מ. לובלינער: שד"ל
18. משה ליבמאַן: חכמי אודיסה
19. יוסף לעפּטוויטש: ווייטשעפּל
20. יודל מאַרק: וועגן מאָטיווירונגען פאַר יידיש
21. ד"ר יעקב מייטליס: השפעות פון דער פרעמד אויף דעם יידישן פאָלק־שאַפן
22. א. ר. מלאכי: לוחות קיר של א. בן יהודה ושל י. ד. פרומקין
23. פייוול סאַנדלער: יאָאַכים דזש. יאָאַכימזאָן
24. ג. סאַפּאָזשניקאָוו: ש. י. עגנונס קינ־סטלערישע געשטאַלטן אין ליכט פון פּסיכאָאַנאַליז
25. דב סדן: אַן אַלט חדר־רעטעניש
26. שלמה מוסקאָוויטש: די מעטאַפיזיק פון וועלטלעכער יידישקייט
27. ד"ר שלמה סיימאָן: נבואה און מלחמה
28. אַריה פאָזי: ירושלים, רוים און נצרת
29. משה פלאי: עמדתם של סופרים מתונים בשאלות הדת
30. משה פרלמן: בשולי ספר אגרות
31. ד"ר שיקל פישמאַן: די יידישע סביבה און די אינטערנאַציאָנאַלע אינטעלעק־טועלע סביבה
32. ח. מ. ראָטבלאַט: ר' נחמן בראַצ־לאַווער

שמואל ווייס

# אין און אַרום די ל.א. יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס

חבר סערגעי נוטקעוויטש, קולטור־דירעקטאָר אין די יידישע קאָמיוניטי־צענטערס אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט אויף אונדזער בקשה אונדז צוגעשיקט דעם ווייטערדיקן באַריכט וועגן די יידישע אַקטיוויטעטן אין די קאָמיוניטי צענטערס:

אין די ל. א. יידישע קאָמיוניטי צענטערס גייט אָן אַן אינטענסיווע און זייער וויניק באַקאַנטע יידישע קולטור־אַרבעט.

אין וועסט־סייד צענטער, 5870 וועסט אָלימפּיק בולוואַרד, ווערן יעדן מיטוואָך 12:30 מיטאָג צייט אָפּגעהאַלטן יידישע פּאָרלעזונגען און ביכער איבערזיכטן. דער דורכשניטלעכער באַזוך איז פופציק מענער און פרויען. דער פּאָרזיצער פון דער יידישער ליטעראַרישער גרופּע איז יוסף אנעקשטיין.

יעדן מאָנטאָג פון מאָנאַט ווערן אָפּגעהאַלטן „יידישע קולטור פאָרומס", מיט פּראָמינענטע לעקטאָרן פון שטאָט. דער באַזוך איז צווישן 75 ביז 100 באַזוכער.

יעדן פרייטאָג נאָך מיטאָג קומען פאָר „עונג שבת" פייערונגען מיט אַ געמישטן פּראָגראַם פון ענגליש און יידיש מיט אַרום 100 באַזוכער.

דער „סיניאָר אַדאַלט" כאָר, וואָס באַשטייט פון איבער 100 זינגערס, האַלט אָפּ זיינע פּראָבן יעדן פרייטאָג פאַרמיטאָג. דער פּראָגראַם פון די געזונגענע לידער איז מערסטנס אין דער יידישער שפּראַך. דער כאָר טרעט אַרויס 3 מאָל אין יאָר אויף קאָנצערטן מיט אַ דורכשניט באַזוך פון איבער 500 באַזוכערס יעדערער.

יאָר־יערלעך קומען פאָר גוטע מעמאָריאַלס מיט אַ געמישטן ענגליש־יידישן פּראָגראַם. צו די גוטע מעמאָריאַלס קומען אַרום 600 באַזוכער, יוגנט אַריינגערעכנט.

עס עקזיסטירט אַ יידישע דראַמע גרופּע פון אַרום 15 אנטיילנעמער. עטלעכע מאָל דורכן יאָר טרעט אויף די דראַמע־גרופּע מיט יידישע פּראָגראַמען.

עס עקזיסטירט אַ תנ"ך שטודיר־גרופּע מיט אַרום 20 אנטיילנעמער. די אינטערפּרעטאַציע און דיסקוסיע איז יידיש.

אויך אין דעם ישראל לעווין צענטער, אין וועניס ביים ים, עקזיסטירט אַ קלאַס פון יידישער געשיכטע (יעדע וואָך) מיט אַרום 30 אנטיילנעמער. די אונטערריכט שפּראַך איז יידיש. די גרופּע גיט אַרויס אַ זשורנאַל מיט 5 זייטן אין יידיש. דער כאָר זינגט יידישע לידער און די דראַמע־גרופּע פירט אויף יידישע פּראָגראַמען. אויך האָבן זיי אָנגעהויבן אַדורכפירן עונג שבת פּראָגראַמען אויף יידיש. אָפט מאָל זיינען די „אָפּען פאָרומס" אין יידיש. ביי די פאַרזאַמלונגען איז די אומגאַנגס־שפּראַך — יידיש.

אויך אין דעם „וועלי יידישן קאָמיוניטי צענטער," אויף בורבאַנק בולוואַרד, קומען פאָר זייער אָפט יידישע פּראָגראַמען. זייער כאָר זינגט יידישע לידער און אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען ווערט גערעדט יידיש.

זאָל נאָך דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז צו די גרויסע טעאַטער פאָרשטעלונגען מיט גאַסט־אַרטיסטן, זיינען די פּראָגראַמען פולשטענדיק אין יידיש. אַרום 600 מענטשן פילן אויס דעם גרויסן אַדיטאָריום פון וועסטסייד יידישן קאָמיוניטי צענטער.

אַ מאָל איז דאָס באַנוצן זיך מיט יידישע פּראָגראַמען געווען אַ פּראָבלעם פּראַגע אין די צענטערס. היינט צו טאָג איז דער פּראָבלעם נישט פאַראַן. עס פעלן נאָר אויס געסט־לעקטאָרן און עס פעלט יידער אויס געלט פאַר די פּראָגראַמען.

עס איז דאָ אַ זייער גוטע שטימונג פאַר דער יידישער שפּראַך און די פּראָגראַמען שטייען אויף אַ געהעריקן ניוואָ.

33. ד"ר י. רבינוביץ: אל אשר יהיה שמה הרוח הולכת
34. ד"ר יהודה רוזנטל: פרשנות המקרא בהיסטוריה העולמית
35. ד"ר אליהו שולמאַן: יידישע קולטור אין ווייסרוסלאַנד צווישן ביידע וועלט־מלחמות
36. נ. שמן: די יידישע פרוי אין חינוך
37. א. ז. שרגאי: אדם ומשטר

פינפטער אָפּטייל

באַגריסונגען פון אינסטיטוציעס און יחידים

זעקסטער אַרטיקל

נאָכוואָרט פון יובל־קאָמיטעט
אברהם גאָלאָמב: יידישקייט, פאָלקישקייט און געטלעכקייט.



* * * * *

## די יידישע לייענקרייזן אין לאָס אַנדזשעלעס

די לייענקרייזן אין לאָס אַנדזשעלעס פירן דורך אַ גאַנץ פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, וואָס איז כדאי פאַרצייכנט צו ווערן אין „חשבון".

לויט דעם באַריכט פון גאָסי סאַרטאָ, פאָרזיצערין פון דעם קאָונסיל פון לייענקרייזן, עקזיסטירן אין ל. א. 9 לייענקרייזן, וואָס באַשטייען ס'רוב פון פרויען און וועלכע פירן אַ זייער טיכטיקע אַרבעט.

אָט איז אַ רשימה פון די דאָזיקע קרייזן:

ה. רויזענבלאַט לייענקרייז; יהואָש לייעגקרייז; אַרבעטער רינג לייענקרייז; דר. רינגלבלום לייענקרייז; דר. דאָלניק לייענקרייז; שלמה מענדלסאָן לייענקרייז; ה. לייוויק לייענקרייז; רחל בלאָשטיין לייענקרייז און י. י. שוואַרץ לייענקרייז.

די לייענקרייזן זיינען פאַרייניקט אין אַ צענטראַל־אָרגאַניזאַציע. דער קאָונסיל פון אַלע גרופּעס, וועלכער האַלט אָפּ זיינע מיטינגען יעדן חודש און ווו די פאָרשטייערס פון יעדער גרופּע באַריכטן וועגן זייער אַרבעט און פּלענער פאַר דער צוקונפט.

די לייענקרייזן וועלכע האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען יעדע צוויי וואָכן, נעמען אויף שרייבער־געסט אין דער שטאָט. זיי העלפן פאַרשפּרייטן יידישע ביכער. די מיטגלידערינס ווערן פאַראינטערעסירט צו לייענען יידישע ביכער און פון צייט צו צייט נעמט אויף זיך אַ מיטגליד די אויפגאַבע צו רעפערירן איבער דעם אינהאַלט פון אַ בוך מיט וועלכן דער לייענקרייז ווערט באַקאַנט.

צוויי מאָל אַ יאָר פירן אַדורך די לייענקרייזן אונטערנעמונגען לטובת דער הסתדרות און פאַר קינדער־הילף דורך דער „טשיילד רעסקיו קאָמיטע."

זיי פייערן די מייסטע טראַדיציאָנעלע יידישע ימים־טובים און באַמיען זיך צו באַקענען די צוהערערס מיט דעם גייסט פון אָט די ימים־טובים. די לייענקרייזן שטיצן דעם „ייוואָ", פאַר וועלכן זיי האָבן געשאַפן היינטיקס יאָר איבער טויזנט דאָלער. זיי שטיצן אויך דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

די לייען־קרייזן שטיצן רעגולער די „צוקונפט", „די סביבה", „די גאָלדענע קייט", „זיין", „אידישער קעמפער", און פאַרשטייט זיך אויך דעם „חשבון".

* * * * *

## קולטור-אָרגאַניזאַציעס שיקן אַלעקס ראַבין אַלס דעלעגאַט צום יידישן קולטור-קאָנגרעס

זעקס קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין ל.א. האָבן אויסגעוויילט דעם היגן קולטור־טוער אַלעקס ראַבין צו פאַרטרעטן די היגע קולטור־אָרגאַניזאַציעס ביי דער קומענדיקער קאָנווענשאָן פון יידישן קולטור קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. די אָרגאַניזאַציעס זיינען: דער אַרבעטער רינג, דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, דער ל. א. יידישער קולטור קלוב, די פרויען לייען־קרייזן, די יידישע פרויען פּיאָנערן אָפּטיילונג, ייוו"א און די פּועלי־ציון.

אַלעקס ראַבין איז אַ לאַנג־יאָריקער קולטור־טוער אין ל. א. ער איז יאָרן־לאַנג געווען פאָרזיצער פון דער היגער מיטל־שול און שול־פאַרוואַלטונג, אַ וויצע־פאָרזיצער פון ל. א. קולטור קלוב און וויצע־פאָרזיצער אין ייוו"א־קאָמיטעט. ער איז אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג און אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

* * * * *

## באַמערקונגען פון רעדאַקציע:

אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנדזשעלעס אָדער אין אַנדערע שטעט אין קאַליפאָרניע, וואָס פירן אַ קולטור־אַרבעט אויף יידיש און זיי ווילן, אַז זייער טעטיקייט זאָל פאַרצייכנט ווערן אין „חשבון", ווערן געבעטן אונדז צו שיקן באַריכטן, וועלכע מיר וועלן גערן אָפּדרוקן.

דאָס איז דער צווייטער נומער „חשבון" ווו עס ווערט געדרוקט די אָפּטיילונג: „אין און אַרום די ל. א. יידישע קולטור־

# אונדזערע אבידות

אין טיפֿן צער פֿאַרצייכענען מיר די נעמען פֿון דריי יידישע שרייבערס, היסטאָריקערס און קולטור־טוערס, וואָס זיינען געשטאָרבן אין משך פֿון די לעצטע עטלעכע חדשים:

## ד״ר אברהם מענעס

דעם 18טן אָקטאָבער, 1969, איז נאָך אַ לענגערער קראַנקייט געשטאָרבן דער באַרימטער יידישער דענקער, היסטאָריקער און פּובליציסט, דר. אַברהם מענעס.

א. מענעס איז געווען 72 יאָר אַלט. ער האָט אין משך פֿון זיין שעפֿערישן לעבן פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי ווערק וואָס זיינען פֿון גרויסן בלייבנדיקן ווערט. אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, פֿון וועלכער ער איז געווען איינער פֿון די רעדאַקטאָרן, האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע היסטאָרישע אַרבעטן, וואָס ווייזן די גרינטלעכקייט און טיפֿן וויסן פֿון דעם מחבר. ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט צוויי גרעסערע ווערק: „אליהו הנביא, אגדות און פֿאָלקס־מעשיות“ און „דער יידישער געדאַנק אין דער נייער צייט.“ זינט 1947 איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פֿאָרווערטס“. אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דעם פֿאַרשטאָרבענעם ווערט פֿאַרעפֿנטלעכט אין איצטיקן נומער „חשבון“.

## מאַרק שווייד

דעם צווייטן דעצעמבער, 1969, איז אין עלטער פֿון 78 יאָר געשטאָרבן מאַרק (וואָלף מרדכי) שווייד. ער איז געשטאָרבן אין דער אַרבעטער רינג היים פֿאַר עלטערע נאָך אַ לענגערער קראַנקייט, וועלכע האָט די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן פּאַראַליזירט זיינע שעפֿערישע כוחות און אים פֿאַראורזאַכט אַ סך גייסטיקע יסורים.

מאַרק שווייד איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אין אַ פֿאַמיליע פֿון גערער חסידים. אין זיין פֿריער יוגנט האָט ער באַלד אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו שוישפּילעריי און ער איז, אַלס מיטגליד פֿון דער דראַמאַטישער סעקציע פֿון „הזמיר“, אויפֿגעטראָטן אין בינע־ראָלן פֿון די שאַפֿונגען פֿון י. ל. פּרץ און שלום עליכם. אין וואַרשע האָט ער אויך פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע ערשטע לידער און דראַמאַטישע שאַפֿונגען.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, אין 1911, איז מאַרק שווייד געוואָרן איינער פֿון די וויכטיקסטע אַקטיאָרן אין יידישן קונסט־טעאַטער פֿון מאָריס שוואַרץ. שווייד האָט אויך אָנגעשריבן צוויי פּיעסן: „דעם טאַטנס זונדעלע“ און „געשענקטע יאָרן“, ווי אויך אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „הײמאַרקעט“, אַ שילדערונג פֿון דער היסטאָרישער הײמאַרקעט טראַגעדיע אין שיקאַגע אין די יאָרן 1886-1887. ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע בענדער לידער און אָנגעשריבן אַ ראָמאַן פֿון טעאַטער־לעבן אונטערן נאָמען „די פֿאַרמאַסקירטע וועלט.“

זינט 1946 איז מאַרק שווייד געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פֿאָרווערטס“ וווּ ער האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט.

---

אָרגאַניזאַציעס.“ אין פֿאָריקן נומער האָבן מיר געבעטן די פֿאַראינטערעסירטע קולטור־טוערס אונדז צו שרייבן וועגן וועלכע עס איז קריוודעס בנוגע דעם מאַטעריאַל, מחמת ווי אַ נייע אָפּטיילונג קען זיך מאַכן טעותן. ביז איצט האָבן מיר קיין שום קלאַגעס ניט געקראָגן. זיינען אפשר פֿאַראַן צוויי סיבות: אָדער עס איז אַלץ געווען אַזוי כשורה, אַז ס׳איז ניטאָ אויף וואָס זיך באַקלאָגן; אָדער די אָפּטיילונג ווערט ניט געלייענט. מיר זיינען גענייגט צו טראַכטן, אַז די ערשטע סיבה איז די ריכטיקע, אָבער זיכער זיינען מיר ניט.



## ד״ר מרדכי קאָסאָווער

דר. מרדכי קאָסאָווער, באַרימטער פֿילאָלאָג און אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער אין ייוו״א, איז געשטאָרבן דעם 3טן דעצעמבער, 1969, אין פֿריען עלטער פֿון 61 יאָר.

מרדכי קאָסאָווער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע. אַלס יונגער בחור האָט ער אַרויסגעוויזן אַ דראַנג צו פֿאָרשן און ער איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ זאַמלער פֿון פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן פֿאַרן ייוו״א. אין 1926 איז ער געפֿאָרן קיין ארץ ישראל און געשטודירט אין דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וווּ ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע ערשטע פֿאָרשונג־אַרבעטן אויף יידיש און העברעיש.

אין 1938 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט שטודירט אין דעם דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט, אין באַלטימאָר. דאָרט האָט מרדכי קאָסאָווער אָנגעשריבן זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע וועגן דעם „יידיש פֿון אַלטן יידישן ישוב אין ירושלים.“ אָט די שטודיע איז שפּעטער דערגאַנצט און פֿאַרפֿולקאָמט געוואָרן אין אַ בוך אויף ענגליש, וואָס דר. קאָסאָווער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ערשט מיט צוויי יאָר צוריק.

אין 1950 איז דר. קאָסאָווער געוואָרן אַ פּראָפֿעסאָר אין ברוקלין קאָלעדזש פֿון העברעיש און אַראַביש. ערשט די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „פֿאָרווערטס“. ער האָט זיך געגרייט אָנצושרייבן די קולטור־געשיכטע פֿון אַשכנזישן יידנטום און ער האָט אפֿילו באַוויזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם ערשטן טייל פֿון אָט דעם געפּלאַנטן גרויסן ווערק, ווען דער טויט האָט אים פּלוצים אַוועקגעריסן.

צווישן אַנדערע וויכטיקע פֿאָרשאַרבעטן האָט מרדכי קאָסאָווער אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען אין דעם ייוו״א־זשורנאַל „יידישע שפּראַך“ און ער איז געווען אַ טיכטיקער מיטאַרבעטער אין דעם גרויסן ווערטערבוך פֿון דעם יידישן לשון, אונטער דער רעדאַקציע פֿון יודל מאַרק.

* * * * *

דאָס זיינען געווען דריי שעפֿערישע מענטשן, וואָס זייער אבידה וועט זיך לאַנג פֿילן אין דער יידישער ליטעראַטור, היסטאָריאָגראַפֿיע און פּובליציסטיק.

כבוד זייער אָנדענק.





